s. Sippure Nifla'ot Hebr. Ej. 879

והלציב

ספר

# ספורי נפלאות

אין דעם ספר ווערט דער ציילט די גרויסע וואונדערליכע מעשיות וועלכע מען האט געזעהן פון הרב הקדוש המפורסם מרן ישראל דוב וצוקללה"ה מווילעדניק זי"ע ועכ"י, וועלכער ער האט באלד געזאגט יעדען מענטשען זיין חטא וואס ער האט געטהון, אונ האט איהם מדריך בתשובה געווען, אונ דורך דעם איז ער באלד געהאלפען געוואהרען, דער פון קען זיך יעדער מענטש איין מוסר נעמען וויא אזו זיך צו פירען בדרך הישר.

המאסף ברוך ראטנער מאוורוטש.

(נאכדרוק שטרענג פערבאטען)

בדפוס יורשי המנוח הר' יוסף ז"ל קעסעלמאן
ושותפם אליהו פיינבערג.

בזיטאמיר

שנת בכה דאורייתא לפ"ק

---

## СИПУРЕЙ НИФЛООТЪ

т. е. Чудные разсказы.

соч. БОРУХА РАТНЕРА.

Житоміръ Тип. наслѣдн. І. Кесельмана.

1901

זהלציב

ספר

# ספורי נפלאות

אין דעם ספר ווערט דער ציילט די גרויסע
וואונדערליכע מעשיות וועלכע מען האט געזעהן
פון הרב הקדוש המפורסם מרן ישראל דוב
זצוקללה"ה מווילעדניק זי"ע ועכ"י, וועלכער ער
האט באלד געזאגט יעדען מענטשען זיין חטא וואס
ער האט געטהון, אונ האט איהם מדריך בתשובה
געווען, אונ דורך דעם איז ער באלד געהאלפען
געוואהרען, דער פון קען זיך יעדער מענטש איין
מוסר נעמען וויא אזו זיך צו פירען בדרך הישר.

המאסף ברוך ראטנער מאוורוטש.

(נאכדרוק שטרענג פערבאטען)

בדפוס יורשי המנות הר' יוסף ז"ל קעסעלמאן
ושותפם אליהו פיינבערג

בזיטאמיר

שנת בכח דאורייתא לפ"ק

---

СИПУРЕЙ НИФЛООТЪ

т. е. Чудные разсказы.

соч. БОРУХА РАТНЕРА.

Житоміръ Тип. наслѣдн. І. Кесельмана.

1901

Дозволено Цензурою, Варшава. 24 Ноября 1901 г.

# התנצלות המאסף

אמר הק' ברוך ב"ר ישראל משה מילידי זיטאמיר מתושבי עיר אוורוטש הסמוך לווילעדניק, מעודי היותי לאיש, רגיל הייתי להקביל פני אדמו"ר ולהסתופף בצל קדשו של הרב זללה"ה לא פחות פעמים בחורש, וכל הגדולות ונפלאות ופליאות נשגבות אשר ראו עיני ולא זר, וגם את אשר תשמענה אזני בשמועה קרובה, הנעשה סמוך לבואי שמה אחר כמה חקירות ובדיקות שדרשתי אחריהם, ומצאתי כי כנים ואמתים רשמתי מני אז והנחתים באמתחתי למשמרת, והמעשיות אשר שמעתי בשמועה רחוקה אשר לאלפים ורבבות יגיעו לא רציתי לשלוח ידי עליהם, פן יהיו איזה חסרון או הוספה. והנה בעת הלולא רבא של אדמו"ר הק' בכ"א טבת העבר בעת הסעודה כנהוג בכל שנה העירוני לבי בקרבי להודות לה' חסדו על עולם שלם שעבר, מיום אשר נלקח ארון אלקים ושקעה להאיר לארץ ולדרים עליה ועלה לשמי מרום לג"ע העליון בכ"א טבת שנת תר"י וכבוד הצדיק הק' המנוח לא זזה ממקומה כי עד היום נוסעים ממרחקים על ציון הק' וכל מי שיש לו אמונה חזקה, תיכף הוא נענה לכל בקשותיו ומרבים בשליחות שמן זית להדליק לכבוד הצדיק עשישות לאין מספר ומפרנסים את המשגיחים והמדליקים שלא בצער עבור טרחתם.

וכמה וכמה מעות נשלח על ידי על שמן, וב"ה אשר לא נתנני לבי להתרשל בזה ומקיים אני לכל אחד בקשותיו ונתקיים הפסוק לזכר עולם יהיה צדיק, אולם על עולם השני אשר אנשי יודעיו ומכיריו הם מתמעטים ולעשות חסד ה' מעולם עד עולם על יראיו, אמרתי בלבי הנה העת והעונה להפיץ בישראל הגדולות והנפלאות אשר ראו עיני והנמצאים אתי בכדי להעיר לבות אחב"י ולחזק אמונתם כי גדולים צדיקים וכו', ויספרו לבניהם ולבני בניהם, וזכות הצדיק זללה"ה יגן עלינו ובעדנו לחיות חיי ארוכים בשלום והצלחה כאשר שמעתי שם הרב הק' המפורסם ר' מנחם נחום זללה"ה מטשערנאביל, פי' הפסוק אז נדברו יראי ה' וכו'. מהו הלשון נדברו, ועוד כי כל הפסוק מכופל יראי ה' איש אל רעהו ויקשב וישמע ליראי ה' ולחושבי שמו, ופירש הוא ז"ל, אז נדברו יראי ה' ר"ל אשר שני בני אדם איש אל רעהו דברו ביניהם אודות ירא ה' וסיפרו בשבחו, והם גורמים

להצדיק

להצדיק להיות שפתותיו דובבות. ר"ל עליו גם לגופו המונח בקבר ומכ"ש לנשמתו הטהורה, והצדיק מוכרח גם הוא שלא להיות כפוי טובה ולהמליץ בעד המדברים בעדו לפני הבורא יתברך שמו, וזה המכוון ויקשב וישמע מה שמדברים עבור הצדיק ומה שהצדיק מליץ בעדם, ויכתב בספר זכרון ליראי ה' ולחושבי שמו, ג"כ המכוון על שניהם ודפח"ח. לזאת הנני מבקש מאחב"י הקרובים והרחוקים אל תקפיצו ידיכם מליקח את הסיפורים כנים ואמתיים האלו ולהניח ברכה בבתיכם. וזכות תורת וצדקת הרב הצדיק זלה"ה תגן עליכם שתתברכו בחיים ושלום וכל הטוב אמן:

---

## מכתב תעודה

אנחנו ההתומים מטה המקורבים והמסתופפים בצל הרב הקדוש מווילעדניק זי"ע ועכ"י בהיותו בחיים, וידענו מכמה וכמה מעשיות מהרב הנ"ל, מעודים אנחנו על האי גברא המאסף מעשיות הללו, ה"ה הר"ר ברוך בר' ישראל משה ראטנער המתגורר בעיר אורוטש הסמוכה לווילעדניק, ומכירין אנחנו אותו שאיש נכבד הוא וח"ו לא בדה אף מעשה אחת מלבו רק כל מה שכתב לא כתב אלא מה ששמע מאנשים נכבדים אשר ידעו מהמעשיות הללו לאמיתתם,

כמו כן מבקשים אנחנו ומזהירים בהזהרת חז"ל לבל ירים איש את ידו להדפיס את לקוטי מעשיות מהרב חק' הנ"ל הן במדינה זו והן במדינה אחרת. לבד שאיסור השגת גבול ידוע ע"פ דתה"ק וחוק הקיר"ה.

וע"ז באנו על החתום פה זיטאמיר.

נאום יהושע יעקב בר' אברהם צבי כ"ץ.

נאום חיים בן יהודא ליב ווילעדניקער.

נאום ישראל נחום בר' יצחק אייזיק בהרב ז"ל.

נאום אברהם בר' אליהו כ"ץ ווזילמאן.

נאום נטע בר' נחום משה.

נאום אברהם יצחק בר' חיים גבאי מהרה"ק זצלה"ה.

---

# א.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב ר׳ משה מאהניוועקער וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן הרב הצדיק הקדוש ר׳ מרדכי שליט״א מקאראסטשוב.

הָרַב מִקָארִיסְטְשָׁאוו הָאט אַ מָאל אָנְגֶעהויבֶּען דֶער צֵיילֶען פוּן דִי ווּינְדֶער מֵהָרַב דְווּילֶעדְנִיק, אַ מָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען זַיינֶע חֲסִידִים אוּנ הָאבֶּען דֶערְצֵיילְט אַז הָרַב הַצַדִיק מְרוּזְשִׁין שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת דָאט הָרַב זֵיי גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס קֶען נִיט זַיין אַז הָרַב מְרוּזְשִׁין זָאל עֶפֶּעס רֵיידֶען אוֹיף מִיר אוּנ אִיךְ מוּז אַייךְ דֶערְצֵיילֶען אַ מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גִיוֶועזְ בְּעֵת אִיךְ בִּין אַלְט גִיוֶועזֶען דְרַייצֶעהְן יָאהְר הָאט מֶען מִיךְ גֶערוּפֶען דֶער עִילוּי פוּן קָאטֶעלְנֶע דֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ דֶער הֶערְט אַז אִין שְׁטָאט נִיוּוִיזְרָאדְקֶע אִיז אוֹיךְ פַאר הַאנְדֶען אַיין בָּחוּר וֶועלְכֶער מֶען רוּפְט אִיהְם אוֹיךְ עִילוּי, הָאט זִיךְ מִיר פֶערְגְלוּסְט זֶעהְן זִיךְ מִיט אִיהְם. נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוַואקְסֶען גֶעוָוארֶען אִין אָרוּמְקֵייט הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט גֵיין צוּ פִּיס, אִין וֶועג אִיז בַּא מִיר צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען דִי שִׁיךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט גֵיין בָּארְוִויס, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט וָואס הָרַב הַצַדִיק ר׳ שלום דֶער רוּזְשֶׁענֶער רֶבִּי זִיצְט, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צְווֵיי שָׁעָה אִין דֶער נַאכְט, בִּין אִיךְ פֶערְגַאנְגֶען צוּ אַיין בֶּעקֶער. אוּנ הָאבּ אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל מִיךְ לָאזֶען אִיבֶּער נֶעכְטִיגֶען דִי נַאכְט, הָאט עֶר מִיר גֶעהֵייסֶען אַרוֹיף גֵיין אוֹיפְ׳ן אוֹיבֶען, אוּנ וַוייל עֶס אִיז מִיר גִיוֶועזֶען זֵייעֶר קַאלְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן אוֹיבֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט, דֶער וַוייל הָאט הָרַב הַצַדִיק ר׳ שָׁלוֹם אַרַיין גֶערוּפֶען זַיינֶע גַבָּאִים אוּנ זָאגְט זֵייא אַז עֶר פִילְט אַז דֶער עִילוּי מִקָאטֶעלְנֶע אִיז יֶעצְט דָא בַּא אִיהְם אִין שְׁטָאט, אוּנ בֶּעט פוּן זֵייא זֵייא זָאלֶען מִיךְ אָפּ זוּכֶען אוּנ בֶּעטֶען מִיךְ פוּן זַיינֶעטְוֶועגֶעז אִיךְ זָאל אַרַיין קוּמֶען צוּ אִיהְם אִין שְׁטוּבּ, זַיינֶען זֵייא גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאבֶּען אִיבֶּער גֶעזוּכְט אַלֶע סְמַאנְצִיעֶס אוּנ זֵיי הָאבֶּען מִיךְ נִיט גֶעפוּנֶען, זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען פַאר הָרַב הַצַדִיק אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁטָא; אַזוֹי הָאט הָרַב אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף זֵייא אוּנ הָאט זֵייא גֶעזָאגְט: אִיךְ שַׁאף אַייךְ אַז אִיהְר זָאלְט גֵיין פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ אוּנ אִיהְם אָפְּזוּכֶען, וַוייל עֶר אִיז גֶעוִוויס דָא, אַזוֹי זֶענֶען אַ וֶועק אַלֶע גַבָּאִים אוּנ אוֹיךְ אֵיינִיגֶע חֲסִידִים מִיךְ זוּכֶען אִיבֶּער אַלֶע הַייזֶער, אוּנ ווִיא זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען

אין

אִין דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם בֶּעקֶער אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גִיפְרֶעגְט טָאמֶער גֶעפוּנְט זִיךְ בַּא דִיר אַיין אוֹרַח הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס אִיז דָא אַיין אוֹרַח פוּן אַ שָׁעָה אַז עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַיין בָּחוּר אַ בָּארְווִיסֶער הָאבּ אִיךְ אִיהְם גֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן אוֹיבֶען; זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּנ פְרֶעגֶען מִיךְ פוּן וַואנֶען בִּין אִיךְ הָאבּ אִיךְ זֵייא גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ בִּין פוּן קָאטֶעלְנֶע, אַזוֹי זָאגֶען זֵייא צוּ מִיר אַז הָרַב הָאט גִיבֶּעטֶען אַז אִיךְ זָאל בַּאלְד גֵיין צוּ אִיהְם, הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ וִויל נִיט גֵיין, זֶענֶען זֵיי אַוֶועק צוּם רֶבִּי'ן עֶנְטְפֶער גֶעבֶּען אוּנ הָאבֶּען אִיהְם אִיבֶּער גִיגֶעבֶּען מַיינֶע רֵייד. זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ מִיר נָאךְ אַ מָאהְל בֶּעטֶען מִיךְ גֵיין מִיט זֵייא לְהָרַב, דַאמָאלְס הָאבּ אִיךְ זֵייא גִיעֶנְטְפֶערְט וִויא אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין אַז מַיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ שִׁיךְ זֶענֶען צוּרִיסֶען אוּנ אִיךְ בִּין נַאקֶעט אוּנ בָּארְווִיס, אַזוֹי הָאט הָרַב גֶעהֵייסֶען אוּנ מִיהָאט מִיר גֶעבְּרַאכְט פַיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ נַייעֶ שִׁיךְ מִיט וֶועלְכֶע אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען לְהָרַב; וִויא אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר מִיר גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם, אוֹיךְ זַיין זוּן הָרַב הַצַּדִיק ר' יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם, אַזוֹי הָאט הָרַב אוֹיפְגִיעֶפֶענְט אַ גְמָרָא אוּנ בֶּעט פוּן מִיר אִיךְ זָאל זָאגֶען פַאר זֵייא אַבְּלֶעטֶעל גְמָרָא, אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטִין הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער גֶעקוּקְט אוּנ הָאבּ פַאר זֵייא גֶעזָאגְט אַ בְּלֶעטֶעל גְמָרָא מִיט דֶער רש"י ותוספות אוֹיף אוֹיס וֵוייִנִיג אוּנ זָאג לְהָרַב אוֹיבּ אִיהר פֶערְלַאנְגְט וֶועל אִיךְ פַאר אַייךְ זָאגֶען דִי וֶוערְטֶער גְלַייךְ אוּנ צוּרִיק, הָאט עֶר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז נִיט נֵייטִיג. דַאמָאלְס הָאבֶּען זֵייא מִיר עֶרְקֶענְט גוּט. — אצוּנְד וִויא קֶען אִיךְ גְלֵייבֶּען אַז הָרַב רֶעט אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטֶע רֵייד, עֶס אִיז נִיט צוּ גְלֵייבֶּען:

---

## ב.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב וֶועלְכֶער עֶר וֶוערְט אָן גֶערוּפֶען (ר' נטע דער רעבעצינס).

אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין רַייכֶער מַאן פוּן דֶער לִיטָא אוֹיף שַׁבָּת צוּם ווילֶעדְנִיקֶער רבי'ן, נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען פוּן שַׁבָּת אִין דֶער פְרִיא, אַלֶע מֶענְטְשֶׁען זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים, נָאר אֵיינִיגֶע מֶענְטְשֶׁען זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּנ הָאבֶּען אַרַיין גֶעקוּקְט אִין סְפָרִים, דֶען הָרַב הָאט נָאךְ נִיט גִיעֶנְדֶעגְט דָאס דַאוֶונֶען אִין זַיין בֵּית-קָטָן, גַם דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּנ הָאט אוֹיךְ אַרַיין גֶעקוּקְט אִין אַ סֵפֶר, פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען דֶער הֶערְט
איין

אַיין קול פון גרויס געוויין וואס הרב שרייט, האָבען מיר זיך צו געהערט צו זיינע היילעגע ווערטער האָבען מיר געהערט וויא ער שרייט וויא געשריען אויף מיינע יאָהרען, וויא געשריען אויף מיינע חדשים, וויא געשריען אויף מיינע וואָכען, וויא געשריען אויף מיינע טעג, וויא געשריען אויף מיינע שעות און מינוטין וואָס איך האָב פערבראַכט אַזוי פיל אין מאָסקווא, וויא דער סוחר האָט דער הערט די רייד איז ער זייער דער שראָקען געוואָרען און איז געפאַלען מיט דעם פנים צו דער ערד און האָט אָנגעהויבען צושרייען מיט אַיין ביטערען געוויין און מיט אַיין גרויס געשרייא און האָט געזאָגט יעצט ווייס איך אַז דער רבי איז אַיין היילעגער מענטש און ער רעדט דאָס פון מיר, דען איך האָב פאַרבראַכט פיהל צייט אין מאָסקווא, און האָב דאָרט געטהון פיל זינד און עבירות. דער נאָך האָט דער רבי געעפענט די טיהר פון זיין חדר וויא ער האָט געדאַוועט און האָט געזאָגט צו דעם סוחר דער וויל הער אויף צו טרויערען, עס וועט נאָך וועגען דעם אויך זיין צייט, בקיצור דער סוחר איז געזעסען אין ווילעדניק עטליכע טעג און איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען אַ גרויסער בעל תשובה, אַזוי האָט איהם הרב געהייסען פאָהרען אַהיים, נאָר קיין מאָסקווא זאָל ער ניט פאָהרען פון יעצט אָן און ווייטער. און אַז ער איז געקומען אַהיים האָט ער שוין מעהר נישט געוואָלט פאָהרען קיין מאָסקווא אַזוי וויא הרב האָט איהם אָן געזאָגט, אַזוי האָט ער גערופען צו זיין זוהן ר׳ נתן אויב דו ווילסט, זאָגט ער צו זיין זוהן, פאָר דו אַליין קיין מאָסקווא דען איך קען ניט פאָהרען. און האָט איהם ניט דערציילט פון קיין שום זאַך וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען. און אַזוי איז געווען זיין זוהן איז געפאָהרען קיין מאָסקווא און האָט זיך דאָרט פאַר זאַמט פיהל טעג און וויא ער איז געקומען פון וועג אַהיים איז ער אַראָפּ פונ׳ם דעת ר״ל האָט זיין פאָטער געמוזט פאָהרען מיט איהם נאָך אַמאָהל קיין ווילעדניק וויא זיי זענען געקומען אויף שבת צום רבי׳ן און אַז מיהאָט זיך געזעצט שבת צום טיש זענען געזעסען אַלע חסידים און דער סוחר אויך מי׳ט זייא, אין מיטין דער סעודה איז אַריין געקומען זיין זון וועלכער איז אַראָפּ פונ׳ם דעת ר״ל. און האָט זיך געשפּאַרט צווישען די מענטשין צו גיין להרב, האָט מען איהם צוגעלאָזט וויא ער האָט גיגרייכט צום רבי׳ן האָט ער צום רבי׳ן געזאָגט וויא אַזוי קענט איהר לאָזען מיין פאָטער צוזיצען בא אייער טיש, איהר ווייסט אַז ער האָט געטהון שלעכטע מעשים אין מאָסקווא, אַזוי אי׳ן אַזוי האָט ער געטהון, און איך האָב אויך געטהון אַזעלכע שלעכטע מעשים וויא ער, אַזוי האָבען זייא ביידע, דער פאָטער מיט דעם זוהן, אָנגעהויבען צו וויינען און קלאָגען מיט אַיין ביטערען
געוויין

גֶעוויין אוּנ אַגְרוּים קוֹל פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע זֶענֶען גִיזֶעסֶען בַּא דֶעם טִישׁ. הָאט דֶער רַב נִיט גִיקֶענְט פַאר נֶעמֶען זֵייעֶר בִּיטֶערִין גֶעוויין אוּנ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג צוּ קְלָאגֶען אִיהְר הָאט שׁוֹין מִיט דֶעם אָפּ גֶעקוּמֶען אַייעֶרֶע זִינְד, אוּנ פִיהְל עֲבֵרוֹת וֶועלְכֶע אִיהְר הָאט פֶער־זִינְדִיגְט בִּיז יֶעצְט. נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵייא גִיזֶעסֶען אִין וִוילֶעדְנִיק נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּנ הָאבֶּען פַאר בְּרַאכְט בַּא דֶעם רבי'ן דִי צַייט בִּיז דֶער זוּהְן הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, אַזוֹי זֶענֶען זֵייא אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם אוּנ זֶענֶען גֶעוָוארֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת אוּנ פְרוּמֶע לַייט.

---

# ג

## אַיין מַעֲשֶׂה נוֹרָא הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם ר׳ נטע הנ"ל

אַיין מָאהְל אוּם פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, אִין דֶער צַייט וֶוען הָרַב הָאט בַּאדַארְפְט קִדּוּשׁ מַאכֶען הָאבּ אִיךְ אִיהְם אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען דֶעם כּוֹס אוּנ הָאבּ אִיהְם גִיגֶעבֶּען אוֹיף זַיינֶע הֶענְט וִויא מַיין מִנְהָג אִיז גִיוֶוען פוּן תָּמִיד. אוּנ הָרַב הָאט גֶענוּמֶען דֶעם כּוֹס אוּנ מַאכְט נִיט קַיין קִדּוּשׁ אוּנ הָאט אִיהְם אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם טִישׁ אוּנ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר קְלֶערְט אוּנ הָאט גֶעטְרַאכְט אַיין גְרוֹיסֶען עִנְיָן דֶער נָאךְ הָאט עֶר מִיר אַנְואוּנְק גֶעטְהוּן אִיךְ זָאהְל אִיהְם אוֹיף גֶעבֶּען דֶעם צְווייטֶען מָאהְל דֶעם כּוֹס. אוּנ אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטְהוּן, הָאט הָרַב אִיהְם גֶעהַאלְטֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּנ הָאט אִיהְם ווִידֶער אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם טִישׁ, אוּנ הָאט מַפְסִיק גִיוֶוען אִין מִיטֶין אוּנ הָאט גֶעזָאגְט רוּפְט מִיר דִי צְווֵיי מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע זִיצֶען בַּייא דֶער רוּבֶּע הָאט מֶען זֵייא בַּאלְד גֶערוּפֶען זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען לְהָרַב, אַזוֹי פְרֶעגְט עֶר צוּ אֵיינֶעם פוּן זֵייא פוּן וַואנֶען בִּיסְטוּ הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ בִּין פוּן דֶער שְׁטָאט שְׁקְלָאוו אַזוֹי פְרֶעגְט אִיהְם הָרַב דוּ בִּיסְט פוּן חֲסִידִים הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט יָא הָאט גִיפְרֶעגְט הָרַב דֶעם צְווייטֶען פוּן וַואנֶען בִּיסְטוּ צוּ פוּן חֲסִידִים אָדֶער פוּן מִתְנַגְדִים, הָאט אִיהְם דֶער מֶענְטְשׁ גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין פוּן דֶער שְׁטָאט מָאהְלִיעֶוו אוּנ נִיט פוּן דִי חֲסִידִים, אַזוֹי הָאט הָרַב זֵייא גֶעזָאגְט אִיהְר זֶענְט גְלַייךְ צוּ מִדְיָן אוּנ מוֹאָב וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פוּן שְׁטֶענְדִיג אָן פַיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם צְווייטֶען נָאר אִיבֶּער דִי אִידֶען הָאבֶּען זֵייא צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעמוּזְט מַאכֶען שָׁלוֹם אַזוֹי הָאט אִיהְר אוֹיךְ גֶעמַאכְט צְווִישֶׁען זִיךְ שָׁלוֹם אוּנ רֶעדְט אוֹיף

מיר

מיר שאנדליכע רייד. דאמאלס זענען זייא דער שראקען געווארען און האבען זיך מודה געוועזן אויף זייער זינד און האבען געזאגט אז עס איז אלעס וואר און האבען אנגעהויבען זייער צו וויינען פאר דעם רב ער זאל זייא מוחל זיין אויף זייער זינד האט דער רב ניט געקאנט פאר נעמען זייער ביטערען געוויין און האט זייא מוחל געוועזן אויף זייער שולד.

---

# ד.

## די מעשה האב איך אויך גיהערט פון ר׳ נטע הנ״ל.

איין מאהל איז געקומען ר׳ יעקב מיט זיין ווייב פון דיוולין צום רבי׳ן און זייא האבען איהם גיבעטען וואס זייא האבען בעדארפט און איידער זייא האבען בעדארפט אוועק פארען האט הרב געשאפט אז ר׳ יעקב זאל איהם גיבען פינף רו״כ ניט וויינינגער און דאס איז גיוועזן זייער איין גרויסער ווינדער אז הרב זאל שאפען געלט. נאר דאס ווייב של ר׳ יעקב איז געוועזן זייער איין קארגע און האט זייער ניט געוואלט ליידען געבען דעם רבי׳ן אזוי פיהל געלט דרום האט זיא געזאגט איהר מאן אין אויער ער זאל מעהר ניט געבען דעם רבין ווי דריי רו״כ נאר דער רבי האט אבער ניט געוואלט נעמען וויינינגער וויפיל ער האט געבאטען פינף רו״כ און אזוי וויא ער האט זיך געשפארט מיט דעם רב אזוי האט דער רב געזאגט לר׳ יעקב הנ״ל מיט די ווערטער. דיין ווייב איז איין שבת גויה און איבער דעם וויל זיא ניט דו זאלסט מיר געבען פינף רו״כ וויא איך האב געוואלט בא דיר, אזוי האט זיך דער מאן זייער דער שראקען פאר די רייד פון דעם רבין און זאגט צו איהם פאר וואס מיין ווייב האלט זיא יעדערער פאר איין ערליכע, דאמאלס האט דער רב אן געהויבען צו לאכען און האט מיט אשמייכעל געזאגט צו ר׳ יעקב׳ן. אמת זיא איז איין ערליכע נאר זיא האט געגראבען קארטאפלים אום שבת, וויא ר׳ יעקבים ווייב האט דער הערט פון דעם רב האט זיא זיך זייער דער שראקען און האט אן געהויבען צו בּיסלאך זיך מודה זיין אויף איהרע זינד. אז איין מאהל שבת פאר נאכט ווען זיא האט געזעהן אז די ערלית וועט ניט קענען קאנטשען איהר ארבייט האט זיא איהר געהאלפען דער גראבען, האט הרב גיענטפערט אז עס איז ניט אזוי וויא זיא זאגט נאהר עס איז געוועזן שבת פריא פאר מנחה צייט. דאמאלס האט זיא זיך מודה ומתודה געוועזן אז עס איז אמת וויא דער רב האט געזאגט נאך

דעם

דֶעם הָאט זִיא גִיבֶּעטֶען פוּן דֶעם רַב אַז עֶר זָאל אִיהְר גֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר אִיהְר גִיגֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה, אוּנ זֵייא זֶענֶען בְּשָׁלוֹם אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים.

---

## ה׳

## אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן ר׳ נטע הנ״ל. אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע גֶעווִיסֶע מֶענְטְשֶׁען.

עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין מַעֲשֶׂה אִין דֶער שְׁטָאט נַארָאדִיטְשׁ אִיז גֶעוֶועזֶען צְוֵויא חֲבֵרִים אוּנ הָאבֶּען צוּ זַאמֶען גִילֶערְנְט גְּמָרָא מִיט מְפָרְשִׁים. אַיין מָאהְל אִיז גֶעוָוארֶען אַיין קְרִיג צְווִישֶׁען זֵייא אִין דֶעם פְּשַׁט פוּן דֶער גְּמָרָא דֶער זָאגְט אַזוֹי אוּנ דֶער צְוֵויטֶער זָאגְט אַזוֹי אִיז דֶער פְּשַׁט, בְּקִיצוּר דִי מַחְלוֹקֶת צְווִישֶׁען זֵייא אִיז גֶעוֶועזֶען זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען זֵייא אַיין פֵיינְטְשַׁאפְט אִין לֶעבֶּען. אַיינֶער פוּן זֵייא וֶועלְכֶען מֶען הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען ר׳ צבי הָאט נָאךְ גֶעזָאגְט דֶעם צְוֵויטֶען בִּיז אִין לֶעבֶּען אַרֵיין אוּנ הָאט אִיהְם פִיל שְׁלֶעכְטֶץ גֶעטָאן בִּיז דֶער חָבֵר זַיינֶער אִיז שְׁמַארְק פַאר שְׁלַאפְט גֶעוָוארֶען אִין אַיין קְלֵיינֶער צַייט אַרוּם אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִין עֶטְלִיכֶע וָואכֶען אַרוּם נָאךְ זַיין טוֹידְט אִיז דֶער גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם לר׳ צבי הנ״ל אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם קוּם מִיט מִיר צוּם דִין, אוּנ הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען צַייט דְרַייא טָאג. ווִיא ר׳ צבי הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעוַואכְט פוּנ׳ם שְׁלָאף הָאט עֶר זִיךְ דְרוֹיף אוֹיס גֶעלַאכְט דֶען עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דִי חֲלוֹמוֹת זֶענֶען פַאלְשׁ, אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט גְלֵייבֶּען אִין דֶעם חָלוֹם, ווִיא עֶס הָאט גִיפֶעלְט דִי צַייט פוּן דִי דְרַייא טֶעג אִיז דֶער גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם דָאס אַנְדֶערֶע מָאהְל, בְּקִיצוּר עֶר אִיז שְׁלַאף גֶעוָוארֶען זֵייעֶר גֶעפֶעהְרְלִיךְ אוּנ אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען, דֶעם חָלוֹם הָאט ר׳ צבי דֶער צֵיילְט זַיין וַוייבּ וֶועלְכֶע זִיא הָאט פְרִיעֶר אוֹיךְ דֶער פוּן גֶעלַאכְט אוּנ הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט גְלֵייבֶּען ווִיא עֶר, יֶעצְט אַז עֶס הָאט גֶעפֶעלְט צְוֵויא וָואכֶען נָאךְ זַיין טוֹידְט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער צוּ דֶער וַוייבּ פוּן ר׳ צבי הנ״ל אוּנ רוּפְט זִיא אוֹיךְ צוּם דִין. ווִיא זִיא הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעוַואכְט פוּן שְׁלָאף אִיז זִיא זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, דֶער וַוייל הָאט זִיא דֶער זֶעהְן אִיהְר פֶעטֶער ר׳ יעקב וֶועלְכֶער הָאט גֶעווֹאנְט אִין אַ דָארְף נִיט וַוייט פוּן נַארָאדִיטְשׁ הָאט זִיא אִיהְם דֶער צֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה. אַזוֹי הָאט דֶער פֶעטֶער אִיהְר גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס אִיז נִיט קַיין גִילֶעכְטֶער. אִיךְ פָאהְר הַיינְט אַהֵיים אוּנ מָארְגֶען פְרִיא עֶרֶב שַׁבָּת וֶועל

איך

אִיךְ אִי"ה פָּארֶען קַיין ווִילֶעדְנִיק צוּם רבי'ן דֶען עֶר אִיז גִיוֶועֶן אַיין מְקוּרָב צוּם ווִילֶעדְנִיקֶער רבי'ן אוּנ ווִיא עֶר הָאט אִיהְר צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטְהוּן, ווִיא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פְרַייטָאג פַאר נאכְט קַיין ווִילֶעדְנִיק הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטְרָאפֶען ווִיא הָרַב הָאט שׁוֹין זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אִין זַיין חֶדֶר צוּ דַאווְנֶען מִנְחָה ווִיא זַיין שַׁמַייגֶער אִיז גֶעוֶועֶן, הָאט הר' יעקב הנ"ל נִיט גֶעוָואלְט אָן קְלַאפֶּען אִין טִיהְר פוּן דֶעם חֶדֶר וָואס הָרַב הָאט זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען דָארְטֶען דַאווְנֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין אִיבֶּער וַוארְטֶען בִּיז הָרַב וֶועט אָפּ דַאווְנֶען. דֶער ווַייל הָאט עֶר דֶער צֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה דִי גַבָּאִים. ווִיא דֶער רַב אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם טִישׁ מַאכֶען קִדּוּשׁ ווִיא עֶר הָאט דֶער זֶעהְן לר' יעקב הָאט עֶר אִיהְם צוּ גֶערוּפֶען אוּנ הָאט אִיהְם אָפּ גִיגֶעבֶּען „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם" אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם וָואס עֶר ווִיל אוּנ וָואס אִיז זַיין פַארְלַאנְג. אַזוֹי הָאט ר' יעקב דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה לְהָרַב, דַאמָאלְס הָאט הָרַב אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זַיינֶע גַבָּאִים אוֹיף ר' נטע הנ"ל אוֹיךְ אוֹיף ר' יעקב'ן וָואס זֵייא הָאבֶּען נִיט אָן גֶעקְלַאפְּט אִין טִיהְר אוּנ אִיהְם בַּאלְד דֶער צֵיילֶען דִי מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז דָאךְ פְּקוּחַ נֶפֶשׁ, נָאהְר וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט אִיהְר הֶעלְפֶען אַז זִיא אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט הָרַב אָן גֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען אוֹיף דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּנ הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט: דֶער עֶרְשְׁטֶער נִפְטָר אִיז אוֹיךְ דָא פֵאר אוּנְז אִין דִי אוֹיגֶען נָאר אִיהְר זֶעהְט אִיהְם נִיט, אַזוֹי הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען רֵיידֶען צוּם גֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם אוּנ הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט: אֶמֶת דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גִירֶעכְט. נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר נִיט קַיין יוֹשֶׁר צוּ צוּנֶעהְמֶען צְווֵיי נְפָשׁוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. אוּנ אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע זֶענֶען גִיזֶעסֶען בַּא דֶעם טִישׁ הָאט זֵייא אָן גֶענוּמֶען אַיין צִיטֶערְנֶעשׁ אוּנ זֶענֶען זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען הֶערֶענְדִיג פוּן דֶעם רבי'ן אַזֶעלְכֶע הֵיילֶעגֶע וֶוערְטֶער.

---

# ו.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם זֶעלְבֶּען ר' נטע הנ"ל

אַיין מָאהֶל אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בַּאבְּרוֹיסְק אַיין מַאן מִיט זַיין ווַייבּ קַיין ווִילֶעדְנִיק וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער ר"ל, זֶענֶען זֵיי גֶעפָארֶען צוּם ווִילֶעדְנִיקֶער רבי'ן בֶּעטֶען פוּן אִיהְם אוֹיף קִינְדֶער, אַזוֹי הָאט הָרַב גִיפְרֶעגְט דֶעם מַאן פַאר וָואס שְׁלָאגְסְטוּ דַיין ווַייבּ, הָאט דֶער מַאן אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ לַייקֶענֶען אַז עֶר הָאט זִיא קַיין מָאהְל נִיט גֶעשְׁלָאגֶען, אוּנ אוֹיבּ אִיהְר ווִילְט ווִיסֶען צוּ

עם

עס איז וואר מיינע רייד קענט איהר פרעגען מיין ווייב אליין וועט זי געוויס אייך אויך זאגען דעם אמת, אזו האט הרב געענטפערט צו איהם וויא אזוי קען איך פרעגען דיין ווייב, אויב זיא וועט מיר זאגען דעם אמת וועסטו זיא נאך מעהר שלאגען אונ זיא וועט מורא האבען פאר דיר אין די אויגען צו זאגען איין ווארט, נאר איך וויים אליין גוט אז דוא האסט זיא געוויס געשלאגען אונ איין סימן קען איך דיר זאגען אז עס איז געוועזען איין מאל ערב יום כפור האט זיא דיר ניט אן געגרייט איין כפרה דען זיא האט ניט געוואוסט אז דו וועסט קומען אהיים אויף יו"כ אונ וויא זיא האט דיר ניט אזוי גיך געבראכט די כפרה האסטו זיא אן געהויבען צו שלאגען מיט דער כפרה אין קאפ, וויא דער מאן האט אויס גיהערט די ווערטער פון דעם רבי'ן האט ער זיך מודה גיוועזען אונ האט צו געזאגט אז ער וועט זיא מיין ניט שלאגען, אונ הרב האט זיי צו געזאגט קינדער אונ עס איז אזוי גיוועזען.

---

## ז.

## נאך איין שיינע מעשה מר"נ הנ"ל

עס איז געוועזען איין מעשה ביא דעם אדון צידאווסקי פון סלאוועשנע זענען געזעסען בא איהם דריי אידין ראנדארעס וועלכע זייא זענען געוועזען שותפים אין די ארענדעס מיט צווייא וואסער מיהלען, דער נאך האט דער אדון אויס געסטרויעט א ווינט מיהל, אונ עס האט איהם זייער געראהטען אז די מיהלען האבען זייער גוט געמאהלען האט דער אדון געשיקט נאך די אידין אונ ער האט ביא זייא געוואלט צווייא הונדערט רובעל איין הוספה פאר דער ווינט מיהל אונ אויב זייא וועלען ניט וועלען גיבען קיין הוספה וועט ער אליין האלטען די מיהל, אונ ער וועט פאר זאגען אלע גוים אז זיי זאלען נאהר מאהלען בא איהם אין ווינטמיהל אונ טאמער וועט זיך געפינען איין גוי וואס ער וועט וועלען מאהלען בא זייא וועט ער מוזען אפ גיבען דעם אדון קייש אפילו ער וועט בא איהם ניט מאהלען, האבען די אידין ניט געוואוסט וואס צו טהון, אונ וואס זאלען זייא ענטפערען דעם אדון ווארום עס איז זייער שווער גיוועזען צו געבען אזעלכע הוספות, איז איינער פון זייא געפארען צום רבי'ן ז"ל דאמאלס האט ער בעת זיין קומען געלערונט שו"ע יו"ד האט זיך דער רבי אן גערופען אז דער ט"ז פסק'עט אז מען זאל דעם אדון קיין הוספה ניט געבען האט זיך

דער

דֶער אִיד אָן גֶעהויבֶּען צוּ קְלָאגֶען פַאר דֶעם רבי'ן אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם וָואס וֶועט זַיין דֶען דֶער אָדוֹן וֶועט פַאר זָאגֶען אַלֶע גוֹיִם אַז זַייא זָאלֶען נִיט מָאהְלֶען אִין וַואסֶער מִיהְל הָאט זִיךְ דֶער רבי אָן גֶערוּפֶען אוּנ זָאגְט צוּם אִידִין, ר' זאב זַיין גַבְּאַי, עֶר זָאל אִיהְם דֶער לַייגֶען דִי לוּלְקֶע מִיט טִיטִין אוּנ הָאט פַאר רוֹיכֶערְט זַיין לוּלְקֶע אוּנ זָאגְט צוּם אוֹרֵחַ פָאהְר אַהֵיים אוּנ הָאבּ נִיט קַיין שׁוּם יְסוּרִים פוּן דֶעם, דִי וִוינְט מִיהְל וֶועט שׁוֹין מֶעהְר נִיט מָאהְלֶען, אוּנ וִויא אַזוֹי דֶער רבי הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר שׁוֹין דֶעם וִוינְט מִיהְל נִיט גֶעטְרָאפֶען עֶס אִיז גֶעוָוארֶען מִיט אַיין מָאהְל אַיין (רוּחַ סְעָרָה) אַיין גְרוֹיסֶער שְׁטוּרְם אוּנ הָאט צוּ בְּרָאכֶען דִי וִוינְט מִיהְל אוֹיף שְׁטִיקְלַאךְ, אוּנ דֶער אָדוֹן הָאט גֶעוָואלְט עֶטְלִיכֶע מָאהְל פַאר רִיכְטֶען דִי מִיהְל אוּנ זִיא אִיז ווִידֶער צוּ בְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען הָאט דֶער אָדוֹן מֶעהְר נִיט גֶעוָואלְט פַאר רִיכְטֶען.

---

## ח׳.

מַעֲשֶׂה עֶס אִיז אַיין מָאהְל אָן גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן צְווַייא מֶענְטְשֶׁען פוּן מַאלָא-רוּסְיָא זֶענֶען זַייא אַרַיין צוּם רבי'ן אִין חֶדֶר אוּנ דֶער רבי הָאט דַאמָאלְס גֶעזָאגְט תְּהִלִים, הָאבֶּען זַייא זִיךְ אָפּ גֶערִיקְט אִין אַ זַייט, אוּנ דֶער רבי הָאט אוֹיף זַייא אוֹיךְ נִיט גֶעקוּקְט אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם הָאט זַייא דֶער רבי גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען זֶענְט אִיהְר, הָאבֶּען זַייא גִיעֶנְטְפֶערְט מִיר זֶענֶען פוּן מַאלַא-רוּסְיָא, הָאט זַייא דֶער רבי וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט מִיט וָואס זַייא הַאנְדְלֶען, אוּנ וָואס אִיז זַייעֶר מְלָאכָה, הָאבֶּען זַייא אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט מִיר זֶענֶען גָאלְד-שְׁמִידִין הָאט דֶער רבי וִויפִיל מָאהְל אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען, גַאלְד-שְׁמִיד, גַאלְד-שְׁמִיד מִיט אַיין פַּתַּח אוּנְטֶער דֶעם גִימֶל, אוּנ זָאגְט דֶעם פָּסוּק פוּן תְּהִלִים „גַל עֵינַי וְאַבִּיטָה" וכו'. מִיט דֶעם נִיגוּן פוּן תְּהִלִים, נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אָן גֶערוּפֶען צוּ זַייא וִויא אַזוֹי שֶׁעמְט אִיהְר זִיךְ נִיט קוּמֶען צוּ מִיר וֶוען אִיהְר הָאט אַזֶעלְכֶע שׁוּלְד גֶעטְהוּן, אוּנ הָאט זַייא אוֹיס גִירֶעכֶענְט אַלֶע זַייעֶרֶע זִינְד, וִויא דִי מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען דָאס דֶער הֶערְט זֶענֶען זַייא גֶעפַאלֶען מִיט'ן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד אוּנ הָאבֶּען גֶעוַויינְט פַאר דֶעם רבי'ן עֶר זָאל זַייא גֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה, אוּנ זַיי זֶענֶען גֶעוָוארֶען עֶרְלִיכֶע אוּנ פְרוּמֶע לַייט.

---

## ט.

## נאך איין שיינע מעשה מר"נ הנ"ל.

איין מאהל איז קיין זיטאמיר געקומען איין שניידער און האט זייער מצליח געוועזן אין זיין פרנסה ביז אלע שניידער האבען איהם מקנא געוועזן דער נאך זענען זייא געוואר געווארען אז ער איז איין זאמעטניק זענען זייא געקומען צו איהם און האבען איהם געזאגט אז ער זאל פראסירען זיין אשניידער און אויב ער וועט זייא ניט פאלגען וואס זייא פאדערען פון איהם, וועלען זייא איהם מסור'ן, האט ער געמוזט פראסירען שניידערייי און איז געווארען איין בעל עגלה, און אז ער האט גיזעהן אז ער האט ניט בא דעם קיין הצלחה איז ער געפארען צום רבי'ן זלה"ה פרעגען איהם איין עצה, צו ער זאהל ארויס פאהרען פון זיטאמיר אין איין אנדער שטאט, און ווערען צוריק איין שניידער, אזוי וויא ער איז געקומען פאר דעם רבי'ן זלה"ה האט איהם הרב גיפרעגט וואס פאר איין שניידער ביסטו געוועזן, ענטפערט ער דעם רבי'ן אז ער איז גיוועזן איין דייטש שניידער אזוי האט דער רבי אהן געהויבען צו זאגען עטליכע מאהל ד"צ ד"צ און פרעגט איהם דו ווייסט וויא די ראשי תיבות פון ד"צ מאכט האט דער מענטש ניט געוואוסט וואס ער זאהל איהם ענטפערען האט דער רבי זיך אן גערופען צום שניידער, און האט אזוי געזאגט, ד"צ מאכט דאי משארקא, און דאברא טשארקא, דו האסט גענומען א ביסעל בראנפען און האסט פאר ביסען מיט ברויט פון איין גוי, און דער נאך האסטו גיגעסען שטיקלאך חזיר, וויא דער מענטש האט דאס דער הערט איז ער דער שראקען געווארען, און איז געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד, און האט אן געהויבען צו וויינען און צו שרייען, און בעט פון דעם רבי'ן א תשובה, האט איהם דער רבי גיגעבען א תשובה, דער נאך איז דער מענטש געווארען זייער איין גרויסער ערליכער איד, אויך איין פרומער.

---

## י.

מעשה לעבען ברדיטשוב אין איין קליין שטעטדיל, האט געוואהנט איין רייכער מאן, און האט ניט געהאט קיין קינדער, ער האט זייער גוט געלעבט מיט דעם רב פון זיין שטעטיל, און זייא האבען איינער דעם צווייטען זייער

ליב

לִיבּ גֶעקְרִיגֶען. אֵיין מָאהְל הָאט אִיהְם דֶער רַב אָהְן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען עֶר זָאל פָּארֶען צוּם רבי'ן פוּן ווִילֶעדְנִיק עֶר וֶועט דִיר גֶעווִיס הֶעלְפֶען אי"ה אַזוֹי הָאט דֶער רַייכֶער מֶענְטְש אִיהְם גֶעפָאלְגְט, אוּנ אִיז גֶעפָארֶען מִיט זַיין וַוייבּ צוּם רבי'ן קַיין ווִילֶעדְנִיק ווִיא זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן אוּנ הָאבֶּען אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּעטֶען זַייעֶר בַּקָשָׁה, אִיז גִילֶעגֶען אַיין הַגָדָה אוֹיף דֶעם טִישׁ הָאט דֶער רבי אַקוּק גֶעטְהוּן אִין דֶער הַגָדָה אוּנ הָאט זַייא בַּאלְד גִיעֶנְטְפֶערְט אַז זַייא זָאלֶען בַּאלְד פָּארֶען אַהֵיים, אוּנ זָאלְסְט דָארְט אִיבֶּער בֶּעטֶען אַייעֶר רַב עֶר זָאהְל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם וָואס דִי הָאסְט גֶעשׁוּלְדִיגְט אַ קֶעגִ'ן אִיהְם וֶועסְטוּ אי"ה אִין גִיכֶען הָאבֶּען קִינְדֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַייעֶר פַאר ווִינְדֶערְט אוּנ פְרֶעגְט דֶעם רבי'ן זלה"ה וָואס הֵייסְט אִיהְר מִיר אִיבֶּער בֶּעטֶען אוּנזֶער רַב וֶוען אִיךְ לֶעבּ מִיט אִיהְם אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִיט אִיהְם קַיין מָאהְל נִיט גֶעקְרִיגְט אוּנ מִיר זֶענֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶען שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע פְרַיינְד. אַזוֹי עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה נָאךְ אַמָאל פָאהְר אַהֵיים אוּנ בֶּעט אִיבֶּער אַייעֶר רַב וֶועסְטוּ אי"ה הָאבֶּען קִינְדֶער. אַקִיצוּר דֶער נָגִיד הָאט גָאר נִיט פַאר שְׁטַאנֶען וָואס דָאס בֶּעטַייט, עֶר אִיז גֶעפָארֶען מִיט זַיין וַוייבּ אַהֵיים אוּנ דֶער צֵיילְט זַייעֶר רַב דִי רֵייד פוּן דֶעם רבי'ן פוּן ווִילֶעדְנִיק. דַאמָאלְס הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט, הַיינְט זֶעה אִיךְ אַרוֹיס דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּנ'ם ווִילֶעדְנִיקֶר רבי'ן ווִיא עֶר אִיז זַייעֶר אַיין גְרוֹיסֶער נָבִיא אוּנ אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ דֶער צֵיילֶען וָואס עֶר מֵיינְט, עֶס אִיז שׁוֹין דָא צְוַואנְצִיג יָאהְר בִּין אִיךְ אוּמְגֶעפָארֶען אוֹיף דִי דֶערְפֶער אוּנ הָאבּ גֶעבְּרַאכְט יי"ש אוֹיף צוּ פַארְקוֹיפֶען, אוּנ דוּ הָאסְט דַאמָאלְס גֶעהַאלְטֶען דִי אַרֶענְדֶע בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאסְט מִיךְ גֶעמַסוּרְט פַאר דֶעם אָדוֹן, אוּנ דֶער אָדוֹן הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט נֶעכְטִיגֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְט מִיט עֲרֵלִים אוֹיךְ עֲרֵלוֹת הָאבּ אִיךְ דַאמָאלְס גֶעטְרַאכְט בַּא זִיךְ אִין הַארְצֶען אַז אִיךְ זָאל דִיר דָאס קַיין מָאהְל נִיט מוֹחֵל זַיין, אִיךְ זָאל דִיר אֵייבִּיג נִיט שֵׁיינְקֶען דֶעם בִּזָיוֹן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דַאמָאלְס גֶעטְהוּן. אַזוֹי הָאט דֶער נָגִיד אָן גֶעהוֹיבֶּען צְווֵיינֶען אוּנ קְלָאגֶען פַאר דֶעם רַב אַז עֶר זָאהְל אִיהְם מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיין שׁוּלְד, הָאט דֶער רַב אִיהְם מוֹחֵל גִיוֶועז בְּלֵב שָׁלֵם מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, אַזוֹי הָאט זַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרָאגֶען אוּנ הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער ווִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְם צוּ גֶעזָאגְט.

## יא.

## אַיין שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן ר׳ משֶׁה אייבּינדער.

אַיין מָאהֶל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ץ אַיין פרויא פוּן דֶער לִיטָא וֶועלְכֶע זִיא הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער אִיז זִיא גֶעקוּמֶען צוּ פָארֶעז צוּם רבי׳ן בֶּעטִין אוֹיף קִינְדֶער, הָאט דֶער רבי גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע רִיטֶער פוּנ׳ם בֶּעזִים אוּנ הָאט זֵייא גִיגֶעבֶּען דֶער פְרויא, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְר, פָאהְר יֶעצְט אַהֵיים, אוּנ דִי רִיטֶער זָאלְסְטוּ אָפּ קָאכֶען אוּנ דִי וַואסֶער פוּן זֵייא זָאלְסְטוּ טְרִינְקֶען אַזוֹי וֶועסְטוּ אי״ה הָאבֶּען קִינְדֶער, אַזוֹי הָאט זִיא גֶענוּמֶען פוּן דֶעם רבי׳ן דִי רִיטֶער אוּנ אִיז גֶעפָארֶען אַהֵיים מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּנ אַז זִיא אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט אִיהְר דֶער מַאן גֶעפְרֶעגְט וָואס דֶער רבי הָאט אִיהְר גִיעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי הָאט זִיא אִיהְם גֶעוִויזֶען דִיא רִיטֶער, אוּנ הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס דֶער רבי הָאט אִיהְר אָן גֶעזָאגְט צוּ טְהוּן מִיט זֵייא, הָאט זִיךְ דֶער מַאן זֵייעֶר צוּ לַאכְט פוּן דֶעם, אוּנ פוּן גְרוֹיס כַּעַס, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי רִיטֶער אוּנ הָאט זֵייא אַרוֹיס גֶעוָוארְפֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער אוֹיפְ׳ן גַאס, אוּנ נִיט וַוייט פוּן זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוֹהְנְט אַפָּאר פָּאלְג וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט ר״ל. אוּנ אַז זֵייא הָאבֶּען דֶער הֶערְט דִי קְרִיגֶע וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישֶען דֶעם מַאן אוּנ וַוייבּ, הָאבֶּען זֵייא אוֹיף גֶעקְלִיבֶּען אַלֶע רִיטְלַאךְ אוּנ הָאבֶּען זֵייא גֶעקָאכְט וִויא דֶער רבי הָאט גֶעהֵייסֶען אוּנ דִי וַואסֶער פוּן זֵיי הָאט זִיא אוֹיס גֶעטְרוּנְקֶען, אַזוֹי זֶענֶען זֵייא אִין גִיכְ׳ן נִפְקַד גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאבֶּען גֶעהַאט קִינְדֶער וִויא דֶער רבי זלה״ה הָאט צוּ גֶעזָאגְט. אוּנ אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער מַאן הָאט דָאס דֶער הֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִיט גֶעפָאלְגְט דֶעם רבי׳ן, אוּנ אִיז אַלֵיין גֶעפָארֶען קֵיין ווִילֶעדְנִיק בֶּעטֶען פוּן דֶעם רבי׳ן אוֹיף קִינְדֶער אוּנ הָאט זִיךְ דָארְטֶען גֶעמַאכְט פַאר פְּרֶעמְדְט וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה, הָאט אִיהְם דֶער רבי בַּאלְד דֶער קֶענְט, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם, יֶעצְט קֶען אִיךְ שׁוֹין דִיר גָאר נִיט הֶעלְפֶען אִיךְ הָאבּ דִיר גִיגֶעבִּין קִינְדֶער הָאסְטוּ זֵייא אַרוֹיס גֶעוָוארְפֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער, אִיז דִיר קֵיינֶער נִיט שׁוּלְדִיג, דוּ הָאסְט אַלֵיין פַאר זִינְדִיגְט.

---

## יב.

מַעֲשֶׂה אַיין מָאהֶל אִיז בַּא דֶעם רבי׳ן זלה״ה גִיזֶעסֶען אַיין פְרוֹי וֶועלְכֶע

איהר

איהר מאן האט זיא פרעסירעט, אונ האט איהר קיין גט אויך ניט גיגעבען איז זיא געזעסען איין עגונה בא דעם רבי'ן אין שטוב, אונ פלעגט אפט וויינען פאר איהם ער זאהל איהר זאגען וואו זיא זאהל זוכען איהר מאן, איין מאהל האט איהר דער רבי זלה"ה געהייסען פאהרען קיין ברדיטשוב, אונ דארט וועט זיא אי"ה געפינען איהר מאהן, האט די פרוי אן געהויבען זייער שטארק צו וויינען אונ זאגט צום רבי'ן איך ווייס ניט וויא איז ברדיטשוב, צווייטענס האב איך ניט פאר וואס צו פארען אזוי האט דער רבי זלה"ה גערופען איין בעל עגלה וועלכער ער דארף אויך פארען קיין ברדיטשוב, אונ האט אים געהייסען ער זאהל מיט זיך נעמען די פרויא אונ ברייננגען זיא אין יענער שטוב וועלכער דער רבי האט איהם געהייסען, אונ דער רבי וועט איהם באצאהלען דער פאר, אויך דער פרויא האט דער רבי זכה"ה אן געזאגט אז זיא זאהל וואהנען אין דער שטוב אונ זאהל חלילה ניט אוועק גיין פון דארט ביז זיא וועט געפינען איהר מאן, אונ אזוי איז גיוועז, די פרויא איז געקומען קיין ברדיטשוב, אונ איז פארפאהרען גלייך אין יענער שטוב האט זיא די בעל־הבית'טע ניט געטראפען נאר די דינסט, האט זיא איהר דער ציילט אלעס וואס מיט איהר האט זיך געטראפען, האט איהר די דינסט גיגעבען עסין אונ טרינקען ביז דיא בעל־הבית'טע איז אליין געקומען האט איהר דיא פרויא אויך דער ציילט אלעס אונ האט בא איהר זייער פיהל חן בעקומען ביז זיא האט אפ געשאפט די דינסט אונ האט צו גענומען די פרויא אויף דער דינסט ארט, אזוי איז אוועק פיהל צייטען. איין מאהל איז דורך געגאנגען דורך ברדיטשוב איין ראטע סאלדאטען האט מען איין סאלדאט אריין געשטעלט צו דער בעל־הבית'טע אין שטוב, נאר ער איז גיוועז זייער איין שלעכטער מענטש, אונ זייער איין בייזער, וויא ער איז אריין געקומען אין שטוב האט ער באלד געהייסען מען זאהל איהם דער לייגען עסין, אונ וויא די פרויא האט איהם דער לאנגט דאס עסין האט זיא איהם באלד דער קענט אז דאס איז איהר מאן, אונ ער האט זיא ניט דער קענט, האט די פרויא איהם אן געהויבען צו פרעגען פון וואנען ער איז האט ער איהר ניט געלייקענט, אונ האט איהר געזאגט דעם אמת פון וואנען ער איז, נאר ער האט זיך פערשטעלט אז ער איז איין ערל. האט באלד דיא פרויא דער ציילט איהר בעל־הבית'טע, איז זיא אויך אריין געגאנגען צו איהם פרעגען וואס ער איז, אונ האט געשיקט נאך בראנפען אונ האט איהם אן געשכורט אקיצור די פרויא האט איהם דער קענט מיט אלע סמנים, אז דאס איז איהר מאן, אזוי איז די בעל־הבית'טע געגאנגען צו פיינע לייט. אונ האט פאר זייא דער ציילט די גאנצע מעשה, האבען זייא איהר איין עצה גיגעבען זיא זאהל

גֵיין צוּם פָאלְקָאוְונִיק אוּנ בֶּעטֶען בַּא אִיהְם אַז עֶר זָאהל אִיהְם דֶער וַוייל אַרַיין גֶעבֶּען אִין בָּאלְנִיצֶע אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג טָאמֶער וֶועט עֶר אִין דֶער צַייט גֶעבֶּען אִיהְר אַ גֶט, אוּנ אַזוֹי הָאט זִיא גֶעטְהוּן, זִיא הָאט אִיהְם אָן גֶעשִׁכּוֹרְט מִיט בְּרַאנְפֶּען בִּיז דֶער דָאקְטָאר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף לִיגֶען אִין בָּאלְנִיצֶע עֶטְלִיכֶע טֶעג נָאךְ דֶעם הָאבֶּען זַייא אִיהְם גֶעפִירְט אִין מֶרְחָץ זֶעהְן צוּ עֶר אִיז מָהוּל, אוּנ דֶער קָאנֶען אִין אִיהְם נָאךְ אֵיינִיגֶע סִמָנִים וֶועלְכֶע דִיא פְרוֹיא הָאט נֶעגֶעבֶּען הָאבֶּען אַלֶע דֶער קֶענט אַז דאס אִיז ווירקליךְ איהַר מַאן. אַקִיצוּר עֶר הָאט גֶענוּמֶען הוּנְדֶערְט רו"כ, אוּנ הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען גֶט, אוּנ זִיא אִיז אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

---

## י"ג.

### אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב הרב ר' יעקב מו"צ מְאוּשָׁאמִיר, וָואס ר' יצחק בער מו"צ פוּן אוּשאמיר הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט.

אֵיין מָאהְל אִיז אִיהְם אוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין רַעְיוֹן אַז עֶר אִיז נִיט מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָוארוּם אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, הֵין דִי דִינִים פוּן שְׁחִיטָה, אוּנ הֵין דִי דִינִים פוּן הוֹרָאָה, אִיז אַלֶעס נָאהר פוּן וֶועגֶען פַּרְנָסָה אוּנ נִיט פוּן וֶועגֶען תַּלְמוּד תּוֹרָה, הַיינְט וִויא אִיז עֶר מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה ע"כ אִיז עֶר גֶעפָארֶען קַיין ווילֶעדְנִיק צוּם רבי'ן צוּ פְרֶעגֶען וֶועגֶען דֶעם וָואס אִיז זַיין דֵעָה דֶער בַּייא. וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן אוּנ בֵּעת עֶר הָאט אִיהְם מְקַבֵּל שָׁלוֹם גִיוֶועזְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁכָּל הַתּוֹרָה הַמְצוּיָה בְּיָדֵינוּ הִיא הַנְתוּנָה לְמֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אוּנ דִי צְווייא וֶוערְטֶער „שֶׁכָּל הַתּוֹרָה" הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע מָאהְל, דַאמָאלְס הָאט הרב ר' יצחק בער הנ"ל שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רבינ'ס עֶנְטְפֶער אוּנ הָאט שׁוֹין פַאר שְׁפָּארְט פְרֶעגֶען דֶעם רבי'ן זלה"ה וֶועגֶען דֶעם נָאךְ אַמָאהְל.

---

# יד

## די מַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ גִיהֶערְט פוּן ר׳ שְׁלמה ניסיל וָואס ר׳ מיכל סופר הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט.

אֵיין מָאהְל אִיז אִין ווִילֶעדְנִיק קַאלְיֶע גֶעוָוארֶען די מִקְוָה אוּם ווִינְטֶער מֶען הָאט נִיט גֶעקֶענְט גֵיין אִין אִיהְר, אוּנ ר׳ מיכל סופר הָאט גְרַאדֶע בֶּעדַארְפְט גֵיין אִין מִקְוָה, ער אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים וָואס עֶס אִיז נִיטָא קֵיין מִקְוָה, לִיגְט עֶר אוֹיפְ׳ן בֶּעט אוּנ טְרַאכְט וָואס זָאל עֶר טְהוּן אִין טַייךְ גֵיין אִיז פַאר פְרוֹירֶען דֶער טייךְ, הרב זלה״ה הָאט דָאס דֶער פִיהְלְט אַז ר׳ מיכל דַארְף גֵיין אִין מִקְוָה, אוּנ ר׳ מיכל׳ס דִירָה אִיז גִיוֶוען לֶעבֶּען רבי׳ן זלה״ה אִיז דֶער רבי זלה״ה צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער פוּן ר׳ מיכל׳ס שְׁטוּבּ אוּנ קְלַאפְּט אִיהְם אָהְן מיכל דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין אַ מִקְוָה ר׳ מיכל הָאט דֶער הֶערְט דָאס קוֹל פוּן דֶעם רבי׳ן אִיז עֶר תֵּיכֶף אַרוֹיס גֶעלָאפֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּנ זָאגְט אִיךְ ווִיל בְּוַודַאי גֵיין, נָאר וואוּ קֶען מֶען גֵיין קֵיין מִקְוָה אִיז נִיטָא עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי אִין טַייךְ, זָאגְט ר׳ מיכל דֶער טַייךְ אִיז דָאךְ פַאר פְרוֹירֶען, אוּנ עֶס אִיז דָאךְ אַגְרוֹיסֶער פְרָאסְט עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי לָאז דִיךְ נִיט הַארֶען קוּם מִיט מִיר הָאט ר׳ מיכל גֶענוּמֶען מִ׳ט זִיךְ אֵיין הַאק מִיט אֵיין לָאמְטֶערְנֶע, אוּנ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טַייךְ, הָאט ר׳ מיכל אוֹיס גֶעהַאקְט דָאס אַייז אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַפָּאלָאנְקֶע, אִיז דֶער רבי זלה״ה גֶעגַאנְגֶען פְרִיעֶר אִין דֶער פָּאלָאנְקֶע אוּנ הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעטִיקְט אִין טַייךְ, אוּנ הָאט זִיךְ פַאר זָאמְט דָארְט אַזוֹי ווִיא זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אִין אַ מִקְוָה, אַז דֶער רבי אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען, זָאגְט עֶר צוּ ר׳ מיכל׳עֶן, אַצוּנְד גֵייא דוּ, אוּנ ר׳ מיכל אִיז שׁוֹין גוּט דֶער פְרוֹירֶען גֶעוָוארֶען שְׁטֵיין לֶעבֶּען טַייךְ בִּיז דֶער רבי אִיז אַרוֹיס, זָאגְט עֶר צוּם רבי׳ן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, הָאט דֶער רבי אַרַיין גֶעטְהוּן דֶעם הוֹילֶען פִינְגֶער אִין טַייךְ, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם גֵייא עֶס וֶועט דִיר זַיין וַוארֶעם, הָאט זִיךְ ר׳ מיכל אוֹיס גֶעטְהוּן אוּנ אִיז אַרַיין אִין טַייךְ, אִיז דִי וַואסֶער גֶעוָוארֶען אַזוֹי וִוי אִין אַ וַוארֶעמֶער מִקְוָה, עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה גִיוֶוען, אוּנ הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעטִיקְט עֶטְלִיכֶע מָאהְל, אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּנְ׳ם טַייךְ, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה״ה אָן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאהְל נִיט דֶער צֵיילֶען דִי מַעֲשֶׂה קֵיין שׁוּם מֶענְטְשֶׁען עֶס זָאל קֵיינֶער נִיט ווִיסֶען דֶער פוּן.

---

## טו.

## איין שיינע מעשה האב איך געהערט פון ר׳ שלמה ניסן הנ״ל.

איין מאהל האט געוואוינט אין זיטאמיר איין רייכער און איין פיינער מאן וועלכער ער האט זיך גערופען ר׳ שואל בר׳ עקיבא, און דער מענטש האט ניט געטהון קיין שום זאך, און האט ניט פאר פירט קיין שום געשעפט ביז ער האט גיפרעגט דעם רבי׳ן זלה״ה. איין מאהל האט זיך איהם פערגלוסט מאכען שותפות מיט איין מענטשען אין איין מסחר, נאהר וייל ער האט באדארפט פארען קיין קיעוו, איבער דעם האט ער ניט גיקענט איין פארען קיין ווילעדניק האט ער געשיקט זיין ווייב אז זיא זאהל פארען צום רבי׳ן זלה״ה, און זאהל פרעגען בא איהם איין עצה, צו ער איז אויך מסכים אויף זיין שותפית, אזוי וויא די פרויא האט גיפרעגט בא דעם רבי׳ן זלה״ה איין עצה, האט ער איהר גיענטפערט אז ער איז אויך מוסכם אויף דעם שותפות, און פאר איהר אוועק פארען האט ער איהר אן געזאגט, אז פאר זיין פארען זאהל ער זיך אויס שמירען אין גאנצען זיין פנים מיט רויטען, האט די פרויא ניט פערשטאנען וואס דער רבי האט איר אן געזאגט, און וואס מיינט ער דער מיט. און איידער דער מאן האט געדארפט פארען קיין קיעוו, איז בא איהם דער פנים געווארען פיהל מיט מכות, און אלע דאקטורים האבען ניט געקענט העלפען דער צו, אזוי האט זיך די פרוי דער מאנט וואס דער רבי האט איהר אן געזאגט אז פאר זיין פארען זאהל ער זיך אויס שמירען דעם פנים מיט רויטען, און עס קאהן זיין אז דאס האט ער גימיינט אזוי איז זיא באלד געלאפען און האט געבראכט רויטע, און ער האט זיך מיט דעם אויס געשמירט אין גאנצען דעם פנים, און עס האט אין גיבען גיפעלט אלע מכות, און איז באלד געווארען געזונד.

---

## טז.

## איין וואונדערליכע מעשה האב איך גיהערט פון ר׳ שלמה ניסן הנ״ל.

איין מאהל איז געקומען איין פרויא פון גאנץ ווייט קיין ווילעדניק און זיא האט זיך געקלאגט פאר׳ן רבי׳ן זלה״ה אז בא איהר זענען אויסגעשטארבען

אכט קינדער וועלכע זיא האט זיי געהאט, אונ יעצט איז בא איהר ניט איבער געבליבען איינער פון זייא, האט איהר דער רבי גיענטפערט אזוי: פאר וואס קעמסטו זיך די האר פונ'ם קאפ אום שבת אונ מיט דעם רייסטו אויס איינינע האר פונ'ם קאפ, דער פאר האט מען בא דיר אויס געריכטען אלע דיינע קינדער, אזוי האט זיך די פרויא באלד מודה גיוועזן אויף איהר זינד, אונ האט גיבעטען פון דעם רבי'ן זלה"ה איין תשובה.

---

## י"ז.

מעשה אין מאזיר האט געוואוינט איין פיינער מענטש א פרנס ח"ש אונ עס איז בא איהם מעהר ניט גיוועזן וויא איין זוהן מיט איין טאכטער וועלכע ער האט זיא חתונה געמאכט פאר איין פיינעם מאן, אונ דער איידים פלעגט פארען אפט קיין ווילעדניק צום רבי'ן, חאטש דעם שווערס ווילען איז ניט געוועזן דער בייא, ווייל ער האט ניט געגלייבט אין קיין רבי'ן, אזוי וויא עס האט גיפעהלט עטליכע יאהר, אזוי איז זיין זוהן שטארק פאר שלאפט געווארען אויף דיא פיס אונ אלע דאקטורים האבען זיך פון איהם אפ געזאגט ווייל זייא האבען שוין איהם ניט געקענט אויס היילען, האט דער איידים זייער אן געהויבען צו בעטען בא זיין שווער, ער זאל פארען מיט זיין זוהן קיין ווילעדניק צום רבי'ן ער האט איהם זייער פאר לויבט דעם רבי'ן זלה"ה, אונ האט איהם דער ציילט עטליכע מעשיות פונ'ם רבי'ן זלה"ה, ביז עס איז געבליבען בא איהם ער זאהל פאהרען מיט זיין זוהן קיין ווילעדניק צום רבי'ן אונ אזוי האט ער געטהון, אונ וויא ער איז געקומען צום רבי'ן, אונ האט בא איהם גיבעטען איין רפואה שלמה דעם זוהן, אזוי האט איהם דער רבי גיענטפערט פאהר באלד אהיים מיט דיין שלאפען זוהן, אונ דו זאלסט זעהן אכטונג גיבען ווען עס וועט אהן קומען אין הקדש פון אייער שטאט איין ארומאן וועלכער ער וועט הייסען ר' „שלמה" זאלסטו איהם בעטען פון מיינטוועגען אז ער זאהל אויס הוילען דיין זוהן, אזוי איז דער מענטש אוועק געפארען מיט זיין זוהן צוריק אהיים, אונ איז באלד געקומען צו דעם משגיח פון דעם הקדש, אונ האט פון איהם גיבעטען אזוי וויא עס וועט אהן קומען איין ארומאן אין הקדש, וועלכער מען רופט איהם ר' שלמה זאהל ער איהם באלד א ידיעה גיבען, פון דער צייט אן האט זיך דער משגיח נאך גיפרעגט נאך די נעהמען פון יעדען ארומאן, אונ עס האט זיך ניט געפונען קיין שום מענטש וועלכען מען זאל רופען ר' שלמה, אונ אזוי איז אוועק געגאנגען

עֶטלִיכֶע טֶעג, אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין אָרוּמַאן, הָאט אִיהְם דֶער מַשְׁגִיחַ גֶעפְרֶעגְט אוֹיף זַיין נָאמֶען הָאט עֶר אִיהְם נִיט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערֶען, אַזוֹי הָאט דֶער מַשְׁגִיחַ גִיגֶעבֶען צוּ ווִיסֶען דֶעם מֶענְטְשֶׁען, דָאס הֵייסְט דֶעם פָּאטֶער פוּן דֶעם שְׁלַאפֶען זוֹהְן אַזוֹי אִיז עֶר אַלֵיין גֶעקוּמֶען צוּם אָרוּמַאן, אוּנ הָאט אִיהְם מְקַבֵּל שָׁלוֹם גִיוֶועז אוּנ הָאט פוּן אִיהְם זַייעֶר גִיבֶּעטֶען עֶר זָאהְל זָאגֶען ווִיא מֶען רוּפְט אִיהְם, נָאר עֶר הָאט אִיהְם אוֹיךְ נִיט גִיהֶערְט, אַזוֹ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיגֶעבֶּען אַיין עֵצָה אַז דֶער מַשְׁגִיחַ זָאל גֵיין אִין דֶעם ביהמ״ד אִין וֶועלְכֶען דֶער אָרוּמַאן דַאוֶוענְט, אוּנ זָאהְל בֶּעטֶען דִי גַבָּאִים זֵייא זָאלֶען אִיהְם אוֹיפְרוּפֶען צוּ קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּנ אַזוֹי וֶועט עֶר מוּזֶען אוֹיס זָאגֶען זַיין נָאמֶע, הָאט מֶען אַזוֹי גֶעטְהוּן אוּנ מֶען אִיז גִיוָואר גֶעוָוארֶען אַז עֶר הֵייסְט ר׳ שלמה, אַזוֹי אִיז דֶער פָּאטֶער בַּאלְד גֶעקוּמֶען צוּם אָרוּמַאן, אוּנ הָאט פוּן אִיהְם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף אַיין מָאהְל צַייט ווִיא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז אוּנ הָאט גֶעקָאנְטְשֶׁעט דֶעם מָאהְל צַייט, אַזוֹי הָאט דֶער פָּאטֶער גִיבֶּעטֶען מֶען זָאל פַאר קֵייטְלֶען דִי טְהִיר פוּן יֶענֶער זַייט, אוּנ עֶר אַלֵיין אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען מִיט דֶעם אָרוּמַאן אִין שְׁטוּב, דַאמָאלְס הָאט עֶר פוּן אִיהְם גִיבֶּעטֶען זַיין בַּקָּשָׁה וֶועלְכֶע דֶער רבי הָאט אִיהְם אָן גֶעזָאגְט, אוֹיךְ הָאט עֶר אִיהְם דֶער צֵיילְט אַז דֶער רבי זלה״ה הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט פוּן זַיין נָאהְמֶען אַז עֶר זָאהְל מַאכֶען גֶעזוּנְד זַיין שְׁלַאפֶען זוֹהְן נָאר דֶער אוֹרֵחַ הָאט נִיט גֶעוָואלְט אָן נֶעמֶען זַיין בַּקָּשָׁה, אוּנ אִיז צוּ גֶענַאנְגֶען צוּ דֶער טְהִיר אוּנ הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין ווִיא עֶר הָאט דֶער זֶעהְן אַז דִי טְהִיר אִיז פֶערְשְׁלָאסֶען, דַאמָאלְס הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט צוּם פָּאטֶער מִיט דִי וֶוערְטֶער, וָואס ווִיל דֶער רבי פוּן מִיר, עֶר קָאן דָאךְ אַלֵיין אַייךְ הֶעלְפֶען, יֶעצְט עֶפֶענְט מִיר אוֹיף דִי טְהִיר וֶועט עֶר אי״ה זַיין גֶעזוּנְד. אַזוֹי הָאט מֶען אִיהְם גִיעֶפֶענְט דִי טְהִיר, פַאר זַיין אַרוֹיס גֵיין הָאט עֶר גֶעזָאגְט „ה׳ יִשְׁלַח לוֹ מִקּוֹדֶשׁ רְפוּאָה שְׁלֵמָה״, אוּנ עֶס אִיז אַזוֹי גִיוֶועזֶען, אוּנ דֶער זוֹהְן אִיז גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד.

---

## יח.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם גַבַּאי ר׳ שלמה ניסן ז״ל

אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה אַיין אוֹרֵחַ פוּן זִיטָאמִיר ר׳ יִצְחָק בר׳ עֲקִיבָא אוּנ עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר וָואס עֶר הַאנְדֶעלְט

מיט

מִיט תְּבוּאוֹת, אוּן דִי צַייט אִיז אִיהְם גִיוֶועֶן זַייעֶר שְׁלֶעכְט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל מִתְפַּלֵל זַיין פוּן זַיינֶעטְוֶועֶגֶען, דֶער וַוייל הָאט עֶר גִיהֶערְט אַז אִין וִוילֶעדְנִיק אִיז פַארְהַאנְדֶען אַיין רַייכֶע אֲדוֹנִית הָאט עֶר זִיךְ בַּאקְלֶערְט עֶר זָאהְל אַרַיין קוּמֶען צוּ דֶער אֲדוֹנִית, אוּן זָאהְל אִיהְר פָארְשְׁטֶעלֶען אַיין פַיינֶעס מִסְחָר, אוּן דֶער וַוייל וֶועט זִיא אִיהְם גֶעבֶּען אַיין אַדֶערָאף, אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּן פְרֶעגְט אִיהְם אַיין עֵצָה וֶועגֶען דֶעם הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה נִיט גֶעהֵייסֶען טְהוּן דֶעם מִסְחָר, נָאהְר אַז עֶר הָאט פוּן אִיהְם זַייעֶר גִיבֶּעטֶען, אוּן הָאט אִיהְם זַייעֶר דֶער קוּטְשֶׁעט הָאט אִיהְם דֶער רבי גִיעֶנְטְפֶער־ט טְהוּ וִויא דוּ פַאר שְׁטֵייסְט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער אֲדוֹנִית אוּן הָאט אִיהְר פָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַ מִסְחָר פוּן תְּבוּאוֹת, אוּן הָאט בַּא אִיר גֶענוּמֶען אַיין אַדֶערָאף פִינְף טוֹיזֶענְד רו"כ, אוּן דִי תְּבוּאוֹת הָאט עֶר אִיהְר אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ בִּיסְלַאךְ. אַ קִיצוּר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּא אִיהְר חֵן בֶּעקוּמֶען אוּן אִיז גֶעוֶוארֶען זֵייעֶר גְלִיקְלִיךְ, דַאמָאלְס הָאט עֶר צוּטֵיילְט פִיל גֶעלְט דִי גַבָּאִים, אוֹיךְ צוּ אֵיינִיגֶע חֲסִידִים, אוּן וִויפִיל מָאהְל עֶר הָאט גֶעוָואלְט גִיבֶּען דֶעם רבי'ן זלה"ה פִּיהְל גֶעלְט הָאט עֶר בַּא אִיהְם נִיט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, דֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס גֶעלְט אִיז אוּמְרֵיינֶע, אוּן וִויא עֶס הָאט זִיךְ גִיעֶנְדֶעקְט זֵייעֶר מִסְחָר, הָאט עֶר גֶעפָאדֶערְט פוּן דֶער אֲדוֹנִית זִיא זָאהְל אִיהְם שֵׁיינְקֶען אַ פַיינֶע מַתָּנָה פַאר זֵייעֶר צוּ שֵׁיידֶען אַזוֹי הָאט זִיא אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַיין שֵׁיין קִישֶׁעלֶע הָאט עֶר דָאס גֶעבְּרַאכְט צוּם רבי'ן, אוּן בֶּעט פוּן אִיהְם עֶר זָאהְל בַּא אִיהְם נֶעמֶען דָאס קִישֶׁעלֶע בְּמַתָּנָה נָאהְר דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְם אָפּ גֶעזָאגְט דַאמָאלְס הָאבֶּען אִיהְם דִי גַבָּאִים גִיגֶעבֶּען אַיין עֵצָה עֶר זָאהְל דָאס קִישֶׁעלֶע אִיבֶּער לָאזֶען בַּא דֶעם רבי'ן זלה"ה אִין שְׁטוּב, אוּן דֶער רבי זָאהְל דֶער פוּן נִיט וִויסֶען, הָאט דֶער סוֹחֵר אַזוֹי גֶעטְהוּן, אוּן עֶס אִיז גִיוֶועֶן אֵיין מָאהְל צוּ דֶער סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פוּן שַׁבָּת קוֹדֶש אִיז דֶער רבי זלה"ה אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ אוּן הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען זָאגֶען תּוֹרָה וִוי זַיין שְׁטַייגֶער אִיז גִיוֶועֶן, הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט דָאס קִישֶׁעלֶע אוּן מֶען הָאט דָאס אַנִידֶער גֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין שְׁטוּל בִּכְדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיף דֶעם אַנִידֶער זֶעצֶען הָאט דֶער רבי זלה"ה נִיט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ זֶעצֶען אוֹיף דֶער שְׁטוּל חָאטְשׁ עֶר הָאט נִיט אַיין גִיזֶעהְן וָואס אִינְטֶער אִיהְם טוּט זִיךְ, אַזוֹי הָאבֶּען דִי גַבָּאִים פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רבי וִויל זִיךְ נִיט זֶעצֶען אוֹיף זַיין שְׁטוּל אִיבֶּער דֶעם קִישֶׁעלֶע אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גִיךְ גֶעבְּרַאכְט אַיין אַנְדֶער קִישֶׁען אוּן הָאבֶּען אִיבֶּער גִיבִּיטֶען דִי קִישֶׁעלַאךְ, אוּן דֶער רבי זלה"ה הָאט פוּן דֶעם אוֹיךְ נִיט גֶעוְואוּסְט, וִויא מֶען הָאט אִיבֶּער גִיבִּיטֶען דִיא קִישֶׁעלַאךְ, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ בַּאלְד אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטוּל, הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע מֶענְטְשֶׁען זֵייעֶר פַאר

וואונדערט אויף דעם, אויך זייא האבען ניט גיקענט בא זיך פועל'ן פרעגען דעם רבי'ן זלה"ה פון וואנען האט ער זיך אהין געשטויסען פון אלעם. נאר דער שוואגער דעם רבי'נס האט מעהר ניט געקאנט שווייגען און האט גיפרעגט דעם רבי'ן זלה"ה פון וואנען האט ער דאס געפיהלט, האט דער רבי גיענטפערט, דאס איז ניט פון די גרויסע וואונדער, מיר קענען דער קענע׳ פון דער בהמה וועלכע זיא גייט דורך אונזערע פענסטער, וואס פאר המעשים האט דער בעל הבית איהרער געטהון אין זיין גאנץ לעבען ביז יעצטיגען טאג.

---

# יט.

## איין שיינע וואונדערליכע געשיכטע האב איך גיהערט פון דעם זעלביגען גבאי הנ"ל.

איין מאהל איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה איין בחור פון דער ליטא, און האט זיך פאר דעם רבי'ן זלה"ה געקלאגט אז דער קהל יאגט איהם זייער נאך, און ווילען איהם אפ גיבען פאר אסאלדאט, וויא ער שטייט אזוי פאר דעם רבי'ן זלה"ה און בעט פון איהם זיין בקשה ער זאהל איהם רעטען, אזוי זאגט צו איהם דער רבי פאר וואס האסטו געשלאגען דיין מוטער. האסטו מיט דעם זייער פערשולדיגט, האט זיך דער בחור דער שראקען הערענדיג פון דעם רבי'ן אזעלכע רייד, אויך ער האט זיך פאר וואונדערט אויף דעם רבי'ן זלה"ה וויא אזוי קומט ער וויסען זיינע חטאים. אזוי האט ער זיך באלד מודה גיוועזען אויף זיין שולד, אז ער האט טאקע געשלאגען זיין מוטער, נאהר מעהר ניט וויא צווייא מאהל, און נעמט אויף זיך פון דער צייט אן און ווייטער זאהל ער שוין מעהר ניט שלאגען זיין מוטער, אזוי האט דער רבי זלה"ה אנידער געלייגט זיין רעכטע האנט אויף דעם בחור'ס רעכטען אקסעל, נאך דעם זאגט דער רבי צום בחור, יעצט פאהר אהיים און האב ניט קיין פארכט פאר קיין שום מענטשין ווארום זייא וועלען דיר ניט קענען טהון קיין שלעכטס, און אזוי איז גיוועזן. וויא דער בחור איז געקומען אהיים; אזוי האט מען איהם געהאפט, און מען האט איהם געבראכט צום פריזאס מען זאהל איהם אפ גיבען פאר א סאלדאט, האבען איהם די פריסוטסטווע ניט געוואלט צו נעמען, ווייל זיין רעכטער אקסעל איז גיוועזן נידעריגער פון דעם לינקען, און מיט דעם איז ער אויס געלייזט געווארען, און באלד איז ער געקומען צום רבי'ן און האט איהם דער צייהלט אלעס.

---

# כ.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אֵיינֶעם אַלַמְדָן אוּנ אַיין יְרֵא שָׁמַיִם מו״ה יודיל מלמד מאוורוטש.

מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גִיוֶועִן צְוֵייא גְבִירִים מְפוּרְסָמִים, גְרוֹיסֶע לַמְדָנִים זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועֶזֶען פוּן יֶענֶער זַייט ווִילְנָא, לֶערֶךְ צְוָואנְצִיג מַייל, הָאבֶּען זֵייא גִיהֶערְט פוּן דֶעם ווילעדניקער רבי׳ן זלה״ה, זַיין גְרוֹיסְקֵייט אַז עֶר ווֵייסְט אֲפִילוּ דִי טְרַאכְטוּנְג וָואס אַמֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אוּנ וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן פוּן זַיין גֶעבּוֹירֶען אָן, הָאבֶּען זֵייא נִיט גֶעוָואלְט גְלוֹיבֶּען אַזֶעלֶעכְס, אִיז גֶעוָוארֶען בַּא זֵייא בֵּיידֶע אַ הֶסְכֵּם זֵיי זָאלֶען פָארֶען קֵיין ווִילֶעדְנִיק צוּם רבי׳ן זלה״ה, זֶעהְן צוּ עֶס אִיז אַיין אֱמֶת הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען פָּאטְשְׁט, אוּנ זֶענֶען גֶעפָארֶען, זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען קֵיין יוּלְסְק אַשְׁטֶעטְיל לֶעבֶּען מָאזִיר הָאבֶּען זֵייא גִינֶעכְטִיגְט דָארְט, אוֹיף מָארְגֶען הָאבֶּען זֵייא אָפּ גֶעדַאווֶענְט דָארְט, אוּנ דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט זֵייא גֶעמַאכְט אַ מָאהְלְצַייט פוּן אַיין עוֹף, מִיט אַיין אִיזְרַאזֶע, מִיט אַיין יוֹךְ, זֵיי הָאבֶּען אָפּ גִיגֶעסֶען אוּנ זֶענֶען אַוֶועק גֶעפָארֶען, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען קֵיין סְקָארָאדְנֶע דֶער פְרָאסְט אִיז גִיוֶועֶן גְרוֹיס, דֶער וַוייל בִּיז מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעבִּיטֶען דִי פֶערְד זֶענֶען זֵייא אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע, אוּנ הָאבֶּען גֶענוּמֶען צוּ בִּיסְלַאךְ בְּרַאנְפֶען, אוֹיף דֶעם טִישׁ אִיז גִילֶעגֶען וָואלִיחְשֶׁער קֶעז, הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען דֶעם קֶעז אוּנ הָאבֶּען פַאר בִּיסֶען, אוּנ הָאבֶּען פַאר גֶעסֶען וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען אַפְלֵיישִׁיגֶע סְעוּדָה פוּן אַיין עוֹף, אוּנ עֶס אִיז נָאךְ נִיטָא קֵיין זֶעקְס שָׁעָה אוּנ ע״פ ד״ת דַארְף מֶען וַוארְטֶען זֶעקְס שָׁעָה, אַקִיצוּר זֵייא זֶענֶען אַוֶועק גֶעפָארֶען קֵיין ווילעדניק אוּנ זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי׳ן מְקַבֵּל שָׁלוֹם זַיין, נָאךְ קַבָּלַת שָׁלוֹם זָאגְט דֶער רבי צוּ זַיין גַבַּאי מו״ה ר׳ יוסף יָאסִיל דֶער לַאנְג מִיר דִי גְמָרָא חוּלִין אוּנ דֶעם יוֹרֶה דֵעָה, אוּנ דֶעם אַלְפַס, אוּנ דֶעם סֵפֶר פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, הָאט עֶר אִיהְם אַלֶעם דֶער לַאנְגְט, הָאט דֶער רבי אוֹיף גִיעֶפֶענְט דִי גְמָרָא, אוּנ הָאט אוֹיף גֶעמִישְׁט דִי מִשְׁנֶה כָּל הַבָּשָׂר, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען אוֹיפְן קוֹל, דֶער רא״ש זָאגְט אַזוֹי, דֶער יורה דעה פַּסְקְ׳עט אַזוֹי דֶער אלפס, אוּנ דֶער פני יהושע זָאגֶען אַזוֹי אִין דֶעם דִין פוּן וָואלֶעחְשֶׁען קֶעז עֶסִין נָאךְ פְלֵייש פוּן עוֹף, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען אַגְרוֹיסֶע תּוֹרָה אוֹיף דֶעם מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, בִּיז וַואנֶען עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי רֵייד אַז דֶער וָואס עֶסְט קֶעז וָואלַאחְשֶׁען נָאךְ פְלֵייש פוּן עוֹף פַאר זֶעקְס שָׁעָה וֶועט זַיין שְׁטְרָאף נָאכְ׳ן טוֹיט זַיין אַז עֶר וֶועט מְגוּלְגָל וֶוערֶען אִין אַזְשַׁאבֶּע אוֹיף אַסַאךְ יָאהְרֶען ר״ל אַז

די

דִי גְבִירִים הָאבֶּען דָאס דֶער הֶערְט הָאבֶּען זַייא זִיךְ דֶער מַאנְט אַז זֵיי הָאבֶּען דָאךְ גִיגֶעסֶען דֶעם קֶעז נָאךְ עוֹף פַאר זֶעקְס שָׁעָה, זֶענֶען זַייא זַייֶער דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פַאר וואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם רבי'ן זלה"ה וָואס עֶר הָאט זַייא צוּ גֶעטְרָאפֶען זַייעֶר חֵטְא, אוּנ מַחֲמַת גְרוֹיס וואוּנְדֶער אוּנ דֶער שְׁרֶעק הָאבֶּען זַייא גִיגֶעבֶּען אַשְׁפְּרוּנְג אוֹיפְ'ן בֵּיינֶקְער אוּנ הָאבֶּען גִיגֶעבֶּען אַקְלַאפּ מִיט דִי הֶענְט, אוּנ אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאן גְוַואלְד! וַוייא אִיז צוּ אוּנְז מִיר הָאבֶּען דָאךְ גֶעטְהוּן דִי זִינְד הַיינְטֶעגֶען טָאג, מִיר הָאבֶּען גִיגֶעסֶען וָואלֶעחְשֶׁען קֶעז נָאךְ פְלֵייש פוּן עוֹף פַאר זֶעקְס שָׁעָה, נָאךְ דֶעם זֶענֶען זַייא גֶעוָוארֶען זַיינֶע חֲסִידִים, אוּנ הָאבֶּען גֶעהַאט גְרוֹיס אֱמוּנָה אִין דֶעם רבי'ן זלה"ה.

---

# כא.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ גֶעמְרָאפֶּען פַאר אוּנְז אִין דִי אוֹיגֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּם ר"ח אֱלוּל אַיין רַייכֶער סוֹחֵר פוּן בַּאבְּרוּיקְ, ר' יצחק ראבינאוויטש, וֶועלְכֶער עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קַיין קִינְדֶער ר"ל. אֵיידֶער דֶער סוֹחֵר הָאט בַּאדַארְפְט אַוֶועק פָארֶען פוּן ווילעדניק הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאהְל אִיהְם בְּרֵיינְגֶען אַ שְׁטִיקֶעל לַייוֶוענְט פוּן בַּיינְוֶועל. הָאט אִיהְם דֶער גְבִיר צוּ גֶעזָאגְט, אוּנ אִין ר"ח חֶשְׁוָן אִיז גֶעקוּמֶען דֶער גְבִיר צוּם רבי'ן זלה"ה נָאךְ אַמָאל אוּנ הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט דָאס שְׁטִיקֶעל לַייוֶוענְט וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט בַּא אִיהְם גִיבֶּעטֶען אַזוֹי פְרֶעגְט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה צוּ עֶר הָאט אָפּ גֶעצְאהְלְט טַאמָאזְשְׁנֶע הָאט אִיהְם דֶער גְבִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט אָפּ גֶעצְאהְלְט, הָאט דֶער רבי זלה"ה אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קוּקֶען אוֹיף דֶעם שְׁטִיקֶעל לַייוֶוענְד, אוּנ הָאט עֶטְלִיכֶע מָאהְל אִיבֶּער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער א"ך טבת, הָאט דֶער גְבִיר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס בֶּעטַייט וָואס מֵיינְט דֶער רבי זלה"ה מִיט דֶעם, נָאךְ דֶעם הָאט דֶער רבי גֶעהֵייסֶען אַז זַיין וַוייבּ זָאהְל גַיין אִין וַואסֶער אַרֵיין וֶועט זִיא אי"ה אוּם שָׁבוּעוֹת הָאבֶּען אַיין בֵּן זָכָר זָאהְל עֶר אִיהְם אַיין נָאמֶען גֶעבֶּען „בועז", אוּנ אוֹיךְ עֶר וֶועט לֶעבֶּען פִינְף אוּנ אַכְצִיג יָאהְר וִויפִיל דֶער וָוארְט „בועז" בֶּעטְרֶעפְט אַזוֹי אִיז דֶער גְבִיר אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים, אוּנ א"ך טבת אִיז דֶער רבי נפטר גֶעוָוארֶען, אוּנ פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר אָן גֶעזָאגְט מֶען זָאהְל אִיהְם נֵייעֶן דִי תַּכְרִיכִים פוּן דֶעם שְׁטִיקֶעל לַייוֶוענְד. אַזוֹי הָאבֶּען זַייא זִיךְ נָאךְ דֶעם אָן

געשטויסען

גֶעשְׁטוּיסֶען וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט גֶעמֵיינְט דֶער מִיט וָואס עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער א"ך טבת.

---

# כב.

## דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם גבאי הנ"ל.

אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי"ן זלה"ה אַיין גִיפֶּעהְרְלִיכֶער מַאן מִיט זַיין וַוייבּ פוּן דֶער שְׁטָאט זְלַאטָאפָּאלְיֶע, אוּנ אִיז אַיין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים גַבַּאי ר' קַלְמָן, אוּנ הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט מִיט זִיךְ פִיהְל גֶעלְט, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פַאר זָאמְט אִין ווילעדניק אַלַאנְגֶע צַייט, נָאהְר עֶס הָאט אִיהְם גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶ'ן, אוּנ עֶר וֶוערְט אַלֶע מָאהְל עֶרְגֶער אוּנ עֶרְגֶער, אַקִיצוּר עֶס אִיז בַּא זַייא אוּיס גֶעגַאנְגֶען אִין גַאנְצֶען דָאס גֶעלְט וָואס זַייא הָאבֶּען מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט, אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען אַזוֹי הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען דֶעם שְׁלַאפֶּענְם וַוייבּ זִיא זָאהְל פַאר זֶעצֶען אִיהְר צִירוּנְג, אוּנ זָאהְל לַייאֶן אוּיף זַייא גֶעלְט, הַאלְבּ זָאהְל זִיא נֶעמֶען מִיט זִיךְ אִין פָאהְ'רֶען אַהֵיים, אוּנ דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט זָאהְל זִיא גִיבֶּען דֶעם שְׁלַאפֶּען מַאן וָוארוּם עֶר דַארְף זִיךְ נָאךְ פַארְזָאמֶען אִין ווִילֶעדְנִיק אַיין קוּרְצֶע צַייט בִּיז עֶר וֶועט וֶוערֶען אי"ה גֶעזוּנְד. אַקִיצוּר דָאס וַוייבּ הָאט גֶעטְהוּן וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר אָן גֶעזָאגְט, אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים, אוּנ דֶער שְׁלַאפֶער מַאן הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֶוערֶען עֶרְגֶער אוּנ עֶרְגֶער ר"ל. בִּיז עֶר הָאט אוּיף גִיהֶערְט צוּ רֵיידֶען ר"ל, אוּנ אִיז שׁוֹין גוֹסֵס. אוּנ זַיין אַכְסַנְיָא אִיז גִיוֶוען בַּא דֶעם גַבַּאי ר' קלמן. אַז דֶער גַבַּאי הָאט דֶער זֶעהְן אַז דֶער שְׁלַאפֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, אוּנ הַאלְט שׁוֹין פַאר'ן שְׁטַארְבֶּען אִיז עֶר גֶעלָאפֶען צוּם רבי"ן זלה"ה מִיט אַ גְוַואלְד, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם וָואס הָאט אִיהְר בֶּעדַארְפְט דֶעם חולה הֵייסֶען דָא בְּלַייבֶּען, אִין זְלַאטָאפָּאלְיֶע הָאט עֶר נִיט קֵיין אָרְט אוּיף אַיין קֶבֶר, דֶען עֶר אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, אוּנ אִיז שׁוֹין פַאר בַּייא, אַזוֹי וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט אוּיס גִיהֶערְט דֶעם גבאי'ס רֵייד, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי דוּ בִּיזְט אַיין לִינְגְער, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאךְ לֶעבֶּען, גֵייא זָאג אִיהְם אַז אִיךְ רוּף אִיהְם צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי הָאבֶּען אָן גֶעהוֹיבֶּען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען צוּ שְׁמֵייכְלֶען וָואס זַייא זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דֶער בַּייא, אוּנ זָאגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה. קֶען דֶען דָאס זַיין, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאהְל נָאךְ גֶעזוּנְד וֶוערֶען, דֶען עֶר אִיז שׁוֹין גוֹסֵס מִיר וַוייסֶען נִיט צוּ מִיר וֶועלֶען נָאךְ אִיהְם טְרֶעפֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער רבי זלה"ה אָן

גערופען

געראופען צו זייא עס איז ניט אייער עסק, איהר גייט צו איהם אונ רופט איהם צו מיר, אזו זענען געגאנגען עטליכע מענטשען צום חולה אונ האבען איהם דער ציילט וואס דער רבי זלה"ה האט זייא געהייסען, וויא באלד זייא האבען דיא ווערטער אויס גירעט פאר'ן חולה אזוי האט דער חולה אויף גיעפענט די אויגען אונ זאגט צו זייא, וויא קען איך גיין צום רבי'ן דען איך האב ניט קיין כח צו גיין, אזוי האבען זיך אלע מענטשען דער שראקען הערינדיג פון דעם גוסס אזעלכע ווערטער, אונ דער חולה איז אין עטליכע מינוט ארום געקומען צו זיך, אונ האט זיך אליין אנידער גיזעצט אויף זיין בעטיל, אונ האט אנגעהויבען צו בעטען פון אלע מענטשען אז מען זאהל איהם אונטער האלטען פאר די הענט, אונ ער וועט גיין צום רבי'ן זלה"ה, האבען די מענטשען אזו געטהון, אונ ער איז געגאנגען צום רבי'ן, וויא ער איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה האט דער רבי איהם אנידער געזעצט, אונ האט מיט איהם אביסעל גירעט, אונ האט געזאגט, א בעל מופת וועל איך בלייבען, אונ ער וועט אי"ה זיין געזונד, בקיצור אין איינינגע טעג ארום איז ער געווארען געזונד וויא איין געזונטער מענטש, אונ איז אוועק געפארען בשלום אהיים.

---

## כג.

די מעשה האב איך גיהערט פון ר' ישעי' מאורוטש, אז אין דער צייט וואס ער איז נאך גיוועזן יונג האט איהם זיין מוטער אפ גיגעבען צו איין שניידער ער זאהל איהם לערנען שניידעריי, וויא ער האט גענומען אין האנט די נאדעל אזוי איז ער אנשלאפען געווארען אונ האט ניט גיקענט גייען קיין מינוט חאטש ער איז פריער געשלאפען עטליכע נעכט, אונ וואס פאר סגולות מען האט איהם געטהון האט ניט געהאלפען, האט זיך די מוטער מיט איהם דורך געפארען קיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה איין עצה פרעגען אויף דעם, אזוי האט דער רבי זלה"ה געהייסען זיין מוטער אז זיא זאהל גיין אויף דעם ארט וויא פערד טרינקען וואסער, אונ זיא זאהל נעמען די וואסער וועלכע עס קאפעט אראפ פון די פערד'ס מיילער, אונ זיא זאהל מיט דער וואסער אפ וואשען דעם קינד'ס פנים, אונ וויא דער רבי האט איהר געהייסען אזוי האט זי געטהון אונ דאס קינד האט געהאט אין גיכ'ן א רפואה, אונ איז מעהר ניט געשלאפען אין דער צייט וואס ער האט געטהון די ארבייט.

---

# כד.

## איין שיינע וואונדערליכע מעשה האב איך גיהערט פון ר׳ משה בר׳ מאיר זאב.

איין מאהל איז געקומען זיין מוטער צום רבי׳ן זלה״ה, אונ זיא האט פאר איהם געוויינט זיא זאל האבען קינדער רען ער איז גיוועזען בא זיין מוטער איין בן יחיד, אונ דער רבי זלה״ה האט איהר צו געזאגט אז זיא וועט האבען אין דעם יאהר איין טאכטער, אונ ויא דער רבי זלה״ה האט איהר צו געזאגט אזוי איז גיוועזען, אונ וויא עס האט גיפעהלט איין האלב יאהר נאך איהר געבוירען איז דאס קינד זייער פאר שלאפט געוואָרען, אונ אלע רעצעפ׳ין וואס די דאקטורים האבען איהר גיגעבען האט גאר ניט געהאלפען, אזוי האט די מוטער גענומען מיט זיך דאס קינד אונ איז געקומען צום רבי׳ן זלה״ה, אונ האט פאר איהם אנידער געלייגט דאס קינד, אונ האט אן געהויבען צו שרייען פאר דעם רבי׳ן זלה״ה מיט די רייד, נאט אייך די מתנה וואס איהר האט מיר געשיינקט, אונ איז אוועק געגאנגען פון דעם רבי׳ן, אזוי האט דער רבי זלה״ה באלד גערופען זיין רופא ר׳ אהרן, אונ האט איהם געהייסען ברייגגען צוויא קליינע פיאווקעס אונ ער זאהל איהר שטעלען צו איהרע ביידע זייטען, האט דער רופא ר׳ אהרן אזוי געטהון, נאך דעם האט דער רבי זלה״ה איהם געהייסען אפ קאכען איין זופ אונ זאהל איהר גיבען אין איין קליין לעפעלע, האט ר׳ אהרן רופא אפ גיקאכט דעם זופ אונ וויא ער האט איהר געוואלט גיבען אין מויל מיט דעם לעפעלע, אזוי האט ער דער זעהן אז דאס קינד ליגט שוין וויא איין געשטארבענע, זיא האלט שוין פאר מאכט דאס מויל, אונ מען קען איהר ניט איין גיבען דעם זופ, אזוי האט דער רופא ר׳ אהרן הנ״ל באלד גיגעבען א ידיעה צום רבי׳ן זלה״ה פון אלעס וויא מען קען איהר ניט איין גיבען די רפואה, אונ זיא איז שוין פאר ביא, אזוי איז דער רבי זלה״ה אליין צו געגאנגען צום קינד, אונ האט גענומען דאס לעפעלע מיט דעם זופ אונ האט איהר געהייסען זיא זאהל איין נעמען וואס מען גיט איהר, האט זיא באלד איין גענומען, נאך דעם האט דער רבי זלה״ה געשיקט רופען נאך איהר מוטער אונ האט איהר געהייסען אן זייגען דאס קינד, האט די מוטער אזו געטהון וויא דער רבי זלה״ה האט איהר געהייסען, אונ אין עטליכע טעג ארום איז דאס קינד געזונד געוואָרען.

# כה.

מעשה. הגביר ר' ישעי' קאדניער פון זיטאמיר, וועלכער ער איז געוועזען איין מקורב להרב הצדיק מטשערנאביל, איז ער איין מאהל געוועזען אין ווילעדניק אונ האט זיך דארט פאר זאמט דרייא וואכען, דען ער איז געפאהרען דורך ווילעדניק אויף א חתונה קיין אווריטש, דער ווייל איז איהם געוועזען קשה איין קשיא בספר הרמב"ם ז"ל. אונ האט ניט געוואוסט איין מאמר, איז ער געגאנגען צום רבי'ן זלה"ה פרעגען איהם דעם מאמר ער זאהל איהם ענטפערען אויף זיין קשיא. וויא ער איז נאר געקומען צום רבי'ן זלה"ה אונ האט נאך ניט געפרעגט בא איהם דעם מאמר מיט זיין קשיא. אזוי האט דער רבי זלה"ה אן געהויבען זאגען דעם פסוק. „וכסף משנה קחו בידכם", אונ זאגט צו דעם גביר ר' ישעי' הנ"ל. וואס זענט איהר געקומען פרעגען איין מאמר אין דעם רמב"ם ז"ל. אויף דעם רמב"ם איז דא איין פירוש וועלכער ער ווערט אנגערופען „כסף משנה" קוקט אריין אין דעם פירוש, אזוי וועט איהר שוין וויסען דעם מאמר, אזוי האט זיך הג' ר' ישעי' זייער פאר וואונדערט אויף די רייד פון דעם רבי'ן.

---

# כו.

מעשה. אין אווריטש האט געוואוינט איין רייכער מאן ר' זלמן פון זיטאמיר, האט זיך בא איהם געטראפען א גנבה, אז אין איין נאכט האט מען בא איהם בגנב'עט זיין קלייט אויף עטליכע טויזענד רו"כ סחורה, אונ דער חשד איז געוועזען אויף צווייא שניידער, אונ מען האט געגעבען נאך איינינע סמנים אז זייא האבען צו גגנב'עט די סחורה, האט דער איספראווניק זיי באלד געהייסען בונדען, אונ האט זייא איינגעזעצט דער ווייל אין דער קליינער תפיסה, ביז מען האט אויף זייא סאסטאוועט איין פראטאקאל, אונ אויף מארגען האט מען זייא באדארפט אפ פירען אין דער גרויסער טורמע. אזוי זענען די ווייבער פון די שניידערס געקומען צו פארען קיין ווילעדניק אונ זענען אריין צום רבי'ן זלה"ה מיט איין גרויס געוויין, מיט איין גרויס געשריי, אונ האבען איהם דער ציילט אין גאנצען זייער גרויסען אומגליק, אונ וויא מארגען וועט מען זייערע מאנען אריין זעצען אין דער גרויסער טורמע, אונ אלעס איז אומזיסט דען זיי האבען גאר ניט געזינדיגט, אונ האבען גאר ניט פערשולדיגט, דען זייא ווייסען גאר ניט פון קיין שום גנבה, אזוי האט דער רבי זלה"ה אן געהויבען

זייא

וַייא צוּ טְרֵייסְטֶען, אוּנ זָאגְט צוּ זַייא שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט אַייעֶרֶע מַאגֶען וֶועט מֶען נִיט אַרַיין זֶעצֶען אִין טוּרְמֶע הָאט קַיין שׁוּם מוֹרָא נִיט, דֶען מָארְגֶען וֶועט מֶען גִיוָואר וֶוערֶען וִויא לִיגְט דִיא גְנֵבָה, אוּנ מֶען וֶועט וִויסֶען וֶוער הָאט זִיא צוּ גֶנַנְבֶ'עט, זֶענֶען דִי וַוייבֶּער גֶעקוּמֶען אַהֵיים מִיט דֶעם בִּטָחוֹן פוּנְ'ם רבי'ן זלה"ה, אוּנ וִויא דֶער רבי הָאט זַייא צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹי אִיז גִיוֶוען, אוֹיף מָארְגֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי שְׁנַיידֶערְס אִין שְׁטוּב אַרַיין אַ מְשָׁרֵת אוּנ פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף דֶעם שְׁנַיידֶער, אוּנ אַז דֶעם שְׁנַיידֶערְס זוּהְן הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת, וָואס דַארְף עֶר דֶעם פָאטֶער, הָאט אִיהְם דֶער מְשָׁרֵת גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיהְם גִיבֶּען פִינְף רו"כ אַזוֹי וֶועט עֶר אִיהְם אוֹיס זָאגֶען וִויא דִי סְחוֹרָה לִיגְט. אַלְזָא דֶער זוּהְן הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען פִינְף רו"כ הָאט עֶר אִיהְם אוֹיס גֶעזָאגְט אַז בַּא זַיין בעה"ב אִין שְׁטוּב לִיגְט דִיא סְחוֹרָה אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, אוֹיף מָארְגֶען וִויא מְ'הָאט בֶּעדַארְפְט דִי בֵּיידֶע שְׁנַיידֶערְס פִירֶען אִין דֶער גְרוֹיסֶער טוּרְמֶע. דַאמָאלְס הָאט דֶער זוּהְן גִיבֶּעטֶען בַּא דֶעם אִיסְפְּרַאוְונִיק עֶר זָאהְל מַאכֶען אַיין אָבִּיסְקֶע בַּא דֶעם בעה"ב הנ"ל אִין שְׁטוּב דֶען דֶער מְשָׁרֵת הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט אַז בַּא אִיהְם גֶעפִינְט זִיךְ דִי סְחוֹרָה, אַזוֹי הָאט מֶען בַּאלְד גֶעמַאכְט אַיין אָבִּיסְקֶע בַּא דֶעם בעה"ב אִין שְׁטוּב אִינְטֶער אַפָּאדְלָאגֶע, אוּנ מֶען הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען אִין גַאנְצֶען דִי סְחוֹרָה, אַזוֹי הָאט מֶען בַּאלְד אָפּ גֶעלָאזְט דִי בֵּיידֶע שְׁנַיידֶערְס, דֶען מֶען אִיז גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז זַייא הָאבֶּען נִיט גֶנַנְבֶ'עט דִי סְחוֹרָה, אוּנ אוֹיף זַייעֶר אָרְט הָאט מֶען צוּ גֶענוּמֶען דֶעם בעה"ב.

---

## כז.

אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין רַייכֶער מַאן מִיט זַיינֶעם אַ זִיהְן, וֶועלְכֶער עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מחלת נופל ר"ל, אוּנ הָאט גִיבֶּעטֶען פוּן דֶעם רבי'ן סְגוּלוֹת, אַזוֹי הָאט דֶער רבי זלה"ה אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען דֶעם פָּסוּק. וּמשֶׁה וְאַהֲרֹן וְחוּר עָלוּ רֹאשׁ הַגִּבְעָה וכו'. אוּנ פְרֶעגְט דֶעם בָּחוּר, עֶס אִיז דָא בַּא אַייךְ אִין שְׁטָאט אַיין גְרוֹיסֶער בַּארְג, אוּנ וִויא דֶער בָּחוּר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא, אַזוֹי הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען עֶר זָאהְל זִיךְ מוֹדֶה זַיין וָואס פַאר אַיין זִינְד הָאט עֶר גֶעטְהוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג, הָאט דֶער בָּחוּר נִיט גֶעוָואלְט אוֹיס זָאגֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער רבי זלה"ה אָן גֶערוּפֶען, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אוֹיס זָאגֶען אִיז גוּט אוּנ אוֹיבּ נִיט קֶען אִיךְ דִיר נִיט הֶעלְפֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר מוֹדֶה גֶעוֶוען, אוּנ זָאגְט צוּם רבי'ן זלה"ה, אַז אַיין מָאהְל הָאט

עֶר

עֶר זִיךְ צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען נָאךְ מִיט אֵיינֶעגֶע בַּחוּרִים, אוּנ מֶען הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דֶעם ביהמ"ד אַיין קְלֵיין ס"ת, אוּנ אֵיינֶער הָאט זִיךְ פֶערְשְׁטֶעלְט פַאר אַיין חַזָן, אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער פַאר אַיין בַּעַל קוֹרֵא אוּנ די ס"ת הָאבֶּען זַייא אַנִידֶער גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, וְוִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אַזוֹ הָאט עֶר אִיהְם גֶעהֵייסֶען גֵיין אִין ביהמ"ד אוּנ זָאהל זִיךְ מוֹדֶה זַיין פַאר אַלֶע אִין דִי אוֹיגֶען, אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטְהוּן, אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען.

---

# כח.

מעשה. אֵיין מָאהְל הָאבֶּען צְוֵוייא שְׁנַיידֶער גֶענֵייט עֶטְלִיכֶע מַלְבּוּשִׁים בַּא אַיין אָדוֹן אַ גְבִיר, אִין דֶעם דָארְף פְּרִיבִיטְקֶע, הָאבֶּען זַייא אַיין טָעוּת גֶעהַאט אוּנ הָאבֶּען אוֹיף גֶענֵייט דִי מַלְבּוּשִׁים מִיט דֶער בַּארְוֶוע אַרוֹיף, אוּנ וְוִיא זַייא הָאבֶּען גִיעֶנְדֶעקְט זַייעֶר אַרְבֵּייט, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף זַייעֶר טָעוּת, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען דֶען זַיי הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער אָדוֹן וֶועט נָאךְ זַייא הֵייסֶען בַּאצָאהְלֶען פַאר דֶער סְחוֹרָה דֶען מֶען קֶען שׁוֹין נִיט פַאר רִיכְטֶען, אַזוֹי זֶענֶען זַייא גֶעפָאהְרֶען קַיין וִוילֶעדְנִיק אוּנ הָאבֶּען דֶער צֵיילְט דֶעם רבי'ן זלה"ה דֶעם אוּמְגְלִיק וָואס עֶס הָאט זִיךְ זַייא גֶעטְרָאפֶען, הָאט זַייא דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט, הָאט נִיט קַיין שׁוּם מָרָה שְׁחוֹרָה אוּנ שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט, אִיהְר זָאלְט בְּרֵיינְגֶען אַלֶע מַלְבּוּשִׁים צוּ אַייעֶר אָדוֹן, נָאהְר וְוִיא אִיהְר וֶועט אַרַיין גֵיין צוּ אִיהְם אִין שְׁטוּב, אַזוֹי זָאהְלְט אִיהְר אִיבֶּער קֶערֶען אַיין שׁוּךְ פוּן אַייעֶר פוּס, אַזוֹי וֶועט אַייעֶר אָדוֹן'ס גֶעדַיינְק אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט וֶוערֶען, אוּנ וֶועט אַייךְ אָפּ צָאהְלֶען פַאר אַייעֶר אַרְבֵּייט, אוּנ וְוִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט זַייא צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹי אִיז גִיוֶועזְן, דֶען דִיא שְׁנַיידֶער הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט אַלֶע מַלְבּוּשִׁים צוּ דֶעם אָדוֹן, אַזוֹי הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רַייבֶּען דִי מַלְבּוּשִׁים פוּן אוּנְטֶען אַרוֹיף וְוִיא דִי בַּארְוֶוע גֵייט, אוּנ דִי אַרְבֵּייט אִיז אִיהְם זַייעֶר גִיפֶעלֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאט זַייא בַּאצָאהְלְט פַאר זַייעֶר מְלָאכָה מִיט פִיהְל דַאנְק.

---

# כט.

מעשה. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין פְרוֹיא מִיט אִיהְר פְּלִימֶענִיק

דִי פְרוֹיא הָאט בַּאדַארְפְט נֶעמֶען בַּא אִיהְר מַאנְס אַ בְּרוּדֶער חֲלִיצָה וֶועלְכֶער עֶר אִיז מֶעהְר נִיט אַלְט גֶעוֶוען וִויא אַיין יָאהְר, אוּנ דֶער פְּלִימֶענִיק אִיז גִיוֶוען אַ מְשׁוּגָעֶנֶער ר"ל, וְוִיא זַייא הָאבֶּען פַאר זָאמְט אִין וְוִילֶעדְנִיק עֶטְלִיכֶע טֶעג אַזוֹי הָאט דֶער רבי זלה"ה זַייא גֶעשִׁיקְט רוּפֶען אוּנ זָאגְט צוּ דֶער פְרוֹיא זַייא וְוִיסֶען אַז דֶער קְלֵיינֶער שְׁוָואגֶער דַיינֶער פוּן וֶועלְכֶען דִי דַארְפְסְט נֶעמֶען חֲלִיצָה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ דַיין פְּלִימֶענִיק וֶועט אי"ה אִין גִיכְ'ן גֶעזוּנְד וֶוערֶען אוּנ וֶועט שׁוֹין זַיין קְלָאהְר, וְוִיא זַייא הָאבֶּען גִיהֶערְט דִי רֵייד פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה אַזוֹי זֶענֶען זַייא גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים מִיט פְרֵיילֶעכֶע הֶערְצֶער, וְוִיא זַייא זֶענֶען אָן גֶעקוּמֶען קַיין נַארִינְסְק אַזוֹי הָאבֶּען זַייא גִיהֶערְט אַז אִיהְר שְׁוָואגֶער אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּיךְ דֶער פְּלִימֶענִיק אִיז גֶעוָוארֶען קְלָאהְר וְוִיא פְרִיעֶר.

---

# ל.

מעשׂה. אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט מר' צבי דוב ע"ה פוּן אוורוּטש אֵיין מָאהְל אִיז זַיין אֵיינֶעקֶעל גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוער צוּ קִינְד אוּנ זִיא אִיז גִיוֶוען אִין אַגְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָארֶען קַיין וְוִילֶעדְנִיק עֶרֶב שַׁבָּת, אוּנ הָאט בַּא דֶעם רבי'ן זלה"ה שַׁבָּת גֶעהַאלְטֶען, וְוִיא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר קִדּוּשׁ אַזוֹי רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רבי זלה"ה צוּ אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען, גִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשֶׁען מז"ט, דֶען זַיין אֵיינִיקֶעל הָאט גֶעבּוֹירֶען אַיין בֶּן זָכָר, נָאךְ דֶעם אִיז מֶען גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז אִין דֶער שָׁעָה, אוּנ אִין דֶער מִינוּט, וְוִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְם אָן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינִיקֶעל הָאט גֶעבּוֹירֶען אַיין בֶּן זָכָר אִיז אַזוֹי גִיוֶוען, אוּנ עֶס הָאט נִיט גֶעפֶעהְלְט אֲפִילוּ קַיין אֵיין מִינוּט פוּן דֶער צַייט וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְם אָהְן גֶעזָאגְט דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה.

---

# לא.

מעשׂה אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין פְרוֹיא מִיט אַיין קִינְד פוּן נַיין יָאהְר, וֶועלְכֶער עֶר אִיז שְׁטוּם גֶעוָוארֶען בְּעֵת עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאהְר, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען דֶער פְרוֹיא זִיא זָאהְל נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּנ אַרַיין וַוארְפֶען אִין טַייךְ, הָאט דִי מוּטֶער נִיט גֶעוָואלְט פָאלְגֶען דֶעם רבי'ן, נָאהְר וְוִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר גֶעהֵייסֶען עֶטְלִיכֶע מָאהְל, אַזוֹי

הָאט גֶענוּמֶען דִיא מוּטְער אַיין שְׁטְרִיק אוּנ הָאט גֶעבּוּנְדֶען אִיהְר קִינְד, אוֹיךְ אֵיינֶעגֶע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען אִיהְר גֶעהָאלְפֶען אַרַיין וַוארְפֶען דָאס קִינְד אִין טַייךְ, אוּנ אַז דָאס קִינְד הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מֶען וֶועט אִיהְם בַּאלְד אַרַיין וַוארְפֶען אִין טַייךְ אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּעטֶען בַּא דֶער מוּטֶער, אוּנ זָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער. מוּטֶער! פַאר וָואס ווִילְסְטוּ מִיךְ אַרַיין וַוארְפֶען אִין טַייךְ! ווִיא דִי מוּטֶער הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אַז דָאס קִינְד הָאט שׁוֹין אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען, אַזוֹי הָאט זִיא זִיךְ זַייעֶר דֶער פְרֵייעֶט, אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעלָאפֶען צוּ דֶעם רבי'ן זלה"ה, אָן זָאגֶען אִיהְם דִי בְּשׂוֹרָה, אַזוֹי הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט. אַז וַוייל עֶר אִיז דוּרְךְ וַואסֶער שְׁטוּם גֶעוָוארֶען דְרוּם אִיז דוּרְךְ וַואסֶער הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען.

---

## לב.

מעשׂה, אֵיין מָאהְל אִיז גֶעפָאהְרֶען אַיין מֶענְטְשׁ פוּנְ'ם רבי'נס חֲסִידִים קַיין ווִילֶעדְנִיק, אוּנ עֶר אִיז גֶעפָארֶען פְרַייטָאג פַאר נַאכְט, אוּנ אִיז אַנְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ דֶער פֶערְד אִיז אַרָאפּ פוּנְ'ם וֶועג אוּנ הָאט אַרָאפּ גֶעבְּלָאנְזֶעט אִין אַיין גֶעדוּכְטֶען וַואלְד, אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף גֶעחַאפְּט פוּן זַיין שְׁלָאף, הָאט עֶר דֶער זֶעהְן ווִיא עֶס אִיז שׁוֹין נַאכְט גֶעוָואהְרֶען, אוּנ אִיז אִין מִיטֶען וַואלְד, אַזוֹ אִיז עֶר אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען פוּנְ'ם וָואגֶען אוֹיס צוּ זוּכֶען אַיין שְׁטֶעשֶׁקֶע הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אִין מִיטֶען וַואלְד אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע, הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר דֶער פְרֵייעֶט, אוּנ אִיז צוּגֶעפָארֶען צוּ דֶער שְׁטוּבּ, ווִיא עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אַז אַיין אַלְטֶער גוֹי זִיצְט, הָאט עֶר אִיהְם גִיפְרֶעגְט צוּ עֶר וֶועט אִיהְם לָאזֶען שַׁבָּת הַאלְטֶען בַּא אִיהְם אִין שְׁטוּבּ, הָאט דֶער אַלְטֶער אִיהְם פָּאזְוָואלְיֶעט, אַזוֹי הָאט עֶר בַּאלְד אַרַיין גֶעפִירְט זַיין פֶערְד אִין שְׁטַאל אַרַיין, אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין, אוּנ עֶר הָאט בַּא זִיךְ גֶעהַאט דְרַייא חַלוֹת, ווִיא עֶר הָאט נָאהְר אָפּ גֶעדַאוֶוענְט תְּפִלַּת עַרְבִית, אַזוֹ זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ דְרַייא עֲרֵלִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעם אַלְטֶענְס קִינְדֶער, אוּנ פְרֶעגֶען דֶעם פָּאטֶער אוֹיף דֶעם אִידֶען, פוּן וַואנֶען קוּמְט עֶר אַהֶער אוּנ וָואס טוּט עֶר דָא, אַזוֹי הָאט זַייא דֶער פָּאטֶער דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס דֶער אִיד הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט פַאר בְּלָאנְזֶעט אַהֶער, אוּנ הָאט גִיבֶּעטֶען אִיךְ זָאל אִיהְם לָאזֶען שַׁבָּת הַאלְטֶען, ווִיא זֵייא הָאבֶּען גִיהֶערְט דִי רֵייד פוּן זַייעֶר פָּאטֶער, הָאבֶּען זֵייא צְווִישֶׁען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שׁוּשְׁקֶען אַז זֵייא זָאלֶען

הרג'נען דעם אידען, אונ דער איד האט אלעס גיהערט, האט ער זיך זייער דער שראקען, אונ האט בא זייא אנגעהויבען צו בעטען זייא זאלען איהם ניט הרג'נען נאהר אז ער האט דער זעהן אז עס וועט איהם גאר ניט העלפען, אזוי האט ער בא זיי גיבעטען זייא זאלען איהם לאזען צו רוה ביז שבת צו נאכט, בכדי ער זאהל חאטש קענען אפ זאגען ווידוי ווייל אום שבת טאהר מען ניט זאגען קיין ווידוי, אונ זאגט צו זייא איך בין דאך בא אייך אין די הענט אלע צייט, אזוי האבען זיי איהם געפאלגט אונ האבען איהם געלאזט לעבען ביז מוצש"ק, נאך דעם האבען די ערלים גיגעסען אונ געטרונקען, אונ זענען אוועק געגאנגען שלאפען אויף זייערע גילעגערס, אונ דער אומגליקליכער איד האט ניט צו געמאכט קיין אויג, א גאנצע נאכט נאהר ער האט געזאגט תהלים מיט איין ביטער געוויין ביז עס איז געווארען טאג, אונ אז עס איז שוין געווארען טאג איז דער איד אויף געשטאנען פונ'ם גילעגער, אונ האט זיך געוואשען, אונ האט זיך געשטעלט דאווענען תפלת שחרית, וויא ער האט אפ געדאווענט אזוי האט ער זיך געוואשען עסען די צווייטע סעודה, נאהר עס איז איהם ניט געגאנגען קיין עסען פאר גרויס פארכט, אזוי האט ער גענומען די חלה אונ האט אפ גיגעבען דעם גרויסען אונ גילערענטען הונט וועלכען מען האט איבער גילאזט לעבען דעם אידען ער זאל ניט אנטלויפען, ווארום די ערלים זענען אוועק געגאנגען אויף זייער ארבייט, אונ פרייטאג צו נאכט האט ער אויך גיגעבען דעם הונט איין חלה, נאך דעם האט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה, אונ האט גיגעסען די דריטע סעודה, אונ אז ער האט ווייטער ניט גיקענט עסען האט ער געמוזט ווייטער אפ געבען דעם גרויסען הונט. בקיצור דער הונט איז בע-קאנט געווארען מיט דעם אידען, אונ האט זיך מיט איהם געשפילט וויא מיט זיינע בעלי בתים. אונ אז עס איז געווארען נאכט, אונ דער איד האט געזעהן אז קיינער איז ניטא אין שטוב נאהר דער אלטער גוי וועלכער ער ליגט אויף דעם אויבען, אויך מיט דעם הונט איז ער בעקאנט, האט ער זיך באקלערט ער זאהל פון דאנען אוועק פאהרען, אזוי איז ער געגאנגען אין שטאל אריין אונ האט איין געשפאנט זיין פערד, אונ דער הונט האט אויף איהם ניט געבילט ער איז נאהר געשטאנען לעבען איהם, אזוי איז ער ארויף אויפ'ן וואגען אונ אונ דער הונט איז איהם נאכגעגאנגען, אונ איז אוועק געפאהרען אויף איין אנדער וועג, וועלכען ער האט נאך גיזעהן בא טאג, וויא ער איז אפ געפאהרען עטליכע ווערסט, אזוי האבען איהם די גזלנים באגעגענט אונ האבען געזאגט צו איהם, דו מיינסט אז דו וועסט זיך אויס דרייאן פון אונזערע האנד אבער גאר ניט! אונ זענען באלד צו געגאנגען צו איהם, אונ האבען איהם געוואלט

הרגענען

הרגענען, אזוי איז דער הונט ארויף געשפרונגען אויף זייא און האט זייא צו־ביסען און צוריסען איינצעגוויים. דאמאלס האט דער איד גיזעהן גאטס וואונדער די גרויסע אז ער האט איהם גירעטעט פונ'ם טוידט און האט באלד גיבענטשט „גומל", פון דארט איז ער אוועק געפארען, און דער הונט לויפט פריער צו ווייזען איהם דעם וועג, אזוי איז דער איד נאך געפאהרען נאך דעם הונט ביז ער איז ארויף אויפ'ן וועג, און אין מיטען וועג האט דער איד דער זעהן וויא דער הונט ווערט פאר ענדערט, און איז געפאלען צו דער ערד און איז געפיגערט אויף דעם ארט אונטער א בוים, און דער איד איז באלד געקומען צום רבי'ן זלה"ה און דער ציילט איהם די גאנצע געשיכטע וויא עס האט זיך מיט איהם געפאסירט אז איין הונט האט איהם גירעטעט פון טויט. דאמאלס האט איהם דער רבי זלה"ה געזאגט, וואס האסטו באדארפט גיבען דעם הונט נאך פון דער דריטער סעודה עס וואלט גענוג גיוועזן איהם די ערשטע צווייי סעודות. יעצט נעם דריי ארשין לייווענט אויף תכריכים, און וויקעל איין דעם הונט, און בעגראב איהם אויף זיין ארט, ווארום ער איז גיוועזן איין גלגול, האט דער איד אזוי געטון וויא דער רבי זלה"ה האט איהם געהייסען.

---

## לג.

איין מאהל איז דער רבי זלה"ה גיוועזן אין איין שטאט, און אין דער צייט איז איין מלמד ארויס געגאנגען פון זיין חדר און איז פאר פאלען געווארען דען מען האט איהם געזוכט דריי טעג, און מען קען איהם ניט געפינען, און אז דער רבי זלה"ה איז געוואר געווארען פון דער מעשה אזו האט ער זיך אן גע־רופען צו זיינע מענטשען, גייט און זוכט איהם אין זיין קעלער, דארט ליגט ער מסתמא איין געשטארבענער, און אזוי איז געוועזן.

---

## לד.

מעשה, די אדונית פון דער שטאט משודנאוו האט קיין קינדער ניט געהאט, איין מאהל האט זיא געשיקט דעם מוכסן פון איהר דארף ער זאהל פאהרען קיין ווילעדניק און זאהל בעטען פון דעם רבי'ן זלה"ה אז זיא זאהל האבען קינדער, און דער פאר וועט זיא טהון פיהל טובות די אידין פון איהרע

דערפער

דֶערְפֶער, אִיז דֶער אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס דִי אֲדוֹנִית הָאט אִיהְם גִיבֶּעטֶען, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט נָוען נָאר אִין דֶעם גִיוֶועְנְט זִיךְ טוֹבוֹת צוּ טְהוּן לְהַכְּלָל וֶועט זִיא אי"ה הָאבֶּען קִינְדֶער, אוּנ אַזוֹי וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹ אִיז גִיוֶועְן, דֶען דִי אֲדוֹנִית אִיז נִפְקַד גֶעוָוארֶען אִין דֶעם יָאהְר, אוּנ הָאט גֶעהַאט אַיין טָאכְטֶער.

---

# לה.

מעשׂה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין אִשָּׁה עֲגוּנָה וָועלְכֶע אִיהְר מַאן הָאט זִיא אַוֶעק גֶעוָוארְפֶען, אוּנ זִיא וַוייסְט נִיט וואוּ גֶעפִינְט עֶר זִיךְ זִי זָאהְל קֶענֶען נֶעמֶען בַּא אִיהְם גֶט, אַזוֹי אִיז זִיא גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה, עֶר זָאהְל אִיהְר זָאגֶען וואוּ קֶען זִיא זוּכֶען אִיהְר מַאן, אַזוֹי הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט, פָאהְר קַיין זִיטָאמִיר דָארְט וֶועסְטוּ גֶעוִויס גֶעפִינֶען דַיין מַאן, נָאהְר דוּ וֶועסְט נָאךְ דַארְפֶען אָן קוּמֶען צוּם גוּבֶּערְנַאטָאר, וִויא דִי פְרוֹיא הָאט דֶער הֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה אַזוֹי אִיז זִיא בַּאלְד גֶעפָאהֶרֶען קַיין זִיטָאמִיר, אוּנ הָאט דָארְט דֶער זֶעהְן אִיהְר מַאן וֶועלְכֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיין גָארָאדָאוָואי, הָאט עֶר מִיט אִיהְר גָאר נִיט גֶעוָואלְט רֵיידֶען, אוֹיךְ עֶר הָאט זִיךְ נִיט פְּרִיזְנַאיֶעט צוּ אִיהְר, אַזוֹ אִיז זִיא גֶעגַאנְגֶען צוּם גוּבֶּערְנַאטָאר, אוּנ עֶר הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט רוּפֶען, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ בַּאלְד מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז עֶר אִיהְר מַאן, אוּנ הָאט אִיהְר גִיגֶעבֶּען אַיין גֶט וִוי דֶער רבי הָאט גִיזָאגְט.

---

# לו.

## אַיין שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב מו"ה ר' זלמן.

מעשׂה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין פְרוֹיא צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט פַאר אִיהם גֶעוֵויינְט אַז זִיא אִיז שׁוֹין אַיין עֲגוּנָה פוּן עֶטְלֶעכֶע יָאהְר, אוּנ וַוייסְט נִיט וואוּ אִיהְר מַאן אִיז, אַזוֹי הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען אַז זִיא זָאהְל פָאהְרֶען קַיין קִיעֶוו, אוּנ וִויא זִיא וֶועט אָן קוּמֶען אִין אַיין גַאס, אַזוֹ וֶועט זִי דֶער זֶעהְן אַיין סָאלְדַאט פָאהְרְט אוֹיף אַיין וַוייסֶען פֶעְרד, זָאהְל זִיא פוּן אִיהְם נִיט

אוועק

אוועק גיין ביז ער וועט זיך פריזנאיען אז ער איז איהר מאן, האט די פרויא אזו געטאן וויא דער רבי זלה"ה האט איהר געהייסען, אונ וויא זיא איז געקומען אין יענער גאס, אזוי האט זיא דער זעהן וויא איין סאלדאט פאהרט רייטענדיג אויף איין ווייסען פערד, אונ זיא האט איהם באלד דער קענט אז דאס איז איהר מאן וועלכער ער האט זיך געטויפט, האט זיא שוין פון איהם ניט אפ געטראטען אונ איז נאך געגאנגען נאך איהם טריט באטריט, ביז ער איז געקומ'ען אויף זיין ארט, אונ האט זיך דארט צו געשטעלט, אונ דעם פערד האט ער ארייין געפירט אין שטאל אריין אונ האט גענומען דאס בערשטעל צו אפ רייניקען דעם פערד, דאמאלס איז זיא צו געגאנגען צו איהם, אונ האט אן געהובען צו וויינען אונ אונ צו קלאגען, אונ זאגט צו איהם, דו האסט מיך דער קאנט איך בין דאך דיין ווייב, האט ער זיא געפרעגט, וואס ווילסטו. אזו האט זיא איהם גיענטפערט גיב מיר גט. האט ער זיך צו איהר אן גערופען נעכטיג היינטיגע נאכט דא, אונ אויף מארגען גיב איך דיר גט, אזו וויא דו פאדערסט פון מיר, אזו איז זיא אוועק גע-גאנגען צו א דיין פרעגען צו מען מעג אזוי, האט איהר דער דיין גיענטפערט ווען עס איז ניטא קיין אנדער עצה מעגסטו. אזוי איז זיא באלד צוריק געגאנגען דאס צווייטע מאהל, האט זיא איהם נאך געטראפען ריינעקען דאס פערד, אונ פאר איהר אין די אויגען האט איהם דער פערד איין קלאפ געטאן אין שטערען אונ איז אויפ'ן ארט געשטארבען, אזוי האט זיא געשטעלט עדות, אונ מען האט איהר גיגעבען איין פטור. אונ אז זיא איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה זאגט דער רבי ווייבער קען מען גיך איין ריידען ער האט שוין בא דיר געפועל'ט.

---

# לז.

מעשה. איין מאהל איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה איין סוחר אום חול המועד סוכות, האט ער געטראפען אין דער צייט וואס דער רבי זלה"ה האט געדאווענט שחרית, האט זיך דער סוחר אנידער געשטעלט פון ווייטענס זעהן די הנהגות פון דעם רבי'ן זלה"ה, אונ וויא אזוי וועט ער פראווען די נענועים אונ אז דער רבי האט אנגעהויבען פראווען די נענועים. אזוי האט ער אנגע-הויבען צו שרייאן מיט איין גרויס קול. ווייא איז צו מיר, אונ האט ווידער געזאגט, מזרח וואס האסטו געטהון אין מאסקווא, דרום וואס האסטו געטהון אין קאנאטאפ, אונ וויא דער רבי זלה"ה האט אנגעהויבען צו דער מאגען די שטעט, אזוי איז דער סוחר זייער דער שראקען געווארען, אונ איז געפאלען

מיט'ן

מִיטְ'ן פְּנִים צוּ דֶער עֶרְד אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּם רבי'ן זלה"ה פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁען װֶעלְכֶע זַײא זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען לֶעבֶּען אִיהְם, רבי ! דָאס בִּין אִיךְ דֶער זִינְדֶערֶער מֶענְטְשׁ װָאס אִיךְ הָאבּ פִיהְל גֶעזִינְדֶעגְט אִין דִי עֶרְטֶער, אוּנ אַזוֹי, אוּנ אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטְהוּן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען פוּנ'ם רבי'ן זלה"ה אַ תְּשׁוּבָה, אוּנ דֶער רבי הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה.

---

## לח.

מעשה. אִיז אַײן דָארְף נִיט װַײט פוּן אָלֵייסְק, הָאט אַײן גוֹי גֶעחַאפְּט אַײן בּוּבֶּער, אוּנ הָאט אִיהְם פַאר קוֹיפְט אַײן אִידִין פוּן דֶעם דָארְף, אוּנ אַז דֶער אָדוֹן אִיז גֶעוָואר גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם בּוּבֶּער הָאט עֶר בַּאלְד גֶעשִׁיקְט רוּפֶען דֶעם אִידִין אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם עֶר זָאהְל אִיהְם אָפּ בְּרֵיינְגֶען צוּרִיק דֶעם בּוּבֶּער אוּנ דֶער אִיד הָאט אִיהְם שׁוֹין לַאנְג פַאר קוֹיפְט, אוּנ דֶער אָדוֹן הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַ חוֹדֶשׁ צַייט בִּיז עֶר װֶעט אִיהְם בְּרֵיינְגֶען דֶעם בּוּבֶּער, וָוארוּם דֶער אָדוֹן הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט, װֶען עֶר גֶעפִינְט אִיהְם נִיט דֶעם בּוּבֶּער אַזוֹי נֶעמְט עֶר בַּא אִיהְם צוּ דִי אַרֶענְדֶע, מִיט דִי מִיהְלֶען, אוֹיךְ עֶר װֶעט אִיהְם אַרוֹיס װַארְפֶען פוּן זַײן דָארְף, יֶעצְט קֶען מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין דֶעם גְרוֹיסֶען עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן דֶעם אִידִין, װִיא עֶס הָאט גֶעפֶעלְט דְרַייא וָואכֶען, אוּנ דֶעם בּוּבֶּער הָאט עֶר נִיט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען, אַזוֹי אִיז עֶר בַּאלְד אַװֶעק גֶעפָאהְרֶען קֵיין װוִילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה פְרֶעגֶען אַײן עֵצָה, אוּנ עֶר זָאהְל זַײן אִיהְם צוּ הִילְף, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט צוּם אִידִין נֶעם אַײן הִיטֶעל צוּקֶער, אוּנ בְּרֵיינְג דֶעם אָדוֹן פַאר דֶעם בּוּבֶּער, הָאט דֶער אִיד אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁמֵייכְלֶען, נָאהְר מֶען מוּז פָאלְגֶען װִיא דֶער רבי זלה"ה הָאט גֶעהֵייסֶען, אַזוֹי הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַײן הִיטֶעל צוּקֶער אוּנ הָאט גֶעבְּרַאכְט צוּ דֶעם אָדוֹן, אַזוֹי הָאט אִיהְם דֶער אָדוֹן גֶעחַאפְּט קוּשֶׁען, אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם, װִיא אַזוֹ הָאסְטוּ גֶעװוּאוּסְט אַז בַּא מִיר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּקֶער דְרוּם הָאבּ אִיךְ הַיינְט נִיט גֶעטְרוּנְקֶען קֵיין טְהֵייא, יֶעצְט שֵׁיינְק אִיךְ דִיר דֶער פַאר דֶעם בּוּבֶּער, אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער אִיד זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, אוּנ אִיז גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

---

## לט.

מעשה. אַײן מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַײן סוֹחֵר, װֶעלְכֶער

ער

עֶר הָאט גֶעפִיהְרְט אַסַךְ אָקְסֶען צוּ פַאר קוֹיפֶען אִין אַיין וַוייט לַאנְד, אוֹיךְ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיין מוֹהֵל, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט פַאר זַיין אַוֶועק פָאהְרֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ גִיבֶּען אַ סְגוּלָה אוֹיף אַיין הַאלְטֶען בְּלוּט, אוּנ עֶס קֶען זַיין אַז עֶס וֶועט אַייךְ זַייעֶר צוּ נוּץ קוּמֶען, אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, דֶען אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען דֶער סוֹחֵר אוֹיף אַיין סְטַאנְצִיֶע הָאט עֶר דֶער זֶעהְן וִויא אַיין בָּחוּר אִיז מַשְׁתִּין, אוּנ עֶר אִיז נִיט קַיין גֶעמַל'טֶער, אַזוֹ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם פָאטֶער פוּן וַואנֶען קוּמְט דָאס וָואס זַיין זוּהְן אִיז נִיט גֶמַל'עט, הָאט אִיהְם דֶער פָאטֶער גִיעֶנְטְפֶערְט אַז זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם גֶעשְׁטָארְבֶּען דְרוּם הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט דָאס קִינְד מַל זַיין, אַזוֹי הָאט דֶער סוֹחֵר אִיהְם אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּעטֶען, אוּנ צוּ רֵיידֶען עֶר זָאל מַל זַיין דָאס קִינְד, הָאט דֶער פָאטֶער נִיט גֶעוָואלְט עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, הָאט דֵער סוֹחֵר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ עֶס וֶועט חָלִילָה עֶטְוָואס שַׁאדֶען דֶעם קִינְד גִיבּ אִיךְ דִיר אָפּ אַלֶע אָקְסֶען, אוּנ הָאט בַּא אִיהְם גֶעפּוּעֶל'ט, אוּנ הָאט אִיהְם גֶעטְהוּן דִי סְגוּלָה פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה, אַזוֹי אִיז קַיין בְּלוּט נִיט גֶעגַאנְגֶען אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען.

---

# מ׳

מעשה, אַיין מָאהְל הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיין שְׁוֶוער קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל בֶּעטֶען גָאט פַאר מַיין שְׁוִויגֶער, וֶועלְכֶע זִיא אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר קְרַאנְק, אוּנ אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה, אוּנ הָאבּ אִיהְם דֶער צֵיילְט אַלֶעס, אַזוֹי הָאט עֶר מִיר גֶעהֵייסֶען אִיךְ זָאהְל בַּאלְד פָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ זָאהְל אִיבֶּער קוּקֶען אַלֶע מְזוּזוֹת פוּנ'ם שְׁטוּבּ אַזוֹי וִויא אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט. וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ, לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וגו׳. אַזוֹי בִּין אִיךְ בַּאלְד גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים, אוּנ הָאבּ אַלֶע מְזוּזוֹת אִיבֶּער גֶעקוּקְט, אוּנ הָאבּ גֶעפוּנֶען אֵיינִיגֶע מְזוּזוֹת פְּסוּלֶ'ע, אוּנ וִויא מֶען הָאט גִיגֶעבֶּען כָּשֵׁרֶ'ע מְזוּזוֹת, אַזוֹי אִיז זִיא גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען, אוּנ השי"ת הָאט אִיהר צוּ גֶעשִׁיקְט אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

---

# מ״א

מעשה, אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין סוֹחֵר קַיין ווילעדניק, אוּנ הָאט זִיךְ בַּאקְלֶערְט צוּ פְּרִיוֶוען דֶעם רבי'ן זלה"ה, אוּנ זֶעהְן צוּ עֶס אִיז אֱמֶת אַלֶעס וָואס

מען

מען זאגט אויף איהם, אז ער ווייסט אלעס וואס דער מענטש קלערט, אזוי האט ער אויפ'ן געדאנק אריין גענומען איין פסוק און וויא ער איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה האט דער רבי אן געהויבען צו איבער זאגען דעם אייגענעם פסוק עטליכע מאהל, דאמאלס האט דער מענטש געוואוסט אז עס איז אלעס אמת וואס מען זאגט אויף דעם רבי'ן זלה"ה, אזוי האט ער פאר זאמט אין ווילעדניק עטליכע טאג, וויא עס איז געקומען די צייט פון זיין אוועק פאהרען, איז ער געקומען צום רבי'ן זלה"ה מיט איהם זיך געזעגענען, האט ער ניט געוואוסט וויפיל זאהל ער געבען דעם רבי'ן צו פינף רו"כ, צו דריי רו"כ נאך דעם האט ער בא זיך געפועל'ט צו געבען דעם רבי'ן זלה"ה פינף רו"כ און דרייא רו"כ, דען דער רבי ווייסט געוויס די מחשבות פון אלע מענטשען, און וויפיל ער וועט וועלען זאל ער זיך נעמען, וויא ער האט דאס געלט אנידער געלייגט פאר דעם רבי'ן זלה"ה, אזוי האט דער רבי אן געהויבען צו זאגען תורה וויא זיין שטייגער איז גיוועזן, און אין מיטען דער תורה האט ער געזאגט, אז ווען איין מענטש קלערט נאהר עפעס מנדר צו זיין, איז גלייך וויא ער האט דאס אויס גירעדט מיט'ן מויל, און האט גענומען די פינף רו"כ, און די דריי רו"כ האט ער איהם אפ גיגעבען, אזוי האט דער סוחר דער ציילט אלעס פאר אלע מענטשען, וואס ער האט געטהון בא דעם רבי'ן זלה"ה.

---

# מב.

מעשה. איין מאהל בין איך געפאהרען מיט דעם גבאי ר' יעקב יוסף האט ער מיר פארענדעג דער ציילט וויא איין מאהל איז ער געפאהרען ניט ווייט פון זיטאמיר אין מיטען וועג איז ער אראפ געפאלען פונ'ם וואגען, און האט זיך צו בראכען די פיס, אז ער האט ניט געקענט אויף שטיין פונ'ם ארט, האט מען איהם געבראכט קיין זיטאמיר, און מען איז אויס געווען בא אלע דאקטוירים און זייא האבען איהם פאר שריבען רעצעפטען, נאר עס האט איהם גאר ניט געהאלפען, האט מען איהם נאכדעם אוועק געפירט צו זיך אהיים קיין ווילעדניק, וויא ער איז געקומען אהיים האט ער גיבעטען פון זיין הויז-געזונד זייא זאלען איהם פיהרען אויפ'ן ציון פונ'ם רבי'ן זלה"ה, אזוי האט מען איהם געבראכט אויף דעם היילעגען ציון אזוי איז ער אראפ געפאלען מיט זיין פנים אויפ'ן היילעגען ארון פון דעם רבי'ן זלה"ה, און האט אן געהויבען צו קלאגען און צו וויינען ער זאהל גאט בעטען פאר איהם ער זאהל איהם צו שיקען

ארפואה

אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אויף זַיינֶע פִּים, וִויא עֶר הָאט זִיךְ גוּט אוֹיס גֶעוֵויינְט, אַזוֹי הָאט עֶר דֶער פִּיהְלְט אַז עֶס אִיז אִיהְם גֶעוָוארֶען אַבִּיסֶעל גְרִינְגֶער, אַ קִיצוּר עֶס הָאט נִיט פִּיהְל גֶעדוֹיעֶרְט, אוּנ דֶער גבאי הנ״ל אִיז גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד אויף דִי פִּים וִויא פְרִיעֶר אוּנ אִיז שוֹין גֶאנְגַאנְגֶען אַלֵיין אַהֵיים.

---

## מג.

אֵיין מָאהְל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען בַּא אוּנְז אִין אוורוטש אַיין מַעֲשֶׂה וָואס אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וֵוייסֶען פוּן דֶעם, אוּנ אַלֶע קֶענֶען עֵדוּת זָאגֶען אַז דִי מעשה אִיז אֱמֶת, דֶען בַּא אוּנְז אִין אוורוטש הָאט אֵיין מָאהְל גֶעוואוֹהְנְט ר׳ צבי זֵייגֶער מַאכֶער זֵייעֶר אַיין פַיינֶער אוּנ אַיין עֶרְלִיכֶער מַאן, הָאט זִיךְ אִיהְם אַ מָאהְל גֶעטְרָאפֶען אַז עֶס הָאט אִיהְם אָפּ גֶענוּמֶען דִי הֶענְט מִיט דִי פִּים ר״ל, אוּנ וִויפִיל רֶעצֶעפְּטֶען הָאבֶּען אִיהְם דָאקְטוֹרִים פַאר שְׁרִיבֶּען, אוּנ עֶס הָאט אִיהְם גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶען אַזוֹי הָאט מֶען אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אויף דֶעם צִיוּן הַקָדוֹשׁ פוּן דֶעם רבי׳ן זלה״ה וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם רבינ׳ס חסידים. אַזוֹי אִיז עֶר אַרוֹיף גֶעפַאלֶען אויף דֶעם הֵיילֶעגֶען אָרוֹן פוּנ׳ם רבי׳ן, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעוֵויינְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ פַאר דֶעם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ הָאט גֶעשְׁוואוֹרֶען אַז עֶר וֶועט נִיט אָפּ טְרֶעטֶען פוּן דֶעם צִיוּן בִּיז עֶר וֶועט גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, אוּנ וֶועט וֶוערֶען גֶעזוּנְד אויף דִי הֶענְט מִיט דִי פִּים, אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט בַּאלְד גֶעפִיהְלְט אַז עֶס אִיז אִיהְם גֶעוָוארֶען בֶּעסֶער, אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין אַהֵיים.

---

## מד.

מעשה, אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין ווִילֶעדְנִיק אַיין מַאן מִיט זַיין ווַייבּ אויף מִיט זֵייעֶר טָאכְטֶער, אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא גֶעבֶּעטֶען דֶעם גבאי עֶר זָאהְל מִיט זֵייא גֵיין אויף דֶעם צִיוּן של הרב הקדוש זלה״ה, אוּנ ווִיא זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן אַזוֹ הָאט דִי טָאכְטֶער גִיבֶּעטֶען בַּא אִיהְר פָאטֶער עֶר זָאהְל אִיהְר גִיבֶּען דֶעם מַעֲנֶה לָשׁוֹן, וִויא דֶער פָאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער הָאבֶּען גִיהֶערְט דִיזֶע ווֶערְטֶער פוּן זֵייעֶר טָאכְטֶער, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרֵייעֶט, אוּנ פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבֶּען זֵייא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ טַאנְצֶען, אַזוֹי הָאבֶּען אִיהְם אַלֶע מֶענְטְשֶׁען גִיפְרֶעגְט וָואס אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר זֵייא דֶער צֵיילְט דִי

מעשׂה, אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר קֵיין קִינְדֶער גֶעהַאט, אַזוֹ בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה אוּנ הָאבּ אִיהְם גִיבֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער, הָאט עֶר מִיר צוּ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל גֶעבּוּירֶען אַיין טָאכְטֶער, אוּנ דָאס אִיז זִיא דִי טָאכְטֶער, אוּנ צוּרִיק מִיט פִיר יָאהְר הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר גֶעטְרָאפֶען אַיין אוּמְגְלִיק ר״ל דֶען זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין קֶעלֶער, אוּנ פְלוּצְלִינְג אִיז זִיא שְׁטוּם גֶעוָוארֶען, אוּנ אִין דִי פִיר יָאהְר אִיז עֶר שׁוֹין מִיט אִיהְר אוֹיס גֶעוֶועזֶען פִיהְל דָאקְטוֹרִים, אוּנ טָאטֶערֶען עֶס הָאט אָבֶּער גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶען, יֶעצְט פָאהְר אִיךְ פוּן טשערנאביל אוּנ אִיךְ הָאבּ דָארְט פֶערְזָאמְט אַכְט וָואכֶען בַּא דֶעם רבי׳ן ר׳ אהרן זלה״ה, אוּנ נָאךְ אַלֶע גֶעוֵויינֶען, אוּנ תַּחֲנוּנִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטֶען דֶעם רבי׳ן ר׳ אהרן זלה״ה הָאבּ אִיךְ אִיהְם דֶער צֵיילְט דֶעם מוֹפֵת פוּן דֶעם ווילעדניקער רבי׳ן זי״ע, וְוִיא אַזוֹי עֶר הָאט מִיר מַבְטִיחַ גִיוֶועזֶען דִי טָאכְטֶער, וְוִיא דֶער רבי ר׳ אהרן זלה״ה הָאט אוֹיס גִיהֶערְט מַיינֶע רֵייד, אַזוֹ זָאגְט עֶר מִיר מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער. וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען בַּא אִיהְם אִין הַאנְט מַבְטִיחַ זַיין דִיר דִי טָאכְטֶער אַזוֹי, קֶען עֶר הַיינְט דִיר הֶעלְפֶען, אַז זִיא זָאהְל אָנְהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען, אוּנ עֶר קֶען דִיר הֶעלְפֶען. אַלְזָא פָאהְר קֵיין ווילעדניק וֶועסְטוּ אי״ה גֶעוִויס גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, הָאבּ אִיךְ אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וָואס שִׁיקְט אִיהְר מִיךְ קֵיין ווילעדניק דֶען דֶער רבי אִיז שׁוֹין נפטר גֶעוָוארֶען, אַזוֹ הָאט עֶר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט. דוּ נַארֶעשׁ קִינְד, צַדִּיקִים קֶענֶען הֶעלְפֶען נָאךְ זֵייעֶר פטירה נָאךְ מֶעהְר וְוִיא בַּא זֵייעֶר לֶעבֶּען . . . וְוִיא דֶער רבי ר׳ אהרן זלה״ה הָאט דָאס אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶענֶען זֵייא גֶעפָאהְרֶען קֵיין ווילעדניק אוֹיפְ׳ן צִיוּן צוּם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ דָארְט הָאט זִיא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען וְוִיא פְרִיעֶר, דְרוּם בִּין אִיךְ זֵייעֶר צוּ פְרִידֶען פוּן דֶעם, נָאכְדֶעם אִיז עֶר מִיט זֵיי אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים.

---

## מ״ה.

אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין מַאהְן מִיט זַיין וַוייבּ פוּן זְוִויהִיל צוּם רבי׳ן זלה״ה אוֹיף ראש השנה, בֶּעטֶען בַּא אִיהְם אוֹיף קִינְדֶער, וָוארוּם עֶס אִיז שׁוֹין פִיהְל יָאהְר נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אוּנ הָאבֶּען פִיהְל גֶעוֵויינְט פַאר דֶעם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט אָפּ טְרֶעטֶען פוּן אִיהְם בִּיז עֶר וֶועט זֵייא גֶעבֶּען סְגוּלוֹת, אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פַאר זָאמְט בַּא דֶעם רבי׳ן זלה״ה בִּיז נָאךְ יום כפור, נָאךְ דֶעם רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רבי זלה״ה צוּ זֵייא אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבֶּען אַיין עֵצָה, מָארְגֶען פְרִיא זָאלְט אִיהְר אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶענֶער

זייט

זייט גרעבליע, וועט איהר דארטען באגעגענען איין אלטען אידען פאהרען מיט איין פערדעל, זאלט איהר בא איהם פרעגען טאמער האט ער סגולות צו קינדער נאהר ווען ער וועט אייך געבען א סגולה זאלט איהר זיך מיט איהם ניט דונגען אונ אפ צאהלען איהם וויפיל ער וועט פון אייך פאדערע, מארגען פריא זענען זייא ארוים געגאנגען פון יענער זייט גרעבליע, וויא דער רבי זלה"ה האט זייא אן געזאגט, אזו האבען זייא דער זעהן דעם אידען פאהרען אויף זיין פערדעל האבען זייא איהם געפרעגט צו עס געפינט זיך בא איהם סגולות צו קינדער אזוי האט ער זייא גיענטפערט, עס געפינט זיך בא מיר וואס איהר פאדערט, אונ נעמט ארוים א קליין פלעשעלע אונ זאגט צו זייא פאר אייער באהעפטין זיך זאהלט איהר נעמען עטליכע קאפלעס פון דעם פלעשעלע אונ ארויף גיסען אויף איין שטיקעל צוקער אונ אויף עסען דאס שטיקעל צוקער אזוי וועט איהר אי"ה אין גיכ'ן נפקד ווערען, אונ פאדערט פון זייא פאר דעם פלעשעלע דרייא רו"כ, האבען זייא קיין חשק ניט געהאט דער צו, געבען איהם דרייא רו"כ וואררום זייא זענען ניט געוועזען קיין רייכע מענטשען, אונ זענען נאך געוועזען מסופק צו ס'וועט העלפען, אזו איז דער איד אוועק געפאהרען, אונ זייא זענען געקומען צום רבי'ן זלה"ה אונ דער ציילען איהם די גאנצע מעשה וויא מיט זיי האט זיך פאסירט, האט דער רבי זלה"ה אויף זייא אן געשריגען, וואס זייא האבען אפ געלאזט דעם אידען דען זייא האבען באדארפט איהם באצאהלען וויפיל ער האט געפאדערט פון זייא, אקיצור זייא האט שטארק ביינק געטהון אויף דער מעשה, אונ האבען אן געהויבען צו קלאגען פאר דעם רבי'ן זלה"ה וואס קענען זייא יעצט טהון, דאמאלס האט דער רבי זלה"ה זייא אנגעהויבען צו טרייסטען וויינט ניט, אונ גאט זאהל אייך העלפען וויא צום בעסטען, האבען זייא געפאלגט דעם רבי'ן זלה"ה אונ זענען אוועק פריילידך, נאהר מיט דער אמונה, פריער גאט אונ דער נאך דער רבי, וויא זייא זענען געקומען פאר זוויהיל, האבען זייא דער זעהן דעם אידען, אונ פאהרט מיט דעם אייגענעם פערדעל, האבען זייא איהם נאך אמאהל גיבעטען ער זאהל זיי פערקויפען דאס זעלבעגע פלעשעלע אויך מיט די טראפען, איז ער מרוצה געווארען אונ האט בא זייא גענומען דרייא רו"כ, אונ האט זייא גיגעבען דאס פלעשעלע זענען זייא נאכדעם געקומען אהיים אונ האבען געטהון וויא דער איד האט זייא אן געזאגט האט די פרויא באלד אן געהויבען צו טראגען, וויא זיא האט דער זעהן אז די סגולה האט געהאלפען, האט זיא גענומען די איבעריגע טראפען וועלכע עס איז נאך איבער געבליבען אין פלעשעלע, אונ האט דאס גוט בעהאלטען אזו וויא מען בעהאלט גאלד אונ זילבער, אונ אז זיא האט געהאט איין קינד, האט זיא דער

צֵייקְט פַאר אִיטְלִיכֶען דֶעם מוֹפֵת פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה, נִיט וַוייט פוּן אִיהְר שְׁטוּב אִיז גֶעזֶעסֶען אַיין גְבִיר'טֶע װֶעלְכֶע זִיא הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער ר"ל, אוּנ וִויא זִיא הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אַזוֹי הָאט זִיא גֶעבֶּעטֶען בַּא דֶער פְרוֹיא טָאמֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּא אִיהְר נָאךְ עֶטְלִיכֶע טְרָאפֶּען פֶּערְקוֹיף זַייא מִיר אוּנ װֶען עֶס װֶעט נָאהְר הֶעלְפֶען װֶעל אִיךְ דִיר זֵייעֶר פַּיין בַּאפְרִידֶעגֶען, אוּנ אִיךְ װֶעל דִיךְ גְלִיקְלִיךְ מאכֶען, אַזוֹ וִויא דִי אָרוּמֶע פְרוֹיא הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אַזוֹי הָאט זִיא זִיךְ דֶער מַאנְט אַז בַּא אִיהְר אִין קַאסְטֶען הָאט זִיא בֶּעהַאלְטֶען דִי אִיבֶּערִיגֶע טְרָאפֶּען װֶעלְכֶע זַייא זֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען בַּא אִיהְר אִין פְלֶעשֶׁעלֶע, וִויא זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אָפּ זוּכֶען הָאט זִיא נִיט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען, גְלַייךְ וִויא אִין וַואסֶער אַרַיין, נָאכְדֶעם זֶענֶען זַייא גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאבֶּען אִיהְם דֶער צֵייְלְט אִין גַאנְצֶען דִי מַעֲשֶׂה.

---

# מו.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין פְרוֹיא פוּן גַאנְץ וַוייט קַיין ווִילֶעדְנִיק מִיט אִיהְר זוּהְן, װֶעלְכֶער עֶר אִיז אַלְט גֶעװֶעזֶען צֶעהְן יָאהְר אוּנ הָאט נָאךְ נִיט גַירֶעט, אוּנ דֶער שְׁטוּמֶער זוּהְן אִיז בַּא אִיהְר אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אַכְט זוּהְן װֶעלְכֶע זַייא זֶענֶען אַלֶע אוֹיס גֶעשְׁטָארְבֶּען אֵיינְצֶעגְוַויים, נָאהְר דֶער זוּהְן אִיז בַּא אִיהְר אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען אִיז עֶר אוֹיךְ אַיין שְׁטוּמֶער, אַזוֹי הָאט זִיא זֵייעֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּ קְלָאגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רבי זלה"ה צוּם קִינְד, פַאר וָואס שְׁוַויינְסְטוּ, אוּנ ווִילְסְט נִיט רֵיידֶען מִיט דַיין מוּטֶער, אַזוֹ הָאט דָאס קִינְד אִיהְם גֶיעֶנְטפֶערְט, צוּ װֶעמֶען זָאהְל אִיךְ רֵיידֶען, דֶען זִיא אִיז נִיט קַיין עֶרְלִיכֶע, אוּנ זִיא וֵוייסְט אַלֵיין אַז אִיךְ בִּין אַיין מַמְזֵר. וִויא דָאס קִינְד הָאט דִי װֶערְטֶער אוֹיס גִירֶעט פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה אוּנ פַאר דֶער מוּטֶער, אַזוֹי אִיז זִיא זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאט זִיךְ בַּאלְד מוֹדֶה גִיוֶוען פַאר'ן רבי'ן זלה"ה אוֹיף אִיהְרֶע זִינְד אוּנ הָאט גִיבֶּעטֶען בַּא אִיהְם תְּשׁוּבָה, אוּנ דֶער רבי הָאט אִיהְר אַרוֹיס גִיגֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה.

---

# מז.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין ווילעדניק אַיין מַאן מִיט זַיין פְרוֹיא
װעלכע

וָועלְכֶע זִיא אִיז גִיוֶועזְן זֵייעֶר קְרַאנְק, הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען בַּא דֶעם רבי'ן אַ רְפוּאָה זִיא זָאהְל גֶעזוּנְד וֶוערֶען. אַיין מָאהְל הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעוָואלְט זָאגֶען תּוֹרָה הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען פוּן דִי מֶענְטְשֶׁען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען לֶעבֶּען אִיהְם, אַז וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבֶּען זָאגֶען דִי תּוֹרָה אוּנ קֵיין מֶענְטְשׁ וֶועט נִיט מַפְסִיק זַיין, דַאמָאלְס אִיז עֶר זֵייא מַבְטִיחַ אַז זֵייא וֶועלֶען זַיין בני עוה"ב. אוּנ וִויא עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען דִי תּוֹרָה, אַזוֹ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעקוּמֶען אַ יְדִיעָה פוּן זַיין וַוייבּ אַז זִיא אִיז פַאר בַּייא, אוּנ זִיא אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, הָאט עֶר נִיט גֶעקֶענְט זִיךְ אַיין הַאלְטֶען, אוּנ הָאט מַפְסִיק גִיוֶועזְן אִין מִיטֶען דֶער תּוֹרָה, אוּנ הָאט אָנ־גֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגֶען פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל אִיהְם הֶעלְפֶען דֶען זִיא אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, אַזוֹ הָאט דֶער רבי אִיהְם גִיגֶעבֶּען זַיין פַּאטְשֵׁיילֶע, אוּנ זָאגְט אִיהְם נֶעהְם דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּנ גֵייא גִיךְ אַהֵיים אוּנ זָאלְסְט דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אַיין נֶעטְצֶען אִין וַוארֶעמֶע וַואסֶער, אוּנ אוֹיס רַייבֶּען מִיט דֶער וַואסֶער אִיהְר דֶעם קָאפּ אַזוֹ וֶועט זִיא אי"ה הָאבֶּען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה, וִויא דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאס דֶער הֶערְט אַזוֹי הָאט עֶר גֶעחַאפְּט דִי פַּאטְשֵׁיילֶע, אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעלָאפֶען אַהֵיים, אוּנ הָאט גֶעטְהוּן אַלֶעס וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען, אַזוֹ אִיז זִיא נָאךְ דֶעם גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען וִויא פְרִיעֶר.

---

## מח.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין חָסִיד, אוּנ וִויא עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין ביהמ"ד, אַזוֹי הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אַז אַיין מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין ביהמ"ד אוּנ אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער דֶער קֶענְט מֶען אִיהְם נִיט אַז עֶר אִיז אַיין אִיד, אוּנ עֶר זָאגְט תְּהִלִים מִיט אַיין בִּיטֶער גֶעוֵויין, הָאט עֶר אִיהְם אָפּ גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם, אוּנ עֶר פְרֶעגְט אִיהְם פוּן וַואנֶען עֶר אִיז, אוּנ וִויא קוּמְט עֶר אַהֶער, אַזוֹ דֶער צֵיילְט אִיהְם דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז פוּן גַאנְץ וַוייט אוּנ דָארְט וַוייסְט מֶען גָאר נִיט פוּן ווִילֶעדְנִיק, אוּנ עֶר אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם גוּטֶען וֶועג, אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען זַיין פָאטֶער צוּ חָלוֹם, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם עֶר זָאהְל בַּאלְד פָאהְרֶען קַיין ווִילֶעדְנִיק צוּם רבי'ן זלה"ה, אוּנ זָאהְל פוּן אִיהְם בֶּעטֶען תְּשׁוּבָה, דַאמָאלְס הָאט עֶר זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ נָאךְ פְרֶעגֶען וואו אִיז דֶער ווילעדניק, בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֶער אוּנ אִיז אַרַיין צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט בַּא אִיהְם גֶענוּמֶען תְּשׁוּבָה, דָאס הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט וָואס עֶר זִיצְט דָא אִין ביהמ"ד אוּנ זָאגְט תהלים.

---

## מט.

מעשה. איין מאהל איז געקומען צום רבין זלה"ה איין אשה עגונה פון דער ליטא וועלכע איהר מאן האט זיא אוועק געווארפען, אונ זיא ווייסט ניט וואו זאהל זיא איהם זוכען, אונ יעדען טאג איז זיא געקומען צום רבי'ן זלה"ה ער זאהל איהר זאגען וואו געפינט זיך איהר מאן, וויא זיא האט עטליכע מאהל איהם זייער דער קוטשעט, אזו האט ער איהר געזאגט פאהר אהיים נאהר דו זאלסט זיך אפ היטען ניט צו טרינקען קיין וואסער אן צוקער, אונ דורך דעם וועסטו אי"ה געפינען דיין מאן, אזו איז די פרויא אוועק געפאהרען אונ וויא זיא איז אן געקומען קיין סקאראדנע, האט זיך איהר זייער פאר גלוסט א טרינק וואסער, איז בא איהר גראדע ניט געווען קיין שטיקעל צוקער נאהר זיא האט אבער געוואלט אפ היטען דעם רבינ'ס פארזאג, אזו האט זיא גיבעטען בא די מענטשען פון דער סטאנציע, זייא זאהלען איהר געבען א שטיקעל צוקער, עס איז אבער דארט אויך ניט געווען קיין שטיקעל צוקער, האבען זייא איהר איין עצה גיגעבען זיא זאהל גיין צום גלח, וועלכער ער זיצט ניט ווייט פון דער סטאנציע, דארטען קען זיא געוויס געפינען א שטיקעל צוקער, אונ זייא ווערען איהר געוויס געבען, איז זיא געגאנגען, אונ וויא זיא איז געקומען צום גלח אין הויף אזו האט זיא דער קענט איהר מאן וועלכער ער איז געווען דארט א משרת ער האט געטריבען זיינע בהמות מיט די שאף אין טשערעדע אריין, אזו האט זיא אנגעהויבען זייער צו וויינען פאר איהם ער זאהל מיט איהר לעבען וויא פריער איז געווען, האט ער איהר גיענטפערט, ווייל ניט מיין ווייב דער וויל קער זיך אום צוריק אויף דיין סטאנציע, דארט וואו דו שטייסט איין, אונ פאר נאכט וועל איך קומען צו דיר, אונ מיר וועלען פארען צוזאמען צום רבי'ן זלה"ה, אונ וויא ער האט גיזאגט אזו האט ער מקיים גיווען, זענען זייא ביידע געקומען צום רבי'ן זלה"ה, אונ דער רבי האט זייא געהאלטען בא זיך דרייא יאהר, אונ ער איז געווארען איין גרויסער בעל תשובה, נאכדעם איז ער אוועק פונ'ם רבי'ן זלה"ה אונ איז געווארען איין שוחט.

---

## נ.

מעשה, אין דעם דארף האלאסציין האט געוואהנט איין רייכע אלמנה אונ

אוּנ זִיא הָאט נִיט גֶעטְהוּן קֵיין שׁוּם גֶעשֶׁעפְט בִּיז זִיא הָאט נִיט גִיפְרֶעגְט דֶעם
רבי'ן זלה"ה, אֵיין מָאהְל הָאט זִיא אַנִידֶער גֶעלֵייגְט לִיטְשִׁינֶע אוֹיף דֶעם הוֹיבֶּען
אוֹיף סְמָאלֶע, אוּנ דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר פַאר זָאגְט אַז זִיא זָאהְל צוּ גְרֵייטֶען
פּוּפְצִיג כֵּלִים אוֹיף סְמָאלֶע, אוּנ אַזוֹ הָאט זִיא גֶעטְהוּן, אוּנ נָאךְ דֶעם וֶוען עֶס
הָאט זִיךְ גִיעֶנְדֶעגְט דִי אַרְבֵּייט, הָאט זִיא גֶעפְרֶעגְט בַּא דֶעם אַטַאמַאן וִויפִיעל
גֶעפִינְט זִיךְ סְמָאלֶע, הָאט עֶר אִיהְר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין סְמָאלֶע
וָוארוּם עֶס גֶעפִינְט זִיךְ זֵייעֶר פִיהְל וַואסֶער, אַזוֹ אִיז דִי אַלְמָנָה גֶעפָאהְרֶען צוּם
רבי'ן זלה"ה, אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם אַטַאמַאן, הָאט אִיהְר
דֶער רבי גִיעֶנְטְפֶערְט, אַז דֶער אַטַאמַאן וֵוייסְט פוּן גָאר נִיט, נֶעהְם נָאךְ אַמָאהְל
צְוֶועלְף כֵּלִים, אוּנ מִיט גָאטְס הִילְף וֶועלֶען אַלֶע כֵּלִים זַיין פִיהְל מִיט סְמָאלֶע,
דֶער וַוייל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין עֲגוּנָה מִיט אַיין גְרוֹיס גֶעוֵויין
אוּנ פְרֶעגְט דֶעם רבי'ן זלה"ה, בִּיז וִויא לַאנְג וֶועל אִיךְ הָאבֶּען אַזוֹ פִיהְל צָרוֹת,
בִּיז וִויא לַאנְג וֶועט אִיהְר מִיר נִיט זָאגֶען וִויא גֶעפִינְט זִיךְ מַיין מַאהְן, אִיךְ קֶען
שׁוֹין מֶעהְר נִיט אִיבֶּער טְרָאגֶען מַיינֶע פִיהְל יִסוּרִים, דַאמָאלְס הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט
דִי עֲגוּנָה, וִויא הָאט גֶעהֵייסֶען דַיין מַאהְן, הָאט זִיא אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט מְ'הָאט
אִיהְם גֶערוּפֶען שְׁמֶערִיל, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה אָן גֶעהוֹבֶּען צוּ זָאגֶען, שְׁמֶערִיל
בֶּערִיר, עֶטְלִיכֶע מָאהְל, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִי אַלְמָנָה דִי גְבִיר'טֶע צוּ עֶס
גֶעפִינְט זִיךְ נִיט בַּא אִיהְרֶע מְשָׁרְתִים אַיין מֶענְטְשׁ וֶועלְכֶען מֶען רוּפְט אִיהְם
שמעריל, הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ נִיט בַּא אִיהְר קֵיין מֶענְטְשׁ
שמעריל. הָאט דֶער רבי זלה"ה זי"ע נָאךְ אַמָאהְל אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען,
שמעריל בעריל, אוּנ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דֶער אַלְמָנָה נֶעמְט מִיט זִיךְ דִי פְרוֹיא, אוּנ
זִיא וֶועט אַייךְ בַּאדִינֶען, אִיז זִיא מְרוּצֶה גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען
דִי פְרוֹיא, אוּנ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים, אַזוֹי הָאט דִי עֲגוּנָה זִיךְ צוּ גִילֵייגְט
שְׁלָאפֶען, דֶען זִיא אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר מִיד פוּנְ'ם וֶועג, אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי
צַייט פוּן עֶסִין הָאט אִיהְר דִי גְבִירְ'טֶע אוֹיף גִיוֶועקְט פוּנְ'ם שְׁלָאף אוּנ בֶּעט זִיא
צוּם טִישׁ עֶסֶען וֶועטְשֶׁערֶע, גְלַייךְ מִיט אַלֶע אִיהְרֶע מֶענְטְשֶׁען, אַזוֹ הָאט זִיא
דֶער זֶעהְן אַז אַיין מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט לֶעבֶּען דֶער רוּבֶּע אוּנ וַוארֶעמְט זִיךְ, הָאט
אִיהְם דִי גְבִירְ'טֶע אָן גֶערוּפֶען אוֹיף זַיין נָאהְמֶען אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם. ר' בעריל
גֵייט אוֹיךְ צוּם טִישׁ עֶסֶען מִיט אוּנְז, וִויא דִי עֲגוּנָה הָאט דֶער הֶערְט דֶעם נָאהְמֶען
ר' בעריל, אַזוֹ הָאט זִיא אוֹיף דֶעם מֶענְטְשֶׁען אַקוּק גֶעטְהוּן אוּנ הָאט אִיהְם בַּאלְד
דֶער קֶענְט, אַז דָאס אִיז אִיהְר מַאהְן, אַזוֹי אִיז זִיא אַרוֹיף גֶעפַאלֶען אוֹיף אִיהְם
אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין מַאן
שמעריל, פַאר וָואס לֵייקֶענְסְטוּ זִיךְ, אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ בַּאלְד מוֹדֶה גִיוֶוען אַז עֶר אִיז
איהר

אִיהְר מַאן, נָאכְדֶעם הָאבֶּען זַייא זִיךְ אִיבֶּער גִיבֶּעטֶען, אֵיינֶער מִיט דֶעם צְווייטֶען אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען בַּא זַייא שָׁלוֹם אוּנ הָאבֶּען אִין אֵיינֶעם דָארְט גֶעווֹאוּנְט.

---

## נא.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין רַייכֶע אַלְמָנָה וֶועלְכֶע אִיהְר מַאן הָאט זִיא אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען שׁוֹין צְווייא יָאהְר, הָאט זִיא גִיבֶּעטֶען דֶעם רבי'ן זלה"ה זי"ע, עֶר זָאהְל אִיהְר זָאגֶען וואוּ אִיז יֶעצְט אִיהְר מַאן זִיא זָאהְל אִיהְם קֶענֶען גֶעפִינֶען, אַזוֹ הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט אִין דֶער בַּאבְּרוֹיסְקֶער יְשִׁיבָה אוּנ לֶערְנְט דָארְט, עֶר וֶועט זַיין אַ לַמְדָן גָדוֹל, אוּנ אִין אַ קוּרְצֶער צַייט וֶועט עֶר וֶוערֶען אַיין רַב מוֹרֶה הוֹרָאָה, נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זִיךְ אוּמְקֶערֶען צוּ דִיר, אוּנ אִיהְר וֶועט לֶעבֶּען צוּ זַאמֶען, וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹ אִיז גִיוֶוען.

---

## נב.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִיז דֶער רבי זלה"ה גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם גבאי ר' שלמה ניסן אוּנ הָאט אִיהְם אַפַּאטְשׁ גִיגֶעבֶּען אִין בַּאק, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם וִויא אַזוֹ הָאסְטוּ צוּ גֶעלָאזְט אַיין אוּמְרֵיינֶע אִשָּׁה אוֹיף מַיין הֵיילֶעגֶען צִיוּן, אוּנ וִויא עֶס אִיז גֶעוָוארֶען טָאג הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גֶעחַאפְּט פוּנ'ם שְׁלָאף הָאט עֶר דֶער פִיהְלְט אַז אַיין בַּאק אִיז אִיהְם גֶעשְׁוָואלֶען, אוּנ עֶס טוּט אִיהְם זֵייעֶר וַוייא, אַזוֹי אִיז עֶר בַּאלְד גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוֹיפְ'ן צִיוּן הַקָדוֹשׁ אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיס גֶעוויינְט, אוּנ הָאט גִיבֶּעטֶען בַּא דֶעם רבי'ן עֶר זָאהְל וֶוערֶען גֶעזוּנְד אוֹיף דֶער צְווייטֶער נַאכְט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער רבי זי"ע צוּ אִיהְם ווַייטֶער צוּ חָלוֹם אוּנ הָאט אִיהְם אָן גֶעזָאגְט עֶר זָאהְל זִיךְ שׁוֹין אָפּ הִיטֶען פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וֶועט עֶר אי"ה וֶוערֶען גֶעזוּנְד, אוּנ אַזוֹ אִיז גִיוֶוען.

---

## נג.

מעשה. אֵיין מַאהְל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם גבאי ר' שלמה נימל צְווייא

בְּרִידֶער אוּם וִוינְטֶער אוּנ הָאבֶּען פוּן אִיהְם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאהְל מִיט זֵייא גֵיין אוֹיף דֶעם הֵיילֶעגֶען צִיוּן צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ דֶער צֵיילֶען אִיהְם זֵייעֶר בַּקָשָׁה וָואס סְ'הָאט זֵייא גֶעבְּרַאכְט דֶער צוּ, דֶען זֵייא הָאבֶּען אַלֶע זֵייעֶרֶע יָאהְרֶען אַיין מִסְחָר זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען דֶעם סְטַאן פוּן פִּישׁ, אוּנ פוּן דֶעם הָאבֶּען זֵייא בֵּיידֶע גִילֶעבְּט, יֶעצְט הָאט דֶער אָדוֹן בַּא זֵייא צוּגֶענוּמֶען דֶעם מִסְחָר אוּנ אוּנ הָאט אִיהְם אַוֶועק גִיגֶעבֶּען דְרַייא אַנְדֶערֶע, אַלְזָא אִיז דֶער גבאי מִיט זֵייא גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן הֵיילֶעגֶען צִיוּן, אוּנ זֵייא הָאבֶּען מְנַדֵר גִיוֶועזֶען בּוֹימֶעל נָאךְ זֵייעֶר פַּארְמֶעג, אוֹיךְ הָאבֶּען זֵייא גִיבֶּעטֶען דֶעם גבאי ר' שלמה ניסל אַז עֶר זָאל זֵייא דֶער מַאנֶען אַחוֹדֶשׁ צַייט אוֹיפְ'ן צִיוּן, וִויא זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַהֵיים אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גֶעטְרָאפֶען אַז אֵיינֶער פוּן דִי דְרַייא הָאט זִיךְ דֶער טְרוּנְקֶען, אוּנ דֶער צְווֵייטֶער אִיז גֶעוָוארֶען אַיין שִׁכּוֹר, אוּנ דֶער דְרִיטֶער אִיז אַוֶועק, אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם הָאט זֵייא דֶער אָדוֹן גֶעשִׁיקְט רוּפֶען אוּנ הָאט זֵייא אָפּ גֶעגֶעבֶּען דֶעם מִסְחָר אוּנ הָאבֶּען מַצְלִיחַ גִיוֶוען.

---

## נד.

מעשה. אִין יָאהְר תר"ט אִיז גֶעקוּמֶען קַיין זִיטָאמִיר הרה"צ ר' אהרן זלה"ה מטשערנאביל, אוּנ אִין דֶער צַייט זֶענֶען גִיוֶועזֶען אַלְמָנוֹת זֵייעֶר פִיהְל מִיט יְתוֹמִים פוּן דֶער חולי-רע ר"ל וָואס אִיז גִיוֶועזֶען אִין דֶעם יָאהְר תר"ח, אַזוֹ הָאט מֶען גִיבֶּעטֶען דֶעם רבי'ן ר' אהרן זלה"ה אַז עֶר זָאהְל זֶעהְן מַאכֶען אַיין הַסְפָּקָה וֶועגֶען דִי אַלְמָנוֹת מִיט דִי יְתוֹמִים וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען נִיט פוּן וַואנֶען אַיין טָאג אִיבֶּער צוּ לֶעבֶּען ר"ל. הָאט דֶער רבי זלה"ה צוּנוֹיף גֶערוּפֶען אַלֶע גְבִירִים אוּנ בעה"ב פוּנְ'ם שְׁטָאט זֵייא זָאלֶען גֶעבֶּען גֶעלְט יֶעדֶער נָאךְ זַיין פֶּערְמֶעג נָאךְ, יֶעדֶען חוֹדֶשׁ, מַיין פָּאטֶער ז"ל אִיז אוֹיךְ גִיוֶועזֶען פוּן דִי בעה"ב פוּנְ'ם שְׁטָאט נָאר עֶר אִיז גְרַאדֶע נִיט גִיוֶועזֶען אִין דֶער הֵיים, דֶען עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פַּאר נוּמֶען אִין זַיין מִיהְל צוּ אָן גְרֵייטֶען וֵוייץ אוּנ נָאךְ אֵיינִיגֶע זַאכֶען אַזוֹ הָאט אִיהְם דֶער רבי מטשערנאביל גֶעשִׁיקְט רוּפֶען עֶטְלִיכֶע מָאהְל, אוּנ מֶען הָאט אִיהְם נִיט גֶעטְרָאפֶען אִין דֶער הֵיים, וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִיהְם פַּיינֶע מֶענְטְשֶׁען עֶר זָאהְל בַּאלְד קוּמֶען צוּ אִיהְם, אִיז דֶער פָּאטֶער גֶעקוּמֶען תו"מ צוּ אִיהְם אוּנ הָאט גִיגֶעבֶּען צֶעהְן רו"כ אוֹיף הַסְפָּקָה, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט צוּם פָּאטֶר ז"ל מִיט דִי רֵייד. חָאטְשׁ אִיהְר זֶענְט אַיין מְקוֹרָב צוּם רבי'ן פוּן ווילעדניק, נָאר אֶפְשַׁר וֶועט אִיהְר מִיר אוֹיךְ עֶפֶּעס גִיבֶּען גֶעלְט,

אוּנ

און אז מיין פאטער ז"ל האט דאס דער הערט אזו האט ער גיזאגט צום רבי'ן זלה"ה, ווען איהר האט רשות צו ריידען אויף אונזער רבי'ן מיט וואס פאר איין פראווע האבען נאך אייערע מענטשען צו ריידען אויף איהם שלעכטס אויף אזא חשוב וגדול בישראל וויא דער רבי פון ווילעדניק, אזו האט הרב מטשערנאביל אן געהויבען צו שרייאן, און פרעגט זיינע מענטשען ווער האט גירעט פון אייך אויף דעם ווילעדניקער רבי'ן ניט קיין פיינע רייד, אזוי האט איהם מיין פאטער דער ציילט פון איין הארא־שקער אידען וואס ער האט גירעט שלעכטס אויפ'ן ווילעדניקער, האט דער רבי מטשערנאביל גיענטפערט עס איז אלעס ליגין, און האט זיך אן געהויבען צו פאר ענטפערען פאר אלע מענטשען, און פרעגט זייא. צו האט איינער פון אייך מיר אמאהל גיהערט ריידען עפעס אויפ'ן ווילעדניקער וואס קען מען אויף איהם ריידען ער איז זייער איין חשובער מענטש, נאכדעם האט איהם מיין פאטער גיגעבען צעהן רו"כ, און דיזע רייד זענען אן געקומען צום רבי'ן זלה"ה פון ווילעדניק וויא דער רבי מטשערנאביל האט זיך פאר ענטפערט אז ער האט אויף איהם קיין מאהל ניט גירעט, אזו האט דער רבי זלה"ה גיפרעגט מיין פאטער ז"ל, ראש השנה פאר תקיעות האלב דריי, וואס פאר איין ריידע איז גיוועזן צווישען אייך, האט איהם מיין פאטער דער ציילט אלעס וואס ער האט גירעט און גיהערט, אזו זאגט דער רבי זלה"ה עס איז אמת אז אין יעצטיגער צייט רעט ער ניט אויף מיר וויא אין פריערדיגע צייטען וואס ער האט מיך גישענדט, און דאס איז גיוועזן ר"ה פאר תקיעות ווען מיין פאטער איז געקומען צום רבי'ן אויף ר"ה, נאך די רייד האט דער רבי זיך אן גערופען צו מיין פאטער ר' משה, איהר הערט וויא מיין שוואגער ר' שלמה שניאור רעט אויף מיר שלעכטס אין זיטאמיר, דען ער זיצט יעצט מיט איין בעה"ב און עסען ביידע א געבראטענע עוף צו זאמען, און ריידען אויף מיר שענדליכע רייד, האט איהם מיין פאטער ז"ל גיענטפערט אז ער הערט ניט דיאס מירעט אין זיטאמיר, אזו האט זיך דער רבי זלה"ה פאר וואונדערט, און פרעגט איהם פאר וואס הערט איהר ניט איהר האט ניט קיין אויערען, האט מיין פאטער אקוק געטהון אויף זיין זייגער האט ער געהאלטען האלב דרייא נאך האלבען טאג. דער ר' שלמה שניאור איז געוועזן דעם רבינ'ס איין שוואגער, נאהר ער האט זיך מיט איהם קיין מאהל ניט געגלייכט מיט זיינע געדאנקען און דער ר' שלמה שניאור איז גיוועזן בא דעם רבי'ן זלה"ה אין ביהמ"ד איין בעל תפלה, נאהר אין דעם יאהר האט איהם דער רבי זלה"ה ניט געלאזט פאר דעם עמוד דאווענען, האט ער געמוזט פאהרען קיין זיטאמיר זוכען זיך דארטען איין אנדער ביהמ"ד אויף ימים הנוראים. בקיצור אז מיין פאטער איז געקומען
נאך

נאך יו"ט קיין זיטאמיר אזו האט איהם באגעגענט ר' שלמה שניאור אונ פרעגט איהם וואס מאכט זיין שוואגער הרב, אזו פרעגט איהם מיין פאטער, וואס פרעגט איהר זיך נאך אויף אייער שוואגער דען איהר האט אויף איהם גירעט שלעכטע רייד אום ר"ה, אונ אסימן קען איך אייך געבען, דען איהר זענט געזעסען מיט איין בעה"ב אונ האט גיגעסען צוזאמען איין געבראטענע עוף ארום האלב דריי באטאג, אזו האט זיך ר' שלמה שניאור הנ"ל אפ געלייקענט אז ער האט גאר ניט גירעט אקעגען דעם רבי'ן זלה"ה, אונ אז ער איז צוריק געקומען קיין ווילעדניק, אונ פאר דעם רבינ'ס הסתלקות האט ער זיך מודה גיוועזן אויף אלעם, אז ער האט אויף אים גירעט אין דעם טאג, אונ אין דער שעה ניט קיין רעכטע רייד, אזו האט ער גיבעטען בא דעם רבי'ן זלה"ה סליחה ומחילה, אונ ער האט איהם מוחל געוועזן.

---

## נ"ה.

מעשה. איין מאהל זענען געקומען צום רבי'ן זלה"ה פינף מענטשען פון דער שטאט סטאראדוב, אונ אז עס איז געקומען די צייט פון גיזעגענען זיך מיט דעם רבי'ן זלה"ה, אזו האט ער זייא געהייסען זייא זאלען גיין צו איין סופר אונ איבער זעהן זייערע תפלין, אונ אויב זייא ווילען ניט עס זאהל זיי קאסטען הוצאות פאר איבער זעהן, נעמט ער די הוצאות אויף זיך, האט זיך איינער פון זייא אנגערופען אונ זאגט צום רבי'ן זלה"ה, מיינע תפלין דארף איך ניט איבער זעהן, דען פאר מיין פאהרען צו אייך האט זייא איבער געזעהן אונזער סופר, אזו האט איהם דער רבי זלה"ה גיענטפערט, פון דעסט וועגען בעט איך פון אייך איהר זאלט מיך פאלגען, אזו זענען זייא אלע געקומען צו איין סופר מיט זייערע תפלין איבער זעהן האט דער סופר געפונען אז זייא זענען אלע פסול'ע תפלין, האבען זיך די מענטשען זייער פאר וואונדערט, זענען זייא געקומען צום רבי'ן זלה"ה, אונ דער ציילען איהם וויא אלע תפלין זענען פסול'ע אונ פרעגען איהם אויך דעם אייגענעם טעם, וויא קומט דאס, דען אונזער סופר איז איין שוחט איין ערליכער אונ א פרומער איד, האט דער רבי זלה"ה זייא גיענטפערט מיט די ווערטער, אויב ער איז איין שוחט... אונ האט שוין מעהר ניט געוואלט קאנטשען זיינע הייליגע רייד.

---

## נו.

מעשה. איין מאהל האט איין איזבארשטשיק פון אלייסק באגעגנט אין מיטען וועג איין משולח, אונ האט איהם געהרג'עט, אונ האט איהם באגראבען אין וואלד אינטער א בוים, אונ וויא עס האט געדויערט צוויי וואכען אונ פון דעם משולח האט מען ניט גיהערט קיין שום ידיעה, אזו איז געקומען זיין ווייב צום רבין זלה"ה, אונ פרעגט איהם וואו געפינט זיך איהר מאן, אונ אין דער צייט איז געקומען דער איזבארשטשיק אויך צום רבי'ן ווייל פון דער צייט אן וואס ער האט געהרג'עט דעם משולח איז ער געווארען שטארק קראנק, אזו האט דער רבי איהם געהייסען ער זאהל זיך מודה זיין אויף זיינע זינד, האט ער אנגעהויבען צו דער ציילען זיינע קליינע זינד, האט דער רבי זלה"ה אויף איהם אנגעשריגען, אונ זאגט צו איהם מיט דיזע ווערטער, דו רשע זייא זיך מודה אויף דיינע גרויסע זינד, אזוי האט ער זיך געמוזט מודה זיין אז ער האט געהרג'עט דעם משולח, אונ איז געגאנגען ווייזען וואו ער האט איהם באגראבען, נאך דעם האט ער גיבעטען בא דעם רבי'ן ער זאהל איהם גיבען א תשובה, אונ איז אנטלאפען גאנץ ווייט.

---

## נז.

מעשה. דער רבי זלה"ה האט געהאט א פלימעניק ר' אלטער ז"ל, האט ער זייער מורא געהאט אז מ'זאל איהם אפ געבען פאר א זעלנער, איז ער אנטלאפען צום רבי'ן זלה"ה, אונ ער איז געזעסען בא איהם אין שטוב, איין מאהל האט איהם דער פעטער הרב זלה"ה צו גערופען צו זיך אונ בעט פון איהם ער זאהל נעמען אביסעל טוטין, אונ זאהל אריין לייגען אין זיין לולקע דען מיט דעם רויך וועט ער פאר רייכערען אלע זיינע פיינט וואס ווילען איהם שלעכטס טהון, האט ער דאס געטהון, נאכדעם איז ער געפאהרען אהיים קיין זיטאמיר, וויא ער איז געקומען אהיים אזו האבען איהם די זבארשטשיקס דער ציילט, אז אין דעם זעלבען טאג וואס ער האט אריין געלייגט טוטין אין דעם רבי'ס לולקע, אזו האט מען אין זיטאמיר גערונגען איין פיהר צו פאהרען קיין ווילעדניק, אונ ברייגען איהם צום נאבאר, וויא מען איז ארויס געפאהרען פון זיטאמיר, אזו האבען די פערד ניט געוואלט גיין ווייטער, אונ עס האט גאר ניט געהאלפען, האט מען גערונגען אנדערע פיהרען אונ די פערד האבען אויך ניט געוואלט גיין, אזו האבען זייא שוין געוואוסט אז עס איז א גאטליכע זאך אונ האבען זיך אומגעקערט צו ריק קיין זיטאמיר.

---

## נח.

מַעֲשֶׂה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין שְׁנַיידֶער אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם אַיין עֵצָה, וִויא אַזוֹ זָאהְל עֶר אַיין מָאהֶנֶען זַיין גֶעלְט וָואס עֶס קוּמְט אִיהְם פוּן דֶער קַאוְנַא, אוֹיךְ אִיז דֶער שְׁנַיידֶער גֶעוֶועֶן קְרַיינְק אוֹיף דִי פִּיס, הָאט אִיהְם הרב זלה"ה גִיפְרֶעגְט, אוֹיף וָואס דַארְף זִיךְ אַמֶענְטְשׁ פְרִיעֶר בַּאקְלָאגֶען אוֹיב נִיט אוֹיף זַיין גֶעזוּנְד, אַזוֹ עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער שְׁנַיידֶער אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְהוּן פִיהְל סְגוּלוֹת אוּנ עֶס הֶעלְפְט גָאר נִיט, הָאט אִיהְם דֶער רבי זי"ע גֶעזָאגְט טוּא נָאךְ מַיינֶע אַ סְגוּלָה. זָאלְסְט מַאכֶען בִּיטְלַאךְ פוּן וַוייצֶענֶע קְרַייעֶן, אַזוֹ וֶועסְטוּ אי"ה גֶעזוּנְד וֶוערֶען, אוּנ דָאס גֶעלְט וֶועסְטוּ אוֹיךְ אָפּ נֶעמֶען בַּא דֶער קַאוְנַא, אוּנ וִויא דֶער רבי הָאט אִיהְם צוּ גֶעזָאגְט אַזוֹ אִיז גִיוֶועןְ.

---

## נט.

מַעֲשֶׂה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין שְׁנַיידֶער וֶועלְכֶער עֶר הָאט גֶעהַאט קָאפּ שְׁמֶערְצֶען, אוּנ עֶר הָאט גֶעטְהוּן פִיהְל סְגוּלוֹת מִיט פִיהֶל רְפוּאוֹת אוּנ עֶס הָאט אִיהְם גָאהְר נִיט גֶעהָאלְפֶען, אַזוֹ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל אִיהְם גִיבֶּען אַ סְגוּלָה, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען אַז דָאס שְׁלַאפְקֵייט אִיז דִיר גֶעקוּמֶען פוּן אַיין כִּישׁוּף, אַזוֹ הָאט זִיךְ דֶער שְׁנַיידֶער פַאר וואוּנְדֶערְט, אוּנ זָאגְט צוּם רבי'ן זלה"ה אַז עֶס קֶען נִיט זַיין דֶען וֶוער הָאט אִיהְם גֶעקֶענְט טְהוּן כִּשׁוּף אוּנ פַאר וָואס, אַזוֹ הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם, דוּ וואהְנְסְט מִיט אַיין עָרֵל אִינְטֶער אֵיין דַאךְ, אוּנ דוּ בִּיסְט מְזַנֶּה מִיט זַיין וַוייבּ, אוּנ דֶער פַאר הָאט מֶען דִיר אָפּ גֶעטְהוּן כִּשׁוּף, וִויא דֶער שְׁנַיידֶער הָאט דִיזֶע וֶוערְטֶער גִיהֶערְט פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה, אַזוֹ אִיז עֶר גֶעפַאלֶען מִיט'ן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד, אוּנ הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶועןְ אוֹיף זַיין שׁוּלְד אַז עֶס אִיז אֱמֶת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען דֶעם רבי'ן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיין זִינְד, אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אִיז עֶר גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד, אוּנ הָאט שׁוֹין מֶעהְר נִיט גֶעפִיהְלְט קַיין קָאפּ וַוייטָאג, אוּנ אִיז גֶעפָאהְרֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים.

---

## ס.

מעשה. אין אוורוטש איז געווען איין קירזשנער ער האט געהייסען ר' אלי', האט ער געהאט איין קרחת ר"ל אלאנגע צייט, אונ אלע דאקטורים האבען ניט געקענט העלפען צו דעם, אזו איז ער געפאהרען קיין ווילעדניק, אונ איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה אונ האט אן געהויבען צו וויינען מיט איין ביטער געוויין ער זאהל איהם העלפען צו דער קרחת ר"ל, וויא ער איז געקומען צו דעם רבי'ן זלה"ה, אזו האט ער איהם געהייסען ער זאהל נעמען איין טאפ מיט קאלטע וואסער פראסטע, אונ זאהל צושטעלען לעבען פייער, אונ וויא די וואסער וועט אן הויבען צו זידען זאהל ער זיא טרינקען, וועט ער אי"ה מיט דעם האבען א רפואה אונ אזו איז געווען.

---

## סא.

מעשה. איין מאהל איז געקומען איין סוחר פון באלטא קיין אוורוטש ער האט בעדארפט נעמען געלט פון דער קאזנאטשייסטווא, אונ אז ער האט דער הערט דאס גרויסקייט פונ'ם רבי'ן זלה"ה, האט ער בא זיך באקלערט צו פאהרען קיין ווילעדניק אונ זעהן דעם רבי'ן, אונ אז עס איז געקומען די צייט פון געזעגענען זיך, האט איהם דער רבי זלה"ה געזאגט מיט די ווערטער, עס איז פאראן איין גויעש ווערטעל „דומקא זא מארעם, א סמערט זא פלעטשאמי", האט קיינער ניט פערשטאנען דיזע רייד וואס ער מיינט דער מיט, אקיצור דער סוחר איז געקומען אהיים אונ האט דער ציילט פאר אלע זיינע בעקאנטע די ווערטער וואס דער רבי זלה"ה האט איהם געזאגט פאר זיין אוועק פאהרען, האבען זייא אויך ניט געוואוסט וואס דאס בעטייט, אונ עס האט געפעהלט א וואך צייט, האט דער סוחר זיך אפ גירעכענט מיט די גוים פאר זייער ארבייט פלוצלינג איז געקומען איין גוי אונ האט אפ געהאקט דעם סוחר די קאפ אזו האט זיך דער גוי זייער דער שראקען, אונ האט זיך פאר ענטפערט אז ער האט ניט געמיינט איהם הרגענען, דען ער איז איהם ניט קיין שונא, נאהר איהם האט זיך אויס געוויזען אז עס איז איין בוים, האט ער געוואלט ארײן שטעקען די האק אין דעם בוים וויא זיין שטייגער איז, אזו האבען זיך אלע מענטשען דער מאנט די רייד פון דעם רבי'ן זלה"ה, וואס ער אליין האט זייא פריער דער

ציילט, האבען זייא שוין פערשטאנען אז נאהר פון גאט איז איהם געקומען דער טויט, נאך דער מעשה זענען פיל מענטשען געקומען פון באלטא קיין ווילעדניק, אונ האבען אונז דער ציילט די מעשה פון דעם סוחר.

---

## סב.

מעשה. איין מאהל איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה איין אשה חשובה וואס זיא איז געוועז פריער זייער רייך, נאהר יעצט האט זיך איהר אבסטא-יאטעלסטווא פערביטען אונ זיא איז געווארען זייער געמיין איז זיא געקומען צום רבי'ן זללה"ה ער זאהל איהר העלפין, האט דער רבי זלה"ה איהר גיגעבען צווייא האלבע אימפעריאלען אונ זאגט צו איהר יעצט אנטלאי איך דיר דאס געלט ביז איין צייט, נאכדעם ווען איך וועל זייא דארפען זאלסטו מיר זייא אפ געבען, די מעשה איז געוועז פאר דעם רבינ'ס הסתלקות, אונ עס האט געפעלט עטליכע יאהר, אונ די אבסטאיאטעלסטווא איהרע האט זיך פערבעסערט, איין מאהל איז געקומען דער רבי זלה"ה צו חלום צו איהר אונ זאגט אז מארגען זאהל זיא זעהן אפ שיקען די צווייא האלבע אימפעריאלען לזוגתו, ווארום עס איז איהר יעטצט זייער נוטצליך דאס געלט, אזו האט זיא אויף מארגען אפ געשיקט דאס געלט מיט איין בריעף אין וועלכען זיא האט אויס געשריבען אלעס וואס דער רבי האט איהר אן געזאגט אין חלום, אויף מארגען וויא מען האט ער-האלטען דאס געלט, איז געוועזן דיא הסתלקות פון דער רבי'צען, אונ מיט דעם געלט האט מען איהר געטהון איהר רעכט.

---

## סג.

מעשה. איין מאהל איז געקומען דער שרייבער פון פאקאליעוו, אונ ער איז גיוועזן איין מומר, אונ דאס איז געוועזן אום חוה"מ סוכות, איז ער אריין גלייך אין סוכה, אונ האט אראפ גענומען די היטעל פונ'ם קאפ אונ האט זיא אנידער געלייגט אויף דעם רבינ'ס בעטיל, אזו איז געווארען איין גרויסער שטורם ווינט אין סוכה אז מ'האט ניט געקענט איין זיצען, זענען זייא אלע ארויס אויף דער גאס זעהן וויא גרויס איז דער שטורם ווינט האבען זייא געזעהן אז אין גאס איז גאהר שטיל, עס איז אפילו ניט געוועזן קיין קליין ווינטעל, זענען זייא ווידער אריין

אין

אין סוכה איז דער שטורם ווינט געוואהרען נאך גרעסער, אזו האבען זייא פאר שטאנען אז איבער דער היטעל איז געווארען דער שטורם ווינט, האבען זיי אראפ גענומען די היטעל פונ'ם בעט, אזו איז געווארען שטיל.

---

## סד.

מעשה. איין מאהל איז געקומען קיין ווילעדניק איין גרויסער סוחר אום פרייטאג, אזו איז ער געגאנגען אין מרחץ אריין אונ האט געטראפען דארט דעם רבי'ן זלה"ה, אזו האט דער בעדער גיבעטען דעם סוחר ער זאהל אביסעל צו-ווארטען ביז ער וועט ארומוואשען דעם רבי'ן, נאכדעם וועט ער איהם ארומ-וואשען, האט ער בא דעם סוחר געפועל'ט, וויא דער רבי האט זיך שוין ארום געוואשען, אזו האט דער בעדער אנגעהויבען צו וואשען דעם סוחר, אונ דער רבי זלה"ה שטייט פון ווייטענס אונ זאגט צום בעדער וואש נאהר איהם גוט ארום, נאכדעם קוקט זיך דער סוחר ארום אויף זיין לייב אזו איז ער געווארען פוהל מיט בלאטערען, אונ עס האט איהם זייער ווייא געטהון דאס לייב, אויף אויף מארגען איז ער געקומען צום רבי'ן זלה"ה אונ בעט איהם ער זאהל האבען א רפואה, אזו זאגט צו איהם דער רבי, אויב דו וועסט פון יעצט אן מעהר ניט זינדיגען אזו ווערסטו אי"ה באלד געזונד, אזו האט איהם דער סוחר צו געזאגט אונ ער איז באלד געזונד געוואהרען,

---

## סה.

מעשה. אין אורוטש איז געוועז איינער ר' חיים בר' שמואל, איז אין די יונגע יאהרען האט ער זייער מורא געהאט פאר'ן פריזיוו האט ער גענומען זאמד אונ האט געשאטען אין די אויגען, אונ האט זיך געטהון זייער גרויסע יסורים ביז ער האט שוין גאהר ניט געזעהן אויף די אויגען, אונ וויא עס האט גיפעלט די צייט פונ'ם נאבאר, האט ער אן געהויבען נעמען רפואות אונ סגולות נאהר עס האט איהם גאהר ניט געהאלפען, האט ער זיך באקלערט ער זאהל פאהרען קיין ווילעדניק אונ בעטען בא דעם רבי'ן א רפואה, אונ וויא ער איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה, האט איהם דער רבי געהייסען פאהרען קיין סטעפין, אונ דארט איז דא איין יודישער דאקטאר, אונ ער וועט דיר אי"ה העלפען, אזו איז ער אוועק

געפארען

געפאהרען אהיים אונ האט דער ציילט זיין פאטער די רייד פונ'ם רבי'ן זלה"ה אז ער הייסט איהם פאהרען קיין סטעפין, אזו זאגט איהם דער פאטער אז ער פאר מאגט ניט איהם צו גיבען אויף הוצאות, דען ער איז זייער ארום, דרום פאהר נאך א מאהל קיין ווילעדניק, אונ דער צייל איהם אז איך קען ניט גיבען אויף הוצאות, אלזא זאהל ער דיר געבען איין אנדער עצה, וויא ער איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה דאס צווייטע מאהל, אונ דער ציילט איהם זיין אבסטאַאטעל-סטווא, אזו האט איהם דער רבי זלה"ה גיענטפערט, ווען דו קענסט ניט פאהרען קיין סטעפין מוזטו ווארטען ביז דער דאקטאר וועט קומען קיין אורוטש, אונ ער וועט אי"ה די צייטען קומען צו איך, אונ עס האט געפעהלט צוויי וואכען אזו איז אנגעקומען קיין אורוטש איין דאקטאר פון סטעפין וועלכער ער איז זייער איין גרויסער ספעציאליסט צו אויגען ווייטאג, איז ר' חיים געקומען צום דאקטאר, אונ דער דאקטאר האט איהם גיגעבען רפואות, וויא ער האט גיזעהן אז די רפואות העלפען זייער צו די אויגען, איז ער געקומען צו איהם נאך אמאל אונ פרעגט איהם וויפיל קומט איך פאר די רפואות אזו האט ער פון איהם מעהר ניט גיבעטען וויא פינף אונ צוואנציג קאפ', האט ער איהם גיגעבען, אונ האט געשיקט נאך יי"ש מכבד זיין דעם דאקטאר, אויך דער פאטער איז מיט איהם געגאנגען בעדיינקען דעם דאקטאר, אזו האט דער דאקטאר זיי דער ציילט אז איין מאהל באנאכט איז געקומען צו איהם צו חלום איין אלטער מאן אונ האט איהם געהייסען ער זאהל פאהרען קיין אורוטש, אין דער צווייטער נאכט איז ער ווידער געקומען, ביז ער האט איהם געמוזט פאלגען אונ איז געפאהרען קיין אורוטש, אונ דאס האט מיר יעצט געבראכט וואס איך בין געקומען אהער, וויא דער פאטער מיט דעם זוהן האבען דאס דער הערט אזו האבען זייא זיך זייער פארוואונדערט אויף די וואונדער פונ'ם רבי'ן זלה"ה, אונ דערציילען דעם דאקטאר וויא עס האט זיך מיט זייא געפאסירט מיט'ן רבי'ן זלה"ה, פון דער צייט אן האט דער דאקטאר אנגעהויבען פאהרען קיין ווילעדניק.

---

# סו.

מעשה. איין מאהל האט איין אוסטרער דין גירעט שלעכטע רייד אויף דעם רבי'ן זלה"ה, ווייל ער איז געווען איין אנדער רבי'נס חסיד, נאך דיזע מעשה האט מען גיבעטען דעם דין פון אוסטרהא קיין לוהין אויף איין דין תורה איז ער פאר פאהרען אויף איין שיינער סטאנציע, אונ האט זיך געלייגט שלאפען,

אונ

און וויא עס איז שוין געוואהרען טאג, און דער מו"צ מאוסטרהא איז נאך ניט אויף געשטאנען, אזו איז צו געגאנגען דער משרת צו דער טהיר זעהן וואס טוט דער מו"צ פון אוסטרהא אזו שפעט בא זיך אין כטאנציע, אזו האט ער דער זעהן דורך דער טהיר וויא דער דין טרייסעלט זיך און קען ניט אויף שטיין פונ'ם בעט, אזו האט ער באלד גיגעבען א ידיעה אלע שטוב מענטשען, און זיי זענען באלד געקומען. און מען האט אויף גיעפינט די טהיר, אזו האבען זיי דער זעהן וויא דער פנים איז פאר ענדערט געווארען און קען זיך גאהר ניט ריהרען ניט מיט קיין שום אבר ר"ל, אויך ער האט ניט געקענט ריידען, אין דער צייט האט דער רבי זלה"ה זי"ע פון ווילעדניק גערופען זיין דאקטאר ר' אהרן, און האט איהם גיגעבען רפואות און הייסט איהם ער זאהל באלד פאהרען קיין לוהין דען דארט איז שלאף געוואהרען דער דין פון אוסטרהא און ער איז פאר בייא. ע"כ זאלסטו באלד פאהרען און נעם מיט זיך די רפואות וועסטו איהם ראטעווען מיט זייא, און נאך דעם אז ער וועט אי"ה געזונד ווערען, זאלסטו איהם אן זאגען ער זאהל קענען מיר גאהר ניט ריידען קיין שלעכטע דבורים, בכדי עס זאהל אים ניט שאדען אויף דעם צווייטען מאהל. און אזו איז געוועזען, דער רופא ר' אהרן איז געקומען קיין לוהין, און האט געטראפען אלעס וויא דער רבי זלה"ה האט איהם פריער געזאגט, אזו האט ער איהם גיגעבען די רפואות וועלכע דער רבי זלה"ה האט איהם אן געזאגט, און דער מו"צ איז באלד געזונד געווארען, נאכדעם האט איהם דער רופא אן געזאגט וואס דער רבי זצלה"ה האט איהם געהייסען, אויך האט דער מו"צ פון אוסטרהא אויף זיך גענומען ער זאהל שוין מעהר ניט ריידען קיין שלעכטס אויף דעם רבי'ן זלה"ה זי"ע.

---

## סז.

מעשה. איין מאהל איז געקומען איין פרויא קיין ווילעדניק און האט גיבעטען דעם רבי'ן זצלה"ה ער זאהל איהר געבען סגולות, דען עס האט שוין שוין געפעלט פיהל צייט, און זיא האט ניט קיין דרך נשים איבער אשלאפקייט ר"ל, דאמאלס האט דער רבי זלה"ה געזאגט צום גבאי ר' אלי' מיט די ווערטער, וואס האט צו מיר די פרויא, וואס איז זיא געקומען באוויינען מיך, איך קען איהר גאר ניט העלפען, נעם די פרויא און וואהף זיא ארויס פון דאנען אויף דער גאס דען איך קען ניט פאר נעמען איהר געשרייא, וויא ער האט דיזע רייד איבער געערעט עטליכע מאהל אזו האט דער גבאי איהם געמוזט פאלגען, און האט גע-

געַנומען

נומען די פרויא און האט זיא ארויס געווארפען אויפ'ן גאס, די פרויא האט אבער ניט געוואלט אוועק גיין, אזו איז זיא געגאנגען אונטערען פענסטער און האט ווידער אן געהויבען צו שרייאן מיט איין ביטער קול וויא פריער אזו האט דער רבי זלה"ה געהייסען דעם גבאי ר' אליי ער זאהל זיא אפ גיסען מיט איין גלאז וואסער, האט דער גבאי אזו געטהון ווי דער רבי זלה"ה האט איהם געהייסען און די פרויא האט אלץ ניט געוואלט אוועק גיין פון אונטערען פענסטער האט דער רבי זלה"ה נאך איין מאהל געהייסען דעם גבאי נעמען איין קווארט וואסער און אויף איהר ארויף גיסען, האט דער גבאי אזו געטהון, וויא ער האט אויף איהר ארויף געגאסען די קווארט וואסער, אזו האט די פרויא באלה דער פילט איהר ווסת, און איז אוועק געפאהרען אהיים פריילך.

---

# סח.

מעשה. איין מאהל איז געוועזן א גביר פון דער שטאט האמליע, און דער גביר האט פאר מאגט צוויא הונדערט טויזענד רו"כ, און דער גביר איז אין די פריער'דיגע יאהרען געוועזן ארום, און האט ניט געגלייבט אין־קיין גוטען אידען. איין מאהל האט זיך בא איהם געטראפען אז זיין ווייב איז זייער פאר שלאפט געווארען אויפ'ן קאפ, און וויפיל דאקטורים זענען אין דער צייט בא איהר געוועזן, און וויפיל רעצעפטען זייא האבען איהר גיגעבען, און עס האט אבער גאהר ניט געהאלפען, אזו האט זיא גיבעטען איהר מאן ער זאהל מיט איהר פאהרען־קיין ווילעדניק, דען זיא האט גיהערט אז דער ווילעדניקער רבי זלה"ה איז זייער איין גרויסער רבי, און העלפט יעדערען, און ווען זיא האט איהם גיבעטען עטליכע מאהל, אזו האט ער איהר געמוזט פאלגען, און איז מיט איהר געקומען קיין ווילעדניק, וויא ער האט דער זעהן אז דער רבי זלה"ה גייט מיט געמיינע קליידער, אויך די שטוב הוצאות פיה"ט זיך בא איהם זייער געמיין, אזו האט ער געווארט באלד אומקערען צוריק אהיים נאהר זיין ווייב האט איהם ניט געלאזט אוועק פאהרען ביז דער רבי זלה"ה וועט איהר בענטשען אז זיא זאהל געזונד ווערען, אזו זענען זייא געקומען צום רבי'ן זלה"ה און דער צייטען איהם זייער בקשה האט ער זייא געהייסען זייא זאלען צווווארטען ביז נאך שבת האט דער מאן ניט געוואלט בשום אופן ווארטען ביז נאך שבת, דער נאך אז דאס ווייב האט איהם זייער גיבעטען אזו האט ער פריבאוועט דעם בע"ג נאך צעהן רו"כ, און זייא זענען געבליבען אין ווילעדניק אויף שבת, פאר זייער

אוועק

אַוֶועק פָאהְרֶען זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן אַזוֹ הָאט דֶער רבי גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע רִיטְלַאךְ פוּנ'ם בֶּעזִים אוּנ הָאט זֵייא צוּשְׁנִיטֶען אוֹיף שְׁטִיקְלַאךְ, אוּנ הָאט זֵייא אָפּ גֶעגֶעבֶּען צוּ זַיין וַוייבּ אוּנ הָאט אִיהְר גֶעהֵייסֶען אָפּ קָאכֶען דִי רִיטְלַאךְ אוּנ טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער פוּן זֵייא, אַזוֹ וֶועט זִיא אי"ה הָאבֶּען אַיין רְפוּאָה שְׁלֵמָה, אוּנ צוּ דֶעם מַאן הָאט עֶר גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט מִיט דֶער צַייט אוֹיף גִירִיכְט וֶוערֶען אוּנ וֶועט זַיין אַיין גְבִיר עָצוּם, אוּנ אַזוֹ אִיז גֶעוֶוען, דֶען אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז זַיין וַוייבּ גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען, אוּנ דֶער מַאן אִיז יֶעדֶער טָאג רַייכֶער גֶעוָואהְרֶען בִּיז עֶר אִיז גֶעוָואהְרֶען אַ גְבִיר פוּן פִיר הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד רו"כ.

---

# סט.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִין סְפִירָה טֶעג, הָאט דֶער רבי זלה"ה אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען דֶעם לְשֵׁם יִחוּד וָואס פַאר סְפִירָה, אוּנ אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה אִיז עֶר גֵעגַאנְגֶען אִין זַיין קְלוֹיז אוּנ הָאט אוֹיף גִיעֶפֶענְט דֶעם ארה"ק וִויא זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, אוּנ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אוּנ וִויא דֶער רבי זלה"ה אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין קְלוֹיז אַזוֹ אִיז דָארְט גִיוֶועז פִיהְל מֶענְטְשֶׁען אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען, אוּנ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשֶׁען זֶענֶען נָאךְ גִיוֶוען וַואכֶענְדִיג אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא אָן גֶעהוֹיבֶּען אוֹיף וֶועקֶען אֵיינֶער דֶעם צְווייטֶען דֶען עֶס אִיז נִיט קַיין כָּבוֹד פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה, אוּנ עֶס אִיז נִיט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז דֶער רבי זָאהְל שְׁטֵיין, אוּנ זֵייא זָאלֶען שְׁלָאפֶען, אַזוֹ זֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען פוּנ'ם שְׁלָאף, נָאהְר אֵיין מֶענְטְשֶׁען הָאט מֶען נִיט גֶעקֶענְט אוֹיף וֶועקֶען דֶען עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַנְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען לֶעבֶּען דָרוֹם וַואנְט, אוּנ דֶער רבי זלה"ה אִיז צוּלִיעֶבּ אִיהְם אַרַיין אִין קְלוֹיז, אוּנ עֶס הָאט פִיהְל גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז מֶען הָאט אִיהְם אוֹיף גִיוֶועקְט פוּנ'ם שְׁלָאף, אַזוֹ אִיז דֶער רבי זלה"ה צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהְם אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם פוּן וַואנֶען בִּיסְטוּ, הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז פוּן לָאיֶעוו פוּן לִיטָא, דַאמָאלְס הָאט דֶער רבי זלה"ה צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט מִיט דִי רֵייד אוּנ אִיטְלִיכֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין קְלוֹיז הָאבֶּען אוֹיךְ גִיהֶערְט דֶעם רבי'נס רֵייד וִויא עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ מוּסֶר'ען דֶעם אִידִין אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם, אִיךְ וֵוייס גֶעוִוים אַז דוּ בִּיסְט אַיין סוֹפֵר, אוּנ דוּ שְׁרַייבְּסְט תְפִלִין וּמְזוּזוֹת, אוּנ דַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַרַיין צוּלֵייגֶען אִין דִי בָּתִּים פוּן דִי תְפִלִין שְׁפֶּענְדְלַאךְ אוּנ שְׁטִיקְלַאךְ קָארְזִש צְווִישֶׁען דִי פַּרְשִׁיּוֹת, רָשָׁע! דוּ בִּיסְט אַיין רָשָׁע אוּנ מַאכְסְט נָאךְ זִינְדִיגֶען אַסַךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשֶׁען, זַייא זִיךְ מוֹדֶה אוֹיף דַיינֶע זִינְד וָואס דוּא הָאסְט גֶעטְהוּן

ביז

בִּיז הַיינְט, דֶען אַלֶע זַאכֶען וָואס אַיין אִיד טָאהְר נִיט, הָאסְטוּ גֶעטְהוּן, אַזוֹ הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלְד מוֹדֶה גֶעוֶעזֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אִין קְלוֹיז אוֹיף אַלֶע זַיינֶע זִינְד, אוֹיף מָארְגֶען גַאנְץ פְּרִיא הָאט דֶער רבי זלה"ה זי"ע גֶעשִׁיקְט רוּפֶען צוּ זִיךְ דֶעם אִידֶען, אוּנ הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען צֶעהְן גוּלְדֶען אוֹיף הוֹצָאוֹת, אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם מִיט דִי וֶוערְטֶער, דוּ פָאהְרְסְט יֶעצְט אַהֵיים, אַלְזָא זָאג אִיךְ דִיר אָן פְרִיעֶר, וֶוען דוּ טְרַאכְטְסְט נָאהְר צוּ טָאן תְּשׁוּבָה, אוּנ זַיין אַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אוּנ הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד, אַזוֹ וֶועסְטוּ אי"ה קוּמֶען אַהֵיים גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק, אוּנ דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ, אוּנ דוּ וֶועסְט הָאבֶּען פַּרְנָסָה מִיט הַצְלָחָה, אוּנ אוֹיבּ נִיט, טָאמֶער קְלֶערְסְטוּ וַוייטֶער צוּ זִינְדִיגֶען וִויא בִּיז אַהֶער אוּנ טְרַאכְסְט גָאהְר נִיט צוּ טְהוּן קַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹ זָאלְסְטוּ וִויסֶען אַז דוּ וֶועסְט נִיט דֶער לֶעבֶּען צוּ קוּמֶען אַהֵיים, אַזוֹ וִויא דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹי'ס גִיהֶערְט דִי רֵייד פוּנ'ם רבי'ן זלה"ה, אַזוֹ הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגֶען אוּנ צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּ שְׁרַייעֶן, אוּנ אִיז מִיט אַיין בִּיטֶער הַארְץ אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל תְּשׁוּבָה גִיוֶוען, אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַיין עֶרְלִיכֶער אִיד.

---

## ע.

מעשה. אַיין מָאהְל זֶענֶען גֶעפָאהְרֶען פִינְף אִידִין פוּן יֶעקַאטֶערִינָאסְלַאוו קַיין ווילעדניק, אוּנ פִיר מֶענְטְשֶׁען פוּן זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין גִיקֶענְט דֶעם רבי'ן זי"ע דֶען זֵייא זֶענֶען בַּא אִיהְם שׁוֹין גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאהְל, נָאהְר אֵיינֶער פוּן זֵייא הָאט נָאךְ דֶעם רבי'ן זלה"ה נִיט גוּט גֶעקֶענְט, דֶען עֶר אִיז בַּא אִיהְם נָאךְ קַיין מָאהְל נִיט גֶעוֶוען, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפָאהְרֶען צוּם רבי'ן זלה"ה בֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער דֶען עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אַזוֹ וִויא עֶר אִיז גֶעפָאהְרֶען מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע פִיהְר מֶענְטְשֶׁען, הָאט עֶר זֵייא גִיבֶּעטֶען, אַזוֹ וִויא זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין מִיטְ'ן רבי'ן זלה"ה, דְרוּם זָאלֶען זֵייא פַאר אִיהְם אוֹיךְ בֶּעטֶען, טָאמֶער וֶועט זֵייא דֶער רבי זלה"ה בֶּעסֶער צוּ הֶערֶען, אוּנ זֵייא זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען קַיין ווילעדניק, אוּנ זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אִין שְׁטוּבּ, אוּנ דֶער אִיד בֶּעט דֶעם רבי'ן זַיין בַּקָשָׁה עֶר זָאהְל אִיהְם צוּ זָאגֶען קִינְדֶער, אוּנ דִי פִיהְר מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהָאלְפֶען רֵיידֶען פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה, אוּנ זָאגֶען אִיהְם אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַיין עֶרְלִיכֶער מַאן, אוּנ אַיין פְרוּמֶער אִיד, אַזוֹ רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רבי זלה"ה, אוּנ זַיין ווייבּ אִיז אוֹיךְ אַיין פְרוּמֶע? הָאבֶּען דִי מֶענְטְשֶׁען אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט, אַז זַיין ווייבּ אִיז אוֹיךְ אַיין עֶרְלִיכֶע אוּנ אַיין פְרוּמֶע, דֶען

אלע

אַלֶע הָאבֶּען זִיא גֶעהַאלְטֶען פַאר אַיין אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, אוּנ קֵיין מֶענְטְשׁ הָאט אִין אִיהְר נִיט גֶעפוּנֶען קֵיין אוּמְעֶרְלִיכְקֵייט, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רבי זלה״ה גֶעזָאגְט צוּם אִידֶען, אִיךְ וָואלְט דִיר גִיגֶעבֶּען אַיין עֵצָה טוֹבָה אַז דוּ זָאלְסְט גֶט׳ען דַיין פְרוֹיא, אוּנ קֵיין קִינְדֶער וִויל עֶר אִיהְם נִיט צוּ זָאגֶען, נָאהְר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער זַייעֶר נִיט גֶעוָואלְט גֶט׳ען זַיין וַוייבּ, אַזוֹ אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט נִיט גֶע׳גֶט זַיין וַוייבּ, אוּנ אִין אַ יָאהְר אַרוּם אִיז זַיין וַוייבּ זַייעֶר פַאר־שְׁלַאפְט גֶעוָוארֶען, אוּנ זִיא הָאט אִיהְם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאהְל פָאהְרֶען נָאךְ אַמָאהְל קֵיין ווילעדניק צוּם רבי׳ן זלה״ה נֶעמֶען אַיין רְפוּאָה צוּ אִיהְר שְׁלַאפְקֵייט, אוּנ אוֹיךְ בֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער, אִיז עֶר דָאס צְוֵוייטֶע מָאהְל גֶעפָאהְרֶען, וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה אִין שְׁטוּבּ, אוּנ דֶער לַאנְגְט אִיהְם דָאס קְוִויטֶעל, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה״ה גִיפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשֶׁען, דַיין וַוייבּ הָאסְטוּ נָאךְ נִיט גֶע׳גֶט אוּנ זִיא אִיז נָאךְ נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, זִיא לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹ אִיז דֶעם מֶענְטְשֶׁען גֶע־וָוארֶען אַגְרוֹיסֶער חִדּוּשׁ אוֹיף אַזֶעלְכֶע פְרַאגֶעס, אוּנ אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִיל דֶען עֶר הָאט דָאס גָאר נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רבי מֵיינְט דֶער מִיט, אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יעקאטערינאסלאוו אֵיינִיגֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ הָאבֶּען אִיהְם אָפּ גִיגֶעבֶּען אַיין גְרוּס פוּן זַיין וַוייבּ אַז זִיא אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ פַאר אִיהְר טוֹיט הָאט זִיא גֶעשִׁיקְט רוּפֶען דֶעם גַּלָּח אוּנ הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִיא אִיז אַיין עֲרֵלִית, אוּנ זִיא הָאט זִיךְ פַאר שְׁטֶעלְט פַאר אַיין יוּדִישֶׁע פְרוֹיא, אוּנ מ׳הָאט זִיא בֶּעגְרָאבֶּען אוֹיף דִי מָאהִילְקֶעס, דַאמָאלְס הָאבֶּען אַלֶע עֶרְשְׁט דֶערְזֶעהְן דִי נְבִיאוּת פוּנ׳ם רבי׳ן, דֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיין נָבִיא בֶּאֱמֶת.

---

# נ״א.

מעשה אַיין מָאהְל הָאט אַ ווילעדניקער חָסִיד גֶענוּמֶען אַיין אֵיידֶעם הָאט אִיהְם דֶער שְׁוֶוער גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאהְל קֵיין ווילעדניק, אוּנ נָאכְדֶעם אִיז דֶער אֵיידֶעם גֶעפָאהְרֶען צוּ אַיין אַנְדֶער רבי׳ן אוּנ הָאט צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען אַיין קָאבְּרַאנִיֶע פוּן חֲסִידִים, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען זִינְגֶען דֶעם רבינ׳ס נִגּוּנִים אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען מַאכֶען לֵיצָנוּת פוּן דֶעם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ פוּן זַיינֶע נִגּוּנִים וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען שַׁבָּת בַּיים טִישׁ, אוּנ אִין דֶער צַייט אִיז זַיין וַוייבּ גִיוֶוען טְרָאגֶענְדִיג, דֶער וַוייל אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁוֶוער אַהֵיים, הָאט זַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֵיין צוּ קִינְד, אַזוֹ הָאט דִי בָּאבֶּע דֶער זֶעהְן וִויא עֶס גֵייט פוּן אִיהְר אַקְלֵיין חֲזִירְ׳ל, אוּנ הָאט זִיךְ פַאר הַאלְטֶען מִיט דִי נֶעגִ׳ל אוּנ קֶען נִיט אַרוֹיס,

האט די באבע געמאכט איין גרויס געשרייא מיט איין גרויס געוואלד, דען זיא גייט זייער שווער צו קינד, האט איהר פאטער באלד געחאפט איין פיהר אונ איז אוועק געפאהרען גלייך קיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה, וויא ער איז געקומען צום רבי'ן אין שטוב, אזו האט זיך דער רבי אן גערופען צו איהם וואס קען איך דיר העלפען, ווען דיין איידעם האט איבער געזונגען מיינע נגונים האט ער מיט דעם פאר דינט אז זיין ווייב זאהל האבען איין חזיר, ער האט געהאזערט אזו לאנג ביז ער האט אויס געהאזערט איין חזיר, אקיצור ער האט געמאכט איין גרויס געשריי האט איהם דער רבי געזאגט, פאהר אהיים זיא וועט שוין האבען איין רפואה, נאהר ווייטער זאל ער פון מיר ניט לאבען.

---

# עב.

מעשה. איין מאהל איז געקומען צום רבי'ן זלה"ה איין אשה עגונה פון ליטא, אונ האט פאר איהם זייער געוויינט, אונ בעט פון איהם ער זאהל איהר זאגען וואו געפינט זיך איהר מאן, דען עס איז שוין עטליכע יאהר אז ער האט זיא אוועק געווארפען, אונ זיא ווייסט ניט וואו ער איז, אין עטליכע טעג ארום האט דער רבי זלה"ה געשיקט רופען די אשה עגונה, אונ זאגט איהר זיא זאהל פאהרען קיין טריאנעב לעבען ברדיטשוב אונ פארענדעג אין איין דארף וועט קומען איין גוי, אונ וועט פון איהר בעטען אז זיא זאהל בא איהם קויפען ווייץ, זאהל זיא שוין וויסען אז דאס איז איהר מאהן, אזו זאהל זיא איהם ניט אפ לאזען ביז ער וועט איהר געבען גט, האט די עגונה אזו געטהון וויא דער רבי זלה"ה האט איהר אן געזאגט, זיא איז אוועק געפאהרען קיין טריאנעב, אונ פארענדעג איז זיא געוועזען אין אדארף, אזו גייט צו איהר צו איין גוי, אונ בעט אז זיא זאהל קויפען בא איהם ווייץ, האט זיא איהם באלד דער קענט אז דאס איז איהר מאן, איז זיא מיט איהם געגאנגען אין שייער ארייין וואו זיין ווייץ איז געוועזען, וויא זייא זענען ארייין געגאנגען אין שייער ארייין אזו איז זיא געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד, אונ זאגט צו איהם דיזע רייד, דו ווייסט אז דו ביסט מיין מאהן, פאר וואס האסטו מיך פראסירעט, וואס האב איך אנטקעגען דיר פערשולדיגט, אונ האט זיך זייער שטארק צוויינט, אזו האט ער איהר גיענטפערט, שרייא ניט וואס דו וועסט פון מיר פערלאנגען וועל איך דיר איספאלניען, יעצט מאך דא ניט קיין גוואלדען, אונ פאהר גלייך קיין ברדיטשוב, אונ ווארט דארט אויף מיר. איך וועל באלד נאך דיר אן קומען,

דאמאלם

דַאמָאלְס וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען גֶט, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ גֶעבֶּען אַבִּיסֶעל גֶעלְט
וִויפִּיעל אִיךְ וֶועל נָאהְר קֶענֶען, אִיז דִי פְּרוֹיא גֶעפָאהֶרֶען קַיין בּרדיטשוב אוּנ עֶר
אִיז אוֹיךְ אָן גֶעקוּמֶען בַּאלְד צוּ אִיהְר, אוּנ הָאט אִיהְר גִיגֶעבֶּען גֶט ע"פ ד"ת אוֹיךְ
אַבִּיסֶעל גֶעלְט, אַזוֹ אִיז זִיא מִיט פִיהְל פְרֵייד גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ
הָאט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה דֶער צֵיילְט אִין גַאנְצֶען דִי מַעֲשֶׂה.

---

# ע"ג.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין עֲגוּנָה פוּן לִיטָא קַיין ווירעדניק
אוּנ אִיז פַאר פָארֶען אוֹיף אַ סְטַאנְצִיֶע, אוּנ אִין דֶער צַייט הָאט דֶער רבי זלה"ה
אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף דֶעם גבאי מִיט דֶעם לָשׁוֹן, פַאר שְׂרִים דִי טְהִיר,
אוּנ לָאז יֶעצְט קֵיינֶעם נִיט אַרַיין צוּ מִיר אִין חֶדֶר, וָואס ווִילֶען זֵייא פוּן מִיר
הָאבֶּען, אִיךְ בִּין אַיין גָאט וָואס אִיךְ זָאהְל קֶענֶען יֶעדֶערֶען הֶעלְפֶען זַיין בַּקָּשָׁה
וָואס עֶר פֶערְלַאנְגְט, אִיךְ קֶען אִיהְר יֶעצְט גָאהְר נִיט הֶעלְפֶען, אַזוֹ הָאט דֶער
רבי זלה"ה גֶעזָאגְט מִיט אַיין גְרוֹיס קוֹל, אוּנ דֶער גבאי שְׁטֵייט פַאר טְרַאכְט אוּנ
וֵוייסְט נִיט וָואס דָאס בֶּעטַייט, אוֹיף וֶועמֶען שְׁרַייט דֶער רבי זלה"ה אוּנ וָואס
מֵיינְט עֶר מִיט דֶעם, אוּנ פַאר וֶועמֶען הֵייסְט עֶר פֶערְשְׁלִיסֶען דִי טְהִיר, וֶוער
דַארְף דֶען קוּמֶען, אוּנ אִין אַקְלֵיינֶער צַייט אַרוּם. אִיז גֶעקוּמֶען דִי אִשָּׁה פוּן
אִיהְר סְטַאנְצִיֶע, אוּנ הָאט זִיךְ מִיט גְוואַלְד אַרַיין גֶעחַאפְּט אִין חֶדֶר וואוּ דֶער
רבי זלה"ה אִיז גֶעוֶוען אוּנ אִיז צוּ גִיטְרֶעטֶען גְלַייךְ צוּם רבי'ן זלה"ה, וִויא דֶער
רבי הָאט זִיא דֶער זֶעהְן, אַזוֹ הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיפְן גבאי
נָאךְ וָואס הָאט עֶר אַרַיין גֶעלָאזְט דִי פְרוֹיא אוּנ הָאט נִיט פַארְשְׁלָאסֶען דִי טְהִיר
יֶעצְט אִיז דִי אִשָּׁה אַרַיין גֶעגַאנְגֶען נָאהְר וָואס קֶען עֶר יֶעצְט טְהוּן, אַרוֹיס
וַוארְפֶען דִי אִשָּׁה אִיז אוּמֶעגְלִיךְ, אוּנ זִיא הָאט זִיךְ אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט פַאר
דֶעם רבי'ן זלה"ה, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּ שְׁרַייעֶן מִיט אַיין
בִּיטֶער קוֹל, אוּנ זָאגְט צוּם רבי'ן זלה"ה הֶעלְפְט מִיר פוּן מַיינֶע יְסוּרִים, דֶען אִיךְ
קֶען שׁוֹין גָאר נִיט אִיבֶּער טְרָאגֶען, דֶען עֶס אִיז שׁוֹין נַיינְצֶעהְן יָאהְר אַז מַיין
מַאן הָאט מִיךְ פֶרְלָאסִירֶעט מִיט פִיהְר קִינְדֶער, אוּנ מֶען דַארְף זֵייא שׁוֹין חֲתוּנָה
מַאכֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִיט פוּן וַואנֶען זֵייא מְפַרְנֵס צוּ זַיין, עֶס אִיז שׁוֹין
צְווֵייא יָאהְר אַז אִיךְ בִּין אִין וֶועג בִּיז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן אוּנ יֶעצְט
ווִילְט אִיהְר מִיר גָאהְר נִיט עֶנְטְפֶערֶען, אוּנ הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּנ דֶער רבי
זלה"ה הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִיט אוּם גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהְר, אוּנ הֵייסְט דֶעם גבאי עֶר

זָאהְל זִיא אַרוֹיס וַוארְפֶען פוּן זַיין חֶדֶר, אַזוֹ הָאט דִי פְרוֹיא נָאךְ מֶעהְר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן גְוַואלְד הַיילֶעגֶער רבי עֶנְטְפֶערְט מִיר אוֹיף מַיין בַּקָשָׁה, אֶפְשַׁר פֶערְלַאנְגְט אִיהְר גֶעלְט קֶען אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּען וִויפִיעֶל אִיהְר פַארְלַאנְגְט פוּן מִיר, דֶען אִיךְ הָאבּ בַּא מִיר פִינְף רו"כ, אַזוֹ זָאגְט צוּ אִיהְר דֶער רבי זלה"ה דוּ זָאגְסְט נִיט אֶמֶת, בַּא דִיר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט זֶעקְס רו"כ, הָאט דִי פְרוֹיא גִיעֶנְטְפֶערְט, יָא רבי אִיךְ הָאבּ זֶעקְס רו"כ אַזוֹ וִויא אִיהְר זָאגְט, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רבי צוּ אִיהְר דוּ הָאסְט נָאךְ פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג קָאפּ/, עֶנְטְפֶערְט זִיא יָא רבי, נָאהְר אִיךְ דַארְף דָאס הָאבֶּען אוֹיף הוֹצָאוֹת, אַזוֹ עֶנְטְפֶערְט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה. אִיךְ וֶועל בַּא דִיר גָאהְר נִיט נֶעמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר נָאר גֶעבֶּען גֶעלְט, אוּנ אִיךְ גִיבּ דִיר אַיין עֵצָה, דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען מַיין גֶעלְט וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען, אוּנ מָארְגֶען אִיז אִין ווילעדניק אַיין גְרוֹיסֶער יְרִיד, זָאלְסְטוּ פַאר דֶעם גֶעלְט קוֹיפֶען בֵּייגֶעל, אוּנ דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶעלֶען אוֹיפְ'ן מַארְק פַארְקוֹיפֶען זֵייא, אוּנ אַז דוּ וֶועסְט זֵייא פֵאר קוֹיפֶען זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט אָפּ גֶעלֵייזְט פַאר דִי בֵּייגֶעל אוּנ קוֹיפֶען נָאךְ אַמָהְל בֵּייגֶעל, אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט דִיר השי"ת דוּרְךְ דֶעם עֶפֶּעס הֶעלְפֶען, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זֵייא חֲתוּנָה מַאכֶען, אַזוֹ הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גִיגֶעבֶּען זַיינֶע פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג קָאפּ' זִילְבֶּער, אוּנ זָאגְט אִיהְר אָן אַז זִיא זָאהְל אוֹיף דֶעם יְרִיד קְרֶעסְטְשֶׁענִיעֶ קוֹיפֶען פַאר זַיין גֶעלְט בֵּייגֶעל, אוּנ זִיךְ שְׁטֶעלֶען אוֹיף דֶעם מַארְק פַאר קוֹיפֶען, הָאט דִי אִשָּׁה גֶעטְהוּן אַלֶעס וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר גֶעהֵייסֶען, אוּנ הָאט אָן גֶעקוֹיפְט בֵּייגֶעל מִיט לֶעקַאךְ, אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פַאר קוֹיפֶען, אַזוֹ הָאט זִיא גֶעזֶעהְן אַז זִיא הָאט שׁוֹין אָפּ גֶעלֵייזְט פִיהְל גֶעלְט, אוּנ עֶס אִיז נָאךְ דָא פִיהְל בֵּייגֶעל אוֹיךְ, אַזוֹ הָאט זִיא אוֹיף מָארְגֶען פַאר דֶעם גֶעלְט וָואס זִיא הָאט אָפּ גֶעלֵייזְט גֶעקוֹיפְט נָאךְ בֵּייגֶעל מִיט לֶעקַאךְ, אוּנ הָאט פַאר קוֹיפְט אִין מַארְק, פַאר נַאכְט אִיז צוּ אִיהְר צוּ גֶעגַאנְגֶען אַיין גוֹי אוּנ זָאגְט אִיהְר זִיא זָאהְל אִיהְם פַאר קוֹיפֶען פַאר דְרַייסִיג קָאפּ' בֵּייגֶעל הָאט זִיא אִיהְם גִיגֶעבֶּען, אַזוֹ הָאט עֶר אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַיין גְרוֹיסֶען טַייסְטֶער, אִין וֶועלְכֶען עֶס אִיז גִילֶעגֶען אִין גַאנְצֶען זַיין גֶעלְט, אוּנ הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּנ'ם טַייסְטֶער אַיין רוּבּל אוּנ גִיט אִיהְר, אוּנ הֵייסְט זִיךְ אַרוֹיס גִיבֶּען זִיבֶּעצִיג קָאפּ, הָאט זִיא אִיהְם אַרוֹיס גִיגֶעבֶּען דִי זִיבֶּעצִיג קָאפּ', אוּנ עֶר הָאט זֵייא אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַיין אַנְדֶער טַייסְטֶער, אוּנ אִין דֶעם טַייסְטֶער אִין וֶועלְכֶען עֶס אִיז גִילֶעגֶען צֶעהְן טוֹיזֶענְד רו"כ, הָאט עֶר אִיהְם פַארְגֶעסֶען לֶעבֶּען אִיהְר, אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּנ וִויא דִי פְרוֹי הָאט דֶער זֶעהְן דֶעם טַייסְטֶער, אִיזוֹ הָאט זִיא אִיהְם בֶּעהַאלְטֶען אִין שְׁנֵייא אוֹיף אַיין אָרְט, אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אֵיידֶער זִיא

וועט

וועט גיין אהיים וועט זיא איהם נעמען, נאהר אין א שעה ארום איז דער גוי געקומען אונ פארערט פון איהר דעם טייסטער מיט'ן געלט, אזו האט זיא זיך אפ געלייקענט אז זיא ווייסט גאר ניט פון קיין טייסטער, אונ האט ניט געזעהן קיין טייסטער, אזו האט ער געמאכט א גרויס גוואלד דען אין גאנצען זיין פארמעג איז דארט גיווען, אונ איז באלד אוועק צום פריסטאוו, אונ ער האט באלד געשיקט רופען די פרויא, אקיצור זיא האט דארט אויך געלייקענט, האט דער פריסטאוו איין עצה גיגעבען דעם גוי, אז ער זאהל מיט איהר גיין צום רבי'ן זלה"ה, אונ דארט וועט זיא מוזען זאגען דעם אמת, אונ אויב דאס געלט איז בא איהר וועט זיא דיר דארט אפ געבען ביז איין קאפיקע, אונ קיין בעסערע עצה באדארפסטו ניט, זענען זייא אוועק געגאנגען, אונ ווייא זייא זענען געקומען צום רבי'ן זלה"ה, אזו האט זיא איהם אוואונק געטהון אז דאס געלט איז בא איהר, אזו האט דער רבי זלה"ה געהייסען אז זייא זאלען קומען מארגען זייגער דריי באטאג, דער וואייל האט דער רבי איהר געהייסען ברייגגען צו איהם דאס געלט, אויף מארגען זענען זייא געקומען צום רבי'ן זלה"ה, אונ דער פריסטאוו איז אויך געקומען, האט דער רבי געהייסען דעם גוי ער זאהל זאגען סמנים אויפ'ן געלט, אזו האט ער איהם געזאגט אלע סמנים, אונ רעט אלעם אויף רוסיש, אזו זאגט איהם דער רבי זלה"ה, וואס רעדסטו מיט מיר אויף רוסיש, דו קענסט ניט ריידען מיט מיר אויף אידעש, אזו האט ער זיך גע־מאכט וויא ער פאר שטייט גאר ניט וואס מען רעדט צו איהם, זאגט דער רבי זלה"ה צום גבאי גיב איהם נאהר גוטע עטליכע פעטש וועט ער אן הויבען צו ריידען אויף אידעש, אזו האט ער באלד אן געהויבען צו ריידען אויף אידעש, אזו זאגט צו איהם דער רבי זלה"ה דו ביסט דאך איהר מאן, פאר וואס האסטו זיא פרעסירעט מיט פיהר קינדער, יעצט דארף זיא זייא חתונה מאכען אונ זיא האט ניט פון וואנען, האט ער זיך באלד מודה געווען אונ האט איהר גיגעבין גט, אונ פון דעם געלט האט ער זיך גענומען טוזענד רו"כ, אונ דאס איבעריגע געלט האט ער איהר אפ גיגעבען.

---

## עז.

מעשה איין מאהל איז געקומען איין רייכע פרויא צום רבי'ן זלה"ה, עס איז שוין זעקס יאהר אז עס האט איהר אפ גענומען די רעכטע האנט, אונ זיא קען ניט א ריהר טהון מיט דער האנט, אונ זיא איז שוין געווען בא אלע

גרויסע

גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹרִים, אוּן בַּא אַלֶע טָאטֶערֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְר נִיט גֶעקֶענְט הֶעלְפֶען, אַזוֹ הָאט זִיא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וַויינֶען פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה, עֶר זָאהְל אִיהְר גֶעבֶּען אַיין סְגוּלָה, אַזוֹ הָאט אִיהְר דֶער רבי גֶעפְרֶעגְט אֶפְשַׁר גֶעדֵיינְקְסְטוּ דִי פְּרִיטְשִׁינֶע פוּן וָואס אִיז דָאס דִיר גֶעקוּמֶען, הָאט זִיא אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט אַז זִיא גֶעדֵיינְקְט נִיט, אוּן וֵוייסְט נִיט פוּן וַואנֶען הָאט זִיךְ דָאס צוּ אִיהְר גֶענוּמֶען, אַזוֹ הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה דַאמָאלְס גֶעזָאגְט, אוֹיבּ דוּ גֶעדֵיינְקְסְט נִיט פוּן וַואנֶען, אוּן פַאר וָואס קוּמְט דָאס צוּ דִיר, וֶועל אִיךְ דִיר דֶער צֵיילֶען דִי סִבָּה פוּן דֶעם, רֶען אִין דֶער צַייט וָואס דוּ בִּיסְט נָאךְ גֶעוֶוען אַיין מֵיידֶעל בִּיסְטוּ גֶעפָאהְרֶען מִיט דַיין פָאטֶער אִין וַואלְד אַרַיין צוּנוֹיף נֶעמֶען הֵייא, אִיז גֶעקוּמֶען אַיין קַאלְבּ אוּן הָאט אוֹיף גִיגֶעסֶען אַ בִּיסֶעל הֵייא, הָאסְטוּ אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען דִי גְרוֹיסֶע וִוילֶע, אוּן הָאסְט אִיהְם אַ קְלַאפּ גִיגֶעבֶּען אוּן עֶר אִיז בַּאלְד גֶעפַאלֶען צוּ דֶער עֶרְד, אוּן אִיז גֶעפֶּגֶערְט, אוּן דֶער פַאר הָאט מֶען דִיךְ גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט דֶעם, אַז דִי הַאנְט וֶועלְכֶע זִיא הָאט גֶעהַרְגֶעט אַיין בַּעַל חַי, זָאהְל זִיא בַּא דִיר אָפּ גֶענוּמֶען וֶוערֶען, וִויא דִי פְּרוֹיא הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אַזוֹ הָאט זִיא זִיךְ בַּאלְד דֶער מַאנְט פוּן דֶער מעשה, אוּן הָאט זִיךְ מוֹדֶה גִיוֶוען, אוּן הָאט אָנְגֶע-הוֹיבֶּען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וַויינֶען פַאר'ן רבי'ן זלה"ה, הָאט עֶר אִיהְר גִיגֶעבֶּען אַ סְגוּלָה, אוּן אִיז בַּאלְד אוֹיס גֶעהֵיילְט גֶעוָואהְרֶען, פַאר אִיהְר אַוֶועק פָאהְרֶען הָאט זִיא אַנִידֶער גֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן טִישׁ אַ פַּאטְשֵׁיילֶע מִיט רֶענְדְלַאךְ דֶעם רבי'ן הָאט דֶער רבי נִיט גֶעוָואלְט נֶעמֶען נָאהְר עֶטְלִיכֶע, אוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע הָאט עֶר אִיהְר אָפּ גִיגֶעבֶּען צוּרִיק.

---

# עה.

מַעֲשֶׂה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין מַאן מִיט זַיין וַוייבּ, דֶען עֶס אִיז שׁוֹין אַכְטְצֶעהֶן יָאהְר נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה, אוּן הָאבֶּען נִיט קַיין קִינְדֶער, הָאבֶּען זֵייא זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אִיבֶּער אִיהְם אוּן זָאגֶען אַז זֵייא קֶענֶען נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ גֶט'ען, הָאט זֵייא דֶער רבי זלה"ה צוּ גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם יָאהְר וֶועלֶען זֵייא הָאבֶּען אַיין בֶּן זָכָר, נָאר זֵייא זָאלֶען קוּמֶען צוּ אִיהְם מִיט דֶעם קִינְד, אַקִיצוּר דִי אִשָּׁה אִיז פַאר גַאנְגֶען אִין טְרָאגֶען, אוּן הָאט גֶעהַאט דָאס קִינְד אִין אָנְהוֹיבּ ווינְטֶער, אוּן אִין צְוֵוייא חֳדָשִׁים אַרוּם, וִויא עֶס אִיז גֶעוָואהְרֶען אַיין שְׁלִיטְ-וֶועגְס, אִיז דֶער מַאן גֶעפָאהְרֶען מִיט'ן וַוייבּ אוּן מִיט'ן קִינְד קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה, נָאהְר זֵייא הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט אוֹסְפִּיעֶן אוֹיף שַׁבָּת

קיין

קיין ווילערניק, דען זייא האבען נאך געהאט פיהל צו פאהרען, האבען זייא געמוזט שבת האלטען אין נארינסק, און מוצש"ק האט ער איין געשפאנט די פיהרע, און דאס ווייב האט גענומען דאס קינד אויף די הענט, און האט איהם אויפ'ן שליטען אנגעזויגען, און די נאכט איז געוועזען זייער איין ליכטיגע, און דער פראסט איז געוועזען זייער גרויס, און דער שנייא האט געשאטען, אקיצור די אשה איז אנשלאפען געווארען, און דאס קינד איז ארויס געפאלען פון די הענט, און דער מאן האט אויך ניט אכטונג גיגעבען און איז אוועק געפאהרען, וויא זייא זענען געקומען צום רבינ'ס שטוב, האט זיך די פרויא אויף געחאפט פונ'ם שלאף, און טוט אקוק אז איהר קינד איז ניטא, ווערכעס זיא האט מיט פיהל צרות און יסורים אויס גיבעטען ביים רבי'ן, און פון גרויס עגמת נפש איז זיא חלשות געבליבען, איז ער אריין געלאפען צום רבי'ן זלה"ה מיט איין גרויס געוויין, און מיט גרויס גיוואלד, אזו האט איהם דער רבי זלה"ה אן געהויבען צו טרייסטען און זאגט צו איהם, שרעק זיך ניט דאס קינד לעבט נאך, און איז נאך ניט דער פרוירען געווארען, נעם יעצט מיין שטעקען און פאהר צוריק אויף דעם איינענעם וועג, וועסטו געפינען דיין קינד איין לעבעדיגען, אזו האט ער גענומען דעם שטעקען און זענען ביידע געפאהרען צוריק אויפ'ן איינענעם וועג, און אין מיטען וועג האבען זייא דער זעהן וויא דאס קינד ליגט, און איין גרויסער איין שרעקליכער וואלף שטייט לעבען איהם, האבען זייא זיך זייער דער שראקען, און האבען זייער מורא געהאט צו גיין צום קינד, נאהר פון דעסט וועגען האבען זייא גענומען דעם רבינ'ס שטעקען און זענען צו געגאנגען גלייך צום קינד, אזו האט דער וואלף באלד אפ גיטרעטען, און איז אוועק גע-גאנגען פון זייא, האבען זייא צו גענומען דאס קינד, און עס איז נאך געוועזען ווארעם, אזו האבען זייא מיט פיל פרייד געבראכט צום רבי'ן זלה"ה דאס קינד, האט דער רבי זייא געזאגט אז דער וואלף האט געווארעמט דאס קינד.

---

## טו.

די מעשה האב איך גיהערט פון ר' ברוך פון קראבשצינע, אז עס איז שוין צעהן יאהר אין דעם אז זיין אדון האט איהם גיגעבען איין פאקעט מיט וועקסלען אויף זעכציג טויזענד רו"כ, און האט איהם געהייסען פאהרען קיין קיוב און אפ נעמען פון זיינעטוועגען דאס געלד, איז ער אוועק געפאהרען, און וויא ער איז געקומען פאר סלאוועשנע, האט ער פארלוירען דעם פאקעט מיט די וועקסלען

האט

הָאט עֶר דֶער פוּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אוּנ עַגְמַת נֶפֶש, אוּנ מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְ-קַייט הָאט עֶר זֵייא גֶעזוּכְט, אוּנ הָאט זֵייא נִיט גִיקֶענְט גֶעפוּנֶען, אַזוֹ הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען ר׳ אַבְרָהָם׳עֶן פוּן סְלָאוֶועשְׁנֶע עֶר זָאהְל זִיךְ נָאךְ פְרֶעגֶען אֶפְשַׁר הָאט אֵיינֶער זֵייא גֶעפוּנֶען אוּנ וֶועט אִיהְם אִיבֶּער גֶעבֶּען דֶעם פַּאקֶעט, אוּנ עֶר אַלֵיין אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק אוֹיפְ׳ן צִיון צוּם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ הָאט מְנַדֵר גֶעוֶוען בּוֹימְאֵייל אוֹיפְ׳ן צִיון, אוּנ עֶר הָאט אוֹיס גֶעוֵויינְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ פַאר דֶעם הֵיילֶעגֶען אָרוֹן פוּנְ׳ם רבי׳ן זלה״ה, אוּנ הָאט גִיבֶּעטֶען בַּיים רבי׳ן עֶר זָאהְל אִיהְם הֶעלְפֶען פוּן זַיין אוּמְגְלִיק, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען צוּרִיק אוֹיף שַׁבָּת אַהֵיים, אוּנ שַׁבָּת אִין דֶער פְרִיא אִיז גֶעקוּמֶען אַיין גוֹי פוּן דֶעם דָארְף וָואס לֶעבֶּען סלאוועשנע, אוּנ אִיז אַרַיין צוּ ר׳ אברהם׳מען אִין שְׁטוּבּ אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם וִויא עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַיין פַּאקֶעט, אוּנ וֵוייסְט נִיט וָואס אִין אִיהְם לִיגְט נָאהְר אִין דֶער נַאכְט אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אַיין אַלְטֶער מַאן אַיין אִיד, אוּנ הָאט מִיר גֶעהֵייסֶען אִיךְ זָאהְל בַּאלְד קוּמֶען צוּ דִיר אוּנ אָפּ גֶעבֶּען דֶעם פַּאקֶעט, אַזוֹ הָאט זִיךְ מִיר נִיט גֶעגְלוּסְט אוֹיף שְׁטֵיין פוּנְ׳ם שְׁלָאף אִין מִיטֶען דֶער נַאכְט אַזוֹ הָאבּ אִיךְ זִיךְ וִוידֶער צוּ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפֶען, אַזוֹ אִיז דֶער אַלְטֶער אִיד וִוידֶער גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דָאס צְוֵוייטֶע מָאהְל, אוּנ הָאט מִיךְ כִּמְעַט אַזוֹ וִויא אַרָאפּ גֶע-שְׁלֶעפְּט פוּנְ׳ם אוֹיבְ׳ן אִיךְ זָאהְל בַּאלְד גֵיין צוּ דִיר אוּנ דִיר אִיבֶּער גֶעבֶּען דֶעם פַּאקֶעט, יֶעצְט נַא דִיר דֶעם פַּאקֶעט וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען, הָאט ר׳ אברהם בַּא אִיהְם צוּ גֶענוּמֶען דֶעם פַּאקֶעט, אוּנ הָאט אִיהְם גֶעשֵׁיינְקְט אַיין רו״כ, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִיבֶּער גִיגֶעבֶּען דֶעם פַּאקֶעט לר׳ ברוך הנ״ל.

---

# עז.

מעשה. אַיין אִישׁ חָשׁוּבּ פוּן באברויסק פְלֶעגְט פָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צְוֵוייא מָאהְל אִין יָאהְר, אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ פַאר זָאמֶען בַּיים רבי׳ן זלה״ה צְוֵוייא חֳדָשִׁים צַייט, אַיין מָאהְל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען ר״ח אב, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעקְלֶערְט זַיין בַּיים רבי׳ן זלה״ה בִּיז סוּכּוֹת, נָאהְר אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן אִין שְׁטוּבּ אַזוֹ הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה״ה גֶעהֵייסֶען פָאהְרֶען צוּרִיק אַהֵיים, אוּנ נֶעמֶען אַיין דַאק אוּנ אָן שְׁפַּאלְטֶען אִין אַלֶע פִיר זַייטֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּנ דֶער חָסִיד הָאט נִיט אִיבֶּער גִיפְרֶעגְט דֶעם רבי׳ן פַאר וָואס הֵייסְט עֶר דָאס אִיהְם טְהוּן, אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעקוּמֶען אַהֵיים אוּנ הָאט אַלֶעס גֶעטְהוּן וָואס דֶער רבי זלה״ה הָאט אִיהְם אָן גֶעזָאגְט, אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אִיז גֶעוָוארֶען אַיין גְרוֹיסֶע שְׂרֵפָה אִין

שטאט

שְׁטָאט, אוּנ אַלֶע הַייזֶער זֶענֶען פַאר בְּרֶענְט גֶעוָואהְרֶען, נָאהְר דֶעם חָסִיד'ס שְׁטוּב אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען.

## עח.

מעשה, אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט פוּן מַיין פָּאטֶער ז"ל, אוֹיךְ פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב וֶועלְכֶער עֶר אִיז אַליין גִיוֶוען בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה, דֶען מַיין פָּאטֶער אִיז גִיוֶוען אַיין רַייכֶער מַאן, אוּנ הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט נָאךְ פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשֶׁען בְּשׁוּתְּפוּת אִין אַיין עֵסֶק פוּן מִיהְלֶען וֶועלְכֶע זַייא הָאבֶּען אַריין גֶעטְרָאגֶען פִיעל גֶעלְט, אוּנ דֶער עִיקָר אִיז גֶעוֶוען נָאהְר אַיין מִיהְל וָואס זִיא פְלֶעגְט אוֹיס מָאהְלֶען מֶעהְר פוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע מִיהְלֶען, אוּנ מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן דֶער מִיהְל פִיעל פַּרְנָסָה, אַיין מָאהְל הָאט זִיךְ מִיט זַייא גֶעטְרָאפֶען אַיין שְׁלֶעכְטֶער צוּפַאל, דֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אָדוֹן אַיין רַייכֶער מַאהְן אוּנ הָאט אִיהְם פְרִיבַאוֶועט פִיעל גֶעלְט מֶעהְר וִויא זַייא הָאבֶּען גֶעצָאהְלְט, אוּנ הָאט בַּא דֶעם אָדוֹן אָפּ גֶעדוּנְגֶען טְרָאַיאנָאוֶוער מִיהְל פוּן דֶעם גְרַאף וָואס זִיא אִיז גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע פוּן אַלֶע. אוּנ דֶער אָדוֹן הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַיין קָאנְטְרַאקְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע יָאהְר, אוּנ אַז מַיין פָּאטֶער אִיז גֶעוָואהְר גֶעוָואהְרֶען פוּן דֶעם אוּמְגְלִיק, דֶען מֶען הָאט בַּא אִיהְם צוּ גֶענוּמֶען זַיין פַּרְנָסָה, אַזוֹ אִיז עֶר בַּאלְד אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק, אוּנ אִיז אַריין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט פוּן זַיין אוּמְגְלִיק, אוּנ יֶעצְט אִיז עֶר אָן פַּרְנָסָה גֶעבְּלִיבֶּען, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גָאר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, נָאהְר עֶר הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען דֶעם פָּסוּק, „כִּי יָצָא הַקֶּצֶף מֵאֵת ה' הֵחֵל הַדֶּבֶר". אַזוֹ וִויא זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען, בְּקִיצוּר אִין צְווַיי טֶעג אַרוּם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעשְׁטָארְבֶּען אוֹיפְ'ן אָרְט, חָאטְשׁ עֶר אִיז גָאהְר נִיט שְׁלַאף גִיוֶוען, נָאר גָאט הָאט אַזוֹ גֶעפִיהְרְט, דֶען עֶר פַאר לָאזְט נִיט דִי מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע הָאפֶען צוּ אִיהְם אוּנ הָאבֶּען אַיין אֱמֶת'ן בִּטָחוֹן אוֹיף דִי הֵיילֶעגֶע צַדִיקִים. אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אַזוֹ הָאט דֶער אָדוֹן גֶעשִׁיקְט רוּפֶען מַיין פָּאטֶער ז"ל אוּנ הָאט אִים פֶערְדוּנְגֶען צוּרִיק דִי מִיהְל אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם מֶקַח וִויא פְרִיעֶר אוּנ הָאט שׁוֹין מֶעהְר נִיט גֶעוָואלְט קַיין הוֹסָפָה.

## עט.

מעשה, אַיין מָאהְל זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן טשערניחאוו דְרַייא מֶענְטְשֶׁען קיין

קַיין ווילעדניק, אֵיינֶער הָאט גִיבֶּעטֶען פוּן דֶעם רבי'ן זלה"ה אוֹיף פַּרְנָסָה, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה צוּ גֶעזָאגְט אוּנ אַזוֹ אִיז גֶעוֶוען, דֶער צְוֵוייטֶער מִיט זַיין פְרוֹיא הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר'ן רבי'ן, אַזוֹ וִויא זַייא הָאבֶּען גֶעהַאט קִינְדֶער אוּנ זֶענֶען אַלֶע אוּים גֶעשְׁטָארְבֶּען ר"ל, אוּנ עֶס אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אֲפִילוּ אֵיין קִינְד, הָאט זַייא דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט, פַאר וָואס הַאלְסְטוּ מִיט דַיין פָאטֶער צְוֵוייא שְׁוֶועסְטֶער, אוּנ אִיבֶּער דֶעם מוּז זַיין אֵיינְס פוּן דִי בֵּיידֶע, אָדֶער דוּ זָאלְסְט גֶעבֶּען גֶט דַיין וַוייבּ, אָדֶער דַיין פָאטֶער וֶועט שְׁטַארְבֶּען, אוּנ אַזוֹ אִיז גֶעוֶוען אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען דֶער פָאטֶער ר"ל, דֶער דְרִיטֶער אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר'ן רבי'ן אַז זַייא הָאבֶּען גָאר קַיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט, אוּנ בֶּעטֶען פוּן אִיהְם עֶר זָאל זַייא צוּ זָאגֶען אַז זַייא זָאלֶען הָאבֶּען קִינְדֶער, אַזוֹ הָאט דֶער רבי גֶעזָאגְט צוּ דֶער פְרוֹיא דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען פַאר קְנַאסְט צוּ אַיין אַנְדֶער חָתָן, נָאכְדֶעם הָאסְטוּ אִיהְם פֶּערְסִירְט, אוּנ קַיין מְחִילָה הָאסְטוּ בַּא אִיהְם נִיט גֶענוּמֶען, אוּנ אִיבֶּער דֶעם קֶענְסְטוּ נִיט הָאבֶּען קַיין קִינְדֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַיין מְחִילָה בַּא אִיהְם, יֶעצְט קֶענְסְטוּ אִיהְם גֶעפִינֶען אִין קאראסטישוב, אוּנ עֶר אִיז יֶעצְט זֵייעֶר אָרוּם, אוּנ פַאר צֶעהְן גוּלְדֶען וֶועסְטוּ בַּא אִיהְם נֶעמֶען מְחִילָה, אַזוֹ אִיז דִי אִשָּׁה גֶעפָארֶען קַיין קאראסטישוב וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט אִיהְר אָן גֶעזָאגְט, אוּנ וִויא זִיא אִיז אַרַיין גֶעפָאהְרֶען אִין שְׁטָאט, אַזוֹ הָאט זִיא אִיהְם בַּאלְד דֶער זֶעהְן, אוּנ הָאט אִיהְם גִיפְרֶעגְט וָואס עֶר מַאכְט, אוּנ וִויא אַזוֹ אִיז זַיין פַּרְנָסָה, אוּנ וִויא עֶר הָאט אִיהְר אוּים דֶער צֵיילְט זַיין אָבְּסְטַאיאַטעלְסְטְוָוא, הָאט דִי פְרוֹיא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין כַּלָּה, יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען בַּא דִיר מְחִילָה, הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ וֶועל בַּא דִיר נֶעמֶען צֶעהְן גוּלְדֶען דַאמָאלְס וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען מְחִילָה, אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר מוֹחֵל זַיין מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, דֶען אִיךְ בִּין אַצוּנְד זֵייעֶר אָרוּם, אַזוֹ הָאט זִיא אִיהְם גִיגֶעבֶּען דִי צֶעהְן גוּלְדֶען אַזוֹ וִויא עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּא אִיהְר, אוּנ עֶר הָאט אִיהְר מוֹחֵל גֶעוֶוען מִיט אַיין מְחִילָה גְמוּרָה, פוּן דֶער צַייט אָן הָאט דִי פְרוֹיא גֶעהַאט קִינְדֶער.

# א.

אַיין וואוּנדֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין פַיינֶער מַאן וֶועלְכֶער זַיינֶע שְׁטָאט לַייט הָאבְּען אִיהְם אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט קַיין ווילעדניק עֶר זָאל זֶעהְן דִי הַנְהָגוֹת פוּנְ'ם רבי'ן זלה"ה, אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועט אִיהְם גֶעפֶעהְלֶען זָאהְל עֶר זֵייא אַ יְדִיעָה גֶעבֶּען, אַזוֹ וֶועלֶען זֵייא זִיךְ מִתְקַשֵׁר זַיין צוּ אִיהְם, הָאט עֶר זִיךְ פַאר זָאמְט בַּיים רבי'ן זלה"ה פוּן דִינְסְטָאג בִּיז פְרַייטָאג. אוּנ עֶס הָאט אִיהְם נִיט גֶענוּמֶען דֶען עֶר הָאט פוּן אִיהְם גָאהְר נִיט אַרוֹיס גִיזֶעהְן קַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְלֶערְט: אַז וֶוען עֶס זָאהְל נִיט זַיין עֶרֶב שַׁבָּת וָואהְלְט עֶר גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים, נָאהְר יֶעצְט מוּז עֶר שׁוֹין שַׁבָּת הַאלְטֶען אִין ווילעדניק, וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְט אוֹיךְ שַׁבָּת פְרִיא אִיז דֶער רבי זלה"ה גִיזֶעסֶען בַּיים טִישׁ אוּנ הָאט גָאר נִיט גִירֶעט וֶועגֶען דֶעם מֶענְטְשֶׁען, נָאר בַּא דֶער דְרִיטֶער סְעוּדָה הָאט דֶער רבי זלה"ה זִיךְ אָן גֶערוּפֶען צוּם עוֹלָם עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָא דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יֶענֶער שְׁטָאט ? אַזוֹ הָאט מֶען אִיהְם גִיעֶנְטְ-פֶערְט, אַז עֶר אִיז דָא אוּנ זִיצְט בַּיים טִישׁ, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט צוּם מֶענְטְשֶׁען, זֶעץ זִיךְ לֶעבֶּען מִיר וֶועסְטוּ בֶּעסֶער הֶערֶען וָואס אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילֶען, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען דֶער צֵיילֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין אַיין מַעֲשֶׂה, אוּנ הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט, אֵיין מָאהְל בִּין אִיךְ גֶעוֶועזֶען אִין מָאסְקְוַוא, אוּנ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַיין שֵׁיינֶע סְטַאנְצִיֶע, אוּנ וִויפִיל סוֹחֲרִים גְבִירִים זֶענֶען אַיין גֶעשְׁטַאנֶען, נָאר אֵיין מָאהְל הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן וִויא אַיין סוֹחֵר צֵיילְט גֶעלְט, אוּנ הָאט דָאס אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין קֶעשִׁינֶע, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען בַּאנַאכְט צוּ אִיהְם בְּשַׁעַת עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ הָאבּ בַּא אִיהְם צוּ גֶעגַנְבֶ'עט זֶעקְס הוּנְדֶערְט רו"כ, אוּנ וֶוער הָאט מִיר גֶעקֶענְט חוֹשֵׁד זַיין אַז אִיךְ הָאבּ בַּא אִיהְם צוּ גֶעגַנְבֶ'עט דָאס גֶעלְט דֶען מֶען הָאט מִיךְ גֶעהַאלְטֶען פַאר אַיין אִישׁ חָשׁוּב, וִויא אִיךְ הָאבּ עוֹבֵר גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶער עֲבֵרָה, אוּנ קֵיינֶער הָאט מִיר נִיט חוֹשֵׁד גִיוֶועזְ, אַזוֹ הָאבּ אִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ טְהוּן פִיהְל עֲבֵרוֹת גְרוֹיסֶע, דֶען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז קַיין מֶענְטְשׁ וֶועט מִיךְ נִיט חוֹשֵׁד זַיין דֶער יצה"ר הָאט מִיךְ צוּ גִירֶעט אִיךְ זָאהְל טְהוּן אַיין עֲבֵרָה מִיט אַיין אֵשֶׁת אִישׁ, וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט דֶער צֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹ אִיז דֶער אוֹרֵחַ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ אִיז גֶעפַאלֶען מִיטְ'ן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד, אוּנ הָאט זִיךְ מוֹדֶה וּמִתְוַדֶּה גֶעוֶועזֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אַז דִי

אלע

אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס דֶער רבי זלה"ה הָאט אוים גִירֶעכֶענְט הָאט עֶר אוֹיף זַייא עוֹבֵר גֶעוֶועזֶען, אוּנ אִיהְם אַלֵיין הָאט עֶר גֶעמֵיינְט, אַזוֹ הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וַויינֶען פַאר'ן רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל אִיהְם גִיבֶּען תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיינֶע פִיהְל זִינְד, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַ תְּשׁוּבָה, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁען דֶער צֵיילְט דִי וואוּנְדֶער פוּנ'ם רבי'ן זי"ע דֶען פַאר אִיהְם אִיז נִיטָא קֵיין פַארְבָּארְגֶענֶע זַאכֶען, אוּנ עֶר וַוייסְט אַלֶעס. ווִיא דִי שְׁטָאט מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען גִיהֶערְט דִי אַלֶע רֵייד פוּן אִיהְם אוּנ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנ'ם רבי'ן זלה"ה אַזוֹ הָאבֶּען זַייא זִיךְ מִתְקַשֵּׁר גֶעוֶוען צוּם ווילעדניקער מִיט פִיהְל אַהֲבָה, אוּנ פוּן יֶענֶער צַייט אָן פְלֶעגֶען זַייא אָפְט פָאהְרֶען קֵיין ווילעדניק אוּנ וָואס זַייא זֶענֶען מֶעהְר גֶעפָאהְרֶען הָאבֶּען זַייא גִיזֶעהְן מֶעהְר ווּאוּנְדֶער.

## ב.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען אַיין מַאהְן מִיט זַיין וַוייבּ צוּם רבי'ן בֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער, אַזוֹ הָאט דֶער רבי גֶעהֵייסֶען אַז דֶער מַאן זָאהְל אַרוֹים גֵיין אוּנ ווִיא דֶער מַאן אִיז אַרוֹים גֶעגַאנְגֶען הָאט דֶער רבי גֶעזָאגְט צוּ דֶער פְרוֹיא, דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ וַוייס נִיט אַז דוּ הָאסְט לִיבּ דֶעם גלח, אַזוֹ הָאט דִי פְרוֹיא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וַויינֶען פַאר'ן רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט גֶענוּמֶען תְּשׁוּבָה נָאכְדֶעם הָאבֶּען זַייא גֶעהַאט קִינְדֶער.

## ג.

מעשה. אַיין מָאהְל הָאט אִין סְקָארָאדְנֶע גֶעוואוֹהְנְט אַיין פַיינֶער מֶענְטְשׁ אוּנ אַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, ווֶעלְכֶער עֶר הָאט מֶעהְר נִיט גֶעהַאט ווִיא אַיין זוּהְן, אוּנ דֶער זוּהְן הָאט זַייעֶר פִיהְל גֶעזִינְדִיגְט, עֶר אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף גוֹיעֶשֶׁע חֲתוּנוֹת, אוּנ הָאט גֶעטַאנְצְט מִיט דִיא גוֹי'עֶת, אַזוֹ אִיז דָאס גֶעוֶוען זַייעֶר אַיין אוּם כָּבוֹד פַאר זַיין פָאטֶער, נָאהְר עֶר הָאט גָאר נִיט גִיקֶענְט הֶעלְפֶען דֶער צוּ, אַיין מָאהְל אִיז דֶער זוּהְן זַיינֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַיין גוֹיעֶשֶׁע חֲתוּנָה, אוּנ הָאט דָארְטֶען גִיגֶעסֶען אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען, אוּנ הָאט זִיךְ אָן גֶעשִׁכּוֹר'ט בִּיז עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַיין פְלֶעשֶׁעל מִיט י"ש אוּנ הָאט דָאס צוּ-בְּרָאכֶען, אִיז אִיהְם אַרַיין אִין הַאנְט אַ שְׁטִיקֶעל גְלָאז, אוּנ מֶען הָאט דָאס נִיט גִיקֶענְט אַרוֹים נֶעמֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּא פִיהְל דָאקְטוֹרִים, אוּנ זַייא הָאבֶּען אִיהְם גָאהְר נִיט גֶעקֶענְט הֶעלְפֶען, דַאמָאלְס אִיז זַיין פָאטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם רַב פוּן סקארדנע, אוּנ בֶּעט בַּא אִיהְם עֶר זָאהְל פָאהְרֶען מִיט זַיין זוּהְן קֵיין ווילעדניק, דֶען עֶר הָאט אִיהְם זַייעֶר גִיבֶּעטֶען הָאט עֶר אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט פַאר זָאגֶען אוּנ

איז

איז געפאהרען מיט זיין זוהן קיין ווילעדניק, אזו וויא זייא זענען געקומען קיין ווילעדניק, אזו האט דער רב אריין געפיהרט דעם בחור צום רבי'ן זלה"ה אונ דער ציילט איהם די גאנצע מעשה, אונ האט איהם אן געוויזען אויף דעם בחור, האט דער רבי זלה"ה אן געהויבען איהם צו זאגען מוסר, אונ האט איהם זייער געשטראפט פאר זיינע שלעכטע מעשים, אזו האט דער בחור אן געהויבען צו וויינען, אונ האט געשוואהרען ער זאהל שוין מעהר ניט זינדיגען, נאכדעם האט דער רבי זלה"ה געהייסען דעם רב פון סקאראדנע, ער זאהל אליין שעכטען איין בהמה דאנערשטאג לכבוד שבת, דען ער האט גיקענט זיין איין שוחט אויך, אונ אז ער האט געקוילעט די בהמה, האט דער רבי זלה"ה געהייסען דעם בחור ער זאהל אריין לייגען די האנט אין דער פליאקע פון דער בהמה, האט זיך דער רב פון סקאראדנע אן גערופען צום רבי'ן זלה"ה אפשר איז דאס ניט קיין כבוד פאר איהם ער זאהל דאס טהון, אזו האט דער רבי זלה"ה גיענטפערט אויף גויעש, אזו וויא ער האט געטהון, אזו דארף מען איהם טהון, האט דער בחור געמוזט אריין שטעקען די האנט אין דער פליאקע, אונ וויא ער האט אזו געטהון אזו איז באלד ארויס געפאלען דאס שטיקעל גלאז פון זיין האנט, אונ איז אוים געהיילט געווארען.

## ד.

מעשה. איין מאהל פאר פסח האט מען ניט געקענט קריגען קיין פיש אויף יו"ט, אונ דער רבי זלה"ה האט אריין גערופען זיין גבאי ר' שלמה ניסל אונ זאגט צו איהם, נא דיר דרייא רו"כ אונ גייא אין מארק קויפען פיש אויף יו"ט, אזו האט דער גבאי אן געהויבען צו שמייכלען, אונ זאגט צום רבי'ן וויא קען איך יעצט קריגען פיש, דען איהר זאלט געבען אפילו א רענדעל פאר א פונט פיש וועט איהר אויך ניט קריגען, אזו האט איהם דער רבי זלה"ה גיענטפערט, פון דעסטוועגען פאלג מיך אונ גייא אויף דעם מארק טאמער וועסטו פארט קענען באקומען פיש אויף יו"ט, אזו האט ער געמוזט פאלגען דעם רבי'ן, אונ איז ארום געגאנגען אויפ'ן גאנצען מארק זוכען פיש אונ האט ניט געפונען, אזו האט ער זיך שוין געוואלט אומקערען אהיים האט ער דער זעהן וויא איין בעקאנטער גוי פאהרט, אונ ער האט איהם אן גערופען אויף זיין נאמען שלמה ניסל אונ זאגט צו איהם אויף גויעש, קויף בא מיר פיש, איך האב בא מיר איין פיש וואס ער וועגט דרייא אונ צוואנציג פונט, אונ פאדערט דרייא רו"כ, אקיצור דער גבאי האט זיך מיט איהם בעדונגען פאר צווייא רו"כ פופצעג קאפ' אונ האט איהם באצאלט, נאכדעם האט דער גבאי איהם גיפרעגט אפשר געפינט זיך בא דיר

נאך

נאך פיש, אזו האט איהם דער ערל גיענטפערט, אז בא איהם איז שוין קיין פיש ניט פאראן, אונ די פיש האט ער אויך בעקומען דורך איין סלוטשאי, דעז קיין מאהל האט זיך בא זייא ניט געהאפט קיין פיש. ווייל זייער טייך איז אקליינער, נאהר אין דעם טאג וויא ער איז ארויס געגאנגען, אזו האט ער דער זעהן וויא דער פיש ליגט אויף איין בלאטע, אונ ער קען זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט, אזו האב איך איהם פערשלעפט צו מיר אונ איך האב זיך באקלערט ווער נאך קען קויפען אזא גרויסען פיש אונ אפ צאהלען אסך געלט וויא דער ווילעדניקער רבי אונ איבער דעם האב איך דעם פיש געבראכט אהער, אונ אז דער גבאי האט געבראכט דעם פיש צום רבי'ן זלה"ה, האט ער זיך זייער געפרייט, אונ איהם איבער געקערט עטליכע מאהל אונ זאגט צום עולם וואס זענען געשטאנען לעבען איהם, איהר ווייסט אז דער פיש שווימט שוין דרייא הונדערט מייל ביז ער איז געקומען אהער.

## ו.

מעשה, איין מאהל האט געוואהנט אין מאזיר איין גאלד-שמיד ווערכער ער איז גיוועזן איין ווילעדניקער חסיד. איין מאהל איז ער געקומען קיין ווילערניק אונ האט אויס גירעט זיין ביטער הארץ פאר דעם רבי'ן אז ער זיצט גאהר אן פרנסה, אונ האט ניט פון וואס צו מפרנס זיין, זיין ווייב אונ קינדער, האט איהם דער רבי זלה"ה גיפרעגט צו עס געפינט זיך בא איהם פינגערלאך צו פאר קויפען, האט דער חסיד איהם גיענטפערט אז עס געפינט זיך בא איהם עטליכע פינגערלאך נאר פראסטע מעשענע, אזו האט איהם דער רבי זלה"ה געהייסען ער זאהל מיט זיך מיטנעמען די פינגערלאך, אונ פאהרען קיין לוהין אויפ'ן יריד וואס עס באדארף זיין מארגען, אונ דארט זאל ער זייא פאר קויפען, האט דער חסיד אזו געטהון אונ איז געפאהרען קיין לוהין מיט די פינגערלאך אויף צו פאר קויפען, אונ וויא ער איז געקומען קיין לוהין אויף דעם יריד, אזו איז צו איהם צוגעגאנגען איין רייכע אדונית, אונ פרעגט איהם צו עס געפינט זיך בא איהם פינגערלאך צו פאר קויפען האט ער ארויס גענומען זיינע פינגערלאך אונ געוויזט איהר, איז איהר זייער געפעהלען נאהר איין פינגערעל, אונ האט איהם אפ געצאהלט זעקס רו"כ פאר איין פינגערעל, אונ נאך איהר זענען געקומען נאך אדונות אונ האבען בא איהם געקויפט פינגערלאך אונ האבען איהם באצאלט וויא פאר זילבערנע, אזו איז דער חסיד געפאהרען אהיים מיט איין פרייליך הארץ, אונ וויא ער איז געקומען אינטער מאזיר, אזו האט מען איהם געזאגט אז דער אדון זוכט איהם אונ וויל איהם שליסען אין קייטען, אזו האט ער זיך זייער

דער

דֶער שְׁרֶאקֶען עֶר הָאט אָפּ גֶענַארְט לְהָאדוֹן הַגָדוֹל, עֶר הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט כֵּלִים פוּן בְּרֶעך, אוּנ הָאט גֶעגַנְבֶ'עט הַפְּרָאבֶּע מֵהַכֶּסֶף, הָאט מֶען אִיהְם גֶמַסוּרְט לְהָאָדוֹן, הָאט עֶר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְהוּן, אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען נָאך אַמָאל קַיין ווילעדניק אוּנ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶס הָאט זִיך מִיט אִיהְם גֶעטְרָאפֶען, אוּנ אַז עֶר אִיז אַרַיין צוּם רבי'ן הָאט דֶער רבי אִיהְם קַיין שָׁלוֹם נִיט גִיגֶעבֶּען, אוֹיך עֶר הָאט אִיהְם נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף זַיין גֶעשְׁרֵייא, אוּנ וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים טִישׁ הָאט עֶר זִיך גֶעשְׁפַּארְט צְווִישֶׁען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אוֹיך אַרַיין גֵיין צוּם טִישׁ, אַזוֹ הָאבֶּען אִיהְם דִי מֶענְטְשֶׁען אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁלָאגֶען, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען דִי מֶענְטְשֶׁען זֵייא זָאלֶען אִיהְם נָאך מֶעהְר שְׁלָאגֶען וָוארוּם עֶר אִיז וֶוערְט, שַׁבָּת צוּ נַאכְט נָאך הַבְדָלָה הָאט דֶער רבי זג"ה צוּ גֶערוּפֶען דֶעם חָסִיד, אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם, וִויא מֶעג מֶען דָאס טְהוּן מֶען זָאהְל גַנְבֶ'ענֶען בַּא אַזַא אָדוֹן גָדוֹל, אֲפִילוּ אַיין אִיד וָואלְט אוֹיך נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען, דֶער דִין זָאגְט אַז אֲפִילוּ בַּא אַיין גוֹי טָאהְר מֶען אוֹיך נִיט גַנְבֶ'ענֶען, וָואס קֶען אִיך דִיר יֶעצְט הֶעלְפֶען עֶס אִיז שׁוֹין פַאר פַאלֶען, הַיינְט מוּזְטוּ פֶערְקוֹיפֶען דַיין שְׁטוּב, אוֹיך אִין גַאנְצֶען דַיין פַאר מֶעגֶען, אוּנ אַרוֹיס פָאהְרֶען אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטָאט, אַזוֹ הָאט דֶער חָסִיד זִיך אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגֶען פַאר דֶעם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אַז דֶער רבי הָאט נִיט גִיקֶענְט פַאר נֶעמֶען זַיין גֶעוֵויין, אוּנ הָאט אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט, וָואס קֶען אִיך דִיר הֶעלְפֶען, אֶפְשַׁר ווִילְסְטוּ אַז דֶער פָּרִיץ זָאהְל שְׁטַארְבֶּען, וָואס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג ? נָאהְר דָאס קֶען אִיך דִיר טְהוּן, אַז דֶער פָּארִיץ זָאהְל זִיך אַרוֹיס קְלַייבֶּען אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטָאט וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען וואהְנֶען אִין מָאזִיר, יֶעצְט פָאהְר אַהֵיים, אִיז דֶער חָסִיד גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים, אוּנ וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַאר מָאזִיר אַזוֹ הָאט עֶר גִיהֶערְט אַז דֶער אָדוֹן מִיט זַיינֶע וֶועשְׁטְשֶׁעס זֶענֶען גְרֵייט אִין צְוֵוייא שָׁעָה אַרוּם אַרוֹיס פָאהְרֶען פוּן מָאזִיר אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטָאט, הָאט זִיך דֶער גָאלְד-שְׁמִיד זֵייעֶר דֶער פְרֵייט, אוּנ הָאט שׁוֹין אִיבֶּער גֶעוַוארְט אִינְטֶער מָאזִיר דִיא צְוֵוייא שָׁעָה בִּיז דֶער אָדוֹן אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען, נָאכְהֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט.

## ז.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גַאנְץ וַוייט אַיין בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען, אוּנ ר' יוסף סופר פוּן ווילעדניק הָאט אִיהְם אַלֵיין אַוֶועק גֶעפִיהְרְט אוֹיף דֶעם ציון פוּן הרב זלה"ה אַזוֹ הָאט דֶער בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען אוֹיפְ'ן ציון, אוּנ מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין הָאט עֶר אוֹיס דֶערְצֵיילְט

זיין

זַיין בִּיטֶער הַארְץ אוֹיפְ'ן צִיוּן, אוּנ ר' יוֹסֵף סוֹפֵר הָאט גֶעמוּזְט וַוארְטֶען אוֹיף אִיהְם, דֶען אַלֵיין וֶועט עֶר נִיט קֶענֶען קוּמֶען צוּם שְׁטוּב, וְויא עֶס הָאט גֶעפֶּעלְט דְרַייא שָׁעָה אַזוֹ אִיז דֶער בְּלִינְדֶער אַלֵיין אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען פוּנְ'ם צִיוּן הקדוש, אוּנ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' יוֹסֵף סוֹפֵר, אוּנ זָאגְט אִיהְם, אַז אַדַיינְק גָאט עֶר אִיז גֶעוָוארֶען זֶעהֶענְדִיג אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען אַזוֹ וְויא פְּרִיעֶר, בְּקִיצוּר עֶר אִיז נִיט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנְ'ם צִיוּן בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט גֶעזֶעהְן אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען, דַאמָאלְס הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה פּוֹקֵחַ עִוְרִים, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען ר' יוֹסֵף סוֹפֵר עֶר זָאהְל פוּן דֶעם קֵיינֶעם נִיט דֶער צֵיילֶען, עֶס זָאהְל צוּ אִיהְם נִיט צוּ שְׁטֵיין אַיין עַין הרע, אוּנ אִיז אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים.

## ח.

אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע מעשה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן ר' יוֹסֵף סוֹפֵר, אַז דֶעם רבינ'ס פָּאטֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען אַיין מְלַמֵד אִין דִי דֶערְפֶער וָואס אַרוּם קָאטֶעלְנֶע, אוּנ דֶער מִנְהָג פוּנְ'ם רבינ'ס מוּטֶער אִיז גֶעוֶועז אַז זִיא הָאט שְׁטֶענְדִיג אָפּ גֶעהִיט דִי צַייט פוּן אִיהְר טְבִילָה אֲפִילוּ אַז אִיהְר מַאן אִיז נִיט גֶעוֶוען אִין דֶער הֵיים, אַיין מָאהְל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז זִיא הָאט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען טְבִילָה, אוּנ דֶער מַאן אִיהְרֶער אִיז נִיט גֶעוֶוען אִין דֶער הֵיים, עֶר אִיז גְרַאדֶע גֶעוֶוען אִין דָארְף, אוּנ דִי נַאכְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַיין פִינְסְטֶערֶע, עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַיין גְרוֹיסֶע בּוּרֶע, אוּנ אַיין גְרוֹיסֶער שְׁנֵייא הָאט אוֹיךְ גֶעשָׁאטֶען אַזוֹ אִיז אִיהְר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין, אוֹיךְ הָאט זִיא זִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז דֶער מַאן אִיז אוֹיךְ נִיטָא אִין דֶער הֵיים, אוּנ דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר אַיין פִינְסְטֶערֶע וֶועט זִיא שׁוֹין בֶּעסֶער אָפּ לֵייגֶען אִיהְר טְבִילָה אוֹיף מָארְגֶען, אוּנ וְויא זִיא הָאט זִיךְ נָאהְר אַנִידֶער גֶעלֵייגְט שְׁלָאפֶען, אַזוֹ הָאט זִיא דֶער הֶערְט אִיהְר מַאנְס קוֹל אִינְטֶער דֶער טְהִיר וָואס עֶר אִיז עֶרְשְׁט גֶעקוּמֶען צוּ פָאהְרֶען, אַזוֹ אִיז זִיא אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דֶער צְוֵוייטֶער טְהִיר, אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְר שְׁכֵנָה וָואס זִיא אִיז גֶעזֶעסֶען לֶעבֶּען אִיהְר אוּנ הָאט זִיא גִיבֶּעטֶען זִיא זָאהְל גֵיין מִיט אִיהְר צוּ זַאמֶען, אוֹיךְ זִיא הָאט אִיהְר דֶער צֵיילְט דִי סִבָּה דֶער פוּן, בְּקִיצוּר זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זַאמֶען, אוּנ אַז זֵייא זֶענֶען צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם מֶרְחָץ, אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא דֶער זֶעהְן פוּן וַוייטֶען אַז עֶס לַאכְט זִיךְ אִין מֶרְחָץ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ זֵייעֶר פַאר וואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּנ וְויא זֵייא זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין מֶרְחָץ אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא דֶער זֶעהְן, וְויא דְרַייא וַוייבֶּער זֶענֶען אִין מֶרְחָץ, הָאט דֶעם רבינ'ס מוּטֶער זִיךְ בַּאלְד גֶעטוֹבֶלְ'ט וְויא דֶער דִין אִיז, אוּנ דִי דְרַייא וַוייבֶּער הָאבֶּען אוֹיךְ אַז גֶעטְהוּן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, וְויא דֶעם רבינ'ס מוּטֶער, נָאכְדֶעם אִיז

זִיא גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיהְר שְׁכֵנָה אַהֵיים, אוּנ דִי דְרַייא ווייבֶּער זֶענֶען זֵייא נָאךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּנ הָאבֶּען גָאהְר נִיט גִירֶעט, אוּנ אַז זֵייא זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען לֶעבֶּען שְׁטוּב אַזוֹ הָאבֶּען דִי דְרַייא וַוייבֶּער גֶעזָאגְט צוּם רבי'נס מוּטֶער דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבֶּען אַיין זוּהְן וֶועלְכֶער עֶר וֶועט זִיךְ רִיהְמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּנ וֶוער זֶענֶען זֵייא גֶעוֶוען ווייסְט קֵיינֶער נִיט פוּן דֶעם, נָאהְר זֵייעֶרֶע רֵייד זֶענֶען מְקוּיָם גֶעוָוארֶען, דֶען זִיא הָאט גֶעהַאט צוּם יָאהְר אַיין זוּהְן, אוּנ דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער רבי הקדוש זלה"ה זי"ע.

## ט.

מעשה, אַיין מָאהְל אוּם חוה"מ סוּכּוֹת הָאט דֶער רבי זלה"ה אָן גֶעהוֹיבֶּען אַרוּם צוּ קוּקֶען זַיין סוּכָּה צוּ זִיא אִיז גֶעמַאכְט גֶעווָארֶען ווִיא דֶער דִין אִיז, אוּנ ווִיא עֶר הָאט זִיא אַרוּם גֶעקוּקְט אִין אַלֶע פִיהְר זַייטֶען, אוּנ זִיא אִיז אִיהְם כִּמְעַט נִיט גֶעפֶעלֶען גֶעוָוארֶען, אַז זִיא אִיז אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארֶען נִיט ווִיא דֶער דִין זָאגְט, הָאט עֶר פוּן דֶעם גֶעהַאט זַייעֶר פִיעֶל יְסוּרִים בִּיז עֶר אִיז כִּמְעַט קְרַאנְק גֶעוָוארֶען, אוּנ פוּן גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ הָאט עֶר אָן גֶעשְׁפַּארְט זַיין קָאפּ אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּנ אִיז אַזוֹ אִיבֶּער גִילֶעגֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ אַזוֹ הָאבֶּען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען דֶער זֶעהְן ווִיא אַיין קְלֵיין קְווִיטֶעלֶע לִיגְט לֶעבֶּען רבי'ן זלה"ה, אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא דָאס גֶענוּמֶען אִיבֶּער לֵייעֶנֶען, אִיז דָארְט גֶעוֶוען אָן גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט דִי וֶוערְטֶער. הַסוּכָּה כְּשֵׁרָה „מיכאל", דָאס הֵייסְט דִי סוּכָּה אִיז אַיין כָּשֵׁר'ע.

## י.

מעשה, אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין פְרוֹיא פוּן גַאנְץ וַוייט מִיט אִיהְר זוּהְן, וֶועלְכֶער עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען זֶעקְס יָאהְר, אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיין שְׁטוּמֶער, הָאט דִי פְרוֹיא זֵייעֶר גֶעווֵיינְט פַאר'ן רבי'ן זלה"ה עֶר זָאהְל אִיהְם גֶעבֶּען אַיין כְּגוּלָה דֶער צוּ, הָאט דֶער רבי זלה"ה אִיהְר גָאהְר נִיט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערֶען, אַיין מָאהְל אִיז דֶער רבי זלה"ה אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין חֶדֶר אוֹיף דֶער גַאס, אוּנ אִין זַיין חֶדֶר אִיז קַיין מֶענְטְשׁ נִיט גֶעוֶוען, אִיז דִי פְרוֹיא מִיט אִיר זוּהְן אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין חֶדֶר אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַיין ווִינְקֶעל, אוּנ אַז דֶער רבי זלה"ה הָאט זִיךְ צוּרִיק אוּמְגֶעקֶערְט, אוּנ אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר, הָאט עֶר דֶער זֶעהְן ווִיא דִי פְרוֹיא מִיט אִיהְר זוּהְן שְׁטֵייעֶן בַּיא אִיהְם אִין חֶדֶר אִין אַיין ווִינְקֶעל, הָאט עֶר אוֹיף אִיהְר אָן גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ זָאגְט אִיהְר, גֵייא אַרוֹיס פוּן מַיין חֶדֶר וָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען מִיר דֶער קוּטְשֶׁען, הָאט

זִיא אִיהְם נִיט גֶעפָאלְגְט, אוּן אִיז נִיט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין חֵדֶר, אַזוֹ הָאט עֶר זִיא גֶעפְרֶעגְט וָואס ווִילְסְטוּ הָאבֶּען פוּן מִיר, אוּן וָואס פַאר לַאנְגְסְטוּ, הָאט דִי פְרוֹיא גִיעֶנְטְפֶערְט דֶעם רבי'ן זלה"ה אוּן הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט, רבי! אִיהְר ווֵייסְט אַלֵיין מַיין בַּקָשָׁה דֶען אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין אֵיין מָאהְל דֶער צֵיילְט אַז מַיין זוּהְן אִיז אַיין שְׁטוּמֶער אוּן קֶען נִיט רֵיידֶען, אַלְזָא פֶערְלַאנְג אִיךְ פוּן אַייךְ אִיהְר זָאלְט אִיהְם גֶעבֶּען עֶפֶּעס אַיין סְגוּלָה, הָאט דֶער רבי זלה"ה גִיזָאגְט צוּם קִינְד זָאג נָאהְר „מודה" הָאט דָאס קִינְד נָאךְ גֶעזָאגְט „מוֹדֶה" נָאכְדֶעם הָאט דֶער רבי זלה"ה אִיהְם גֶעהֵייסֶען זָאגֶען „אֲנִי" הָאט עֶר גֶעזָאגְט „אני" אוּן אַזוֹ „לְפָנֶיךָ" א. ז. ו. אַקִיצוּר דָאס קִינְד הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען ווִיא עֶס דַארְף צוּ זַיין.

## יא.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַיין פְרוֹיא, אוּן הָאט זִיךְ פַאר אִיהְם גֶעקְלָאגְט אַז בַּא אִיהְר פַאלֶען שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס דִי קִינְדֶער פוּנ'ם ווִיגֶעלֶע, אוּן וָואס פַאר סְגוּלוֹת אוּן רְפוּאוֹת זִיא הָאט צוּ דֶעם גֶעטְהוּן אוּן עֶס הֶעלְפְט נִיט, הָאט אִיהְר דֶער רבי זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט אִיהְר אַזוֹ גִיזָאגְט, דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען אַז דֶער שְׁטְרָאף אִיז דִיר גֶעקוּמֶען דֶער פַאר וָואס דוּ בִּיסְט מְחַלֵל שַׁבָּת דֶען דוּ פַאר זָאמְסְט זִיךְ בַּא דֶעם אָדוֹן אוּן דוּ קוּמְסְט צוּ גֵיין פְרַייטָאג זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אוּן פַאר שְׁפֶּעטִיגְסְט לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען, יֶעצְט אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט שׁוֹין פוּן הַיינְט אָן אוּן ווַייטֶער אָפּ הִיטֶען דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען אִין דֶער צַייט ווִיא אַלֶע ווַייבֶּער דַאמָאלְס ווֶעט זִיךְ בַּא דִיר שׁוֹין מֶעהְר נִיט טְרֶעפֶען אַזֶעלְכֶע סְלוּטְשַׁאיֶעס, הָאט זִיא בַּאלְד מוֹדֶה גִיוֶוען, אוּן הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען אַז זִיא זָאהְל שׁוֹין אָפּ הִיטֶען דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט צִינְדֶען אִין דֶער צַייט.

## יב.

דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן ר' בנימין מרדכי פוּן ווִילֶעדְנִיק, אַז אַיין מָאהְל הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגֶענְט מִיט אַיין פְרֶעמְדֶען מֶענְטְשֶׁען, אוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֵּיידֶע בַּאקֶענְט, אוּן פְרֶעגֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶען פוּן ווַאנֶען עֶר אִיז, הָאט ר' בנימין מרדכי הנ"ל אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז אַיין גֶעבּוֹירֶענֶער א ווִילֶעדְנִיקֶער, הָאט אִיהְם דֶער פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז אוֹיךְ א ווִילֶעדְנִיקֶער, אוּן הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַיין מעשה פוּן זִיךְ וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן זַיין פָאטֶער ווֶעלְכֶער עֶר הָאט אַיין גְרוֹיסֶע צַייט נִיט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער ר"ל אִיז עֶר אֵיין מָאהְל גֶעפָאהְרֶען צוּם רבי'ן זלה"ה פוּן ווִילֶעדְנִיק, אוּן הָאט זִיךְ פַאר אִיהְם גֶעקְלָאגְט אוֹיף זַיין אוּמְגְלִיק, אוּן בֵּייט בַּא אִיהְם אוֹיף קִינְדֶער אַזוֹ הָאט

איהם

אִיהְם דֶער רבי זלה"ה צוּ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אי"ה מִיט דֶער צַייט הָאבֶּען קִינְדֶער אוּנ אַז מַיין פָּאטֶער הָאט שׁוֹין בַּאדַארְפְט פָארֶען אַהֵיים, אַזוֹ אִיז עֶר אַרַיין גֶע־גַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה זִיךְ גִיזֶעגֶענֶען מִיט אִיהְם, הָאט דֶער רבי אוֹיף גִיעֶפֶענְט זַיין סִדוּר, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ גְרַאדֶע אוֹיף גֶעמִישְׁט דִי הַגָדָה פוּן פֶּסַח, אוּנ דֶער רבי הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען, „מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲזַרְיָה", הָאט מַיין פָּאטֶער גָאר נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס הָאט דֶער רבי זלה"ה מִיט דֶעם גֶעמֵיינְט, נָאךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים, אוּנ מַיין מוּטֶער אִיז פֶערְגַאנְגֶען אִין טְרָאגֶען, אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח צוּם עֶרְשְׁטֶען סֵדֶר, וִויא מַיין פָּאטֶער אִיז גֶעזֶעסֶען בַּא דֶעם סֵדֶר אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲזַרְיָה, אַזוֹי אִיז צוּ אִיהְם דִי בָּאבֶּע צוּ גֶעגַאנְגֶען, אוּנ הָאט אִיהְם אָפּ גֶעגֶעבֶּען מז"ט אוּנ זָאגְט אִיהְם אַז מַיין מוּטֶער הָאט גֶעבּוֹירֶען אַיין בֶּן זָכָר, אוּנ דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין, דַאמָאלְס הָאט מַיין פָּאטֶער פֶערְשְׁטַאנֶען דִי הֵיילֶעגֶע וֶוערְטֶער פוּן דֵעם רבי'ן זלה"ה, אוּנ דְרוּם רֶעכֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ פַאר אַיין ווילעדניקער, דֶען פוּן דֶער הַבְטָחָה פוּנ'ם ווילעדניקער רבי'ן בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירֶען גֶעוָואהְרֶען.

## י"ג.

דִי מעשה הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט פוּן אַיין אִישׁ חָשׁוּב ר' יהושע יעקב פוּן ווילעדניק, אַז אַיין מָאהְל הָאט זַיין בעה"ב בַּא וֶועמֶען עֶר אִיז גִיזֶעסֶען אִין דֶער דִירָה גֶענוּמֶען אַיין אוֹרַח אַיין אָרוּמַאן צוּ זִיךְ אוֹיף שַׁבָּת, נָאהְר עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעהַאט וִויא צוּ נֶעכְטִיגֶען, אַזוֹ הָאט דֶער בעה"ב גֶעבֶּעטֶען פוּן ר' יהושע יעקב הנ"ל אַז עֶר זָאהְל נֶעמֶען צוּ זִיךְ דֶעם אוֹרַח עֶר זָאהְל שְׁלָאפֶען בַּא אִיהְם, הָאט ר' יהושע יעקב אַזוֹ גֶעטְהוּן, אוּנ אַז דֶער אוֹרַח אִיז אַרַיין צוּ אִיהְם אִין חֶדֶר, אַזוֹ הָאבֶּען זַייא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען צְווִישֶׁען זִיךְ בִּיז דֶער אוֹרַח הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט אַיין מעשה פוּנ'ם ווילעדניקער רבי'ן זלה"ה אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם אַזוֹי, אִיהְר וֵוייסְט אַז אִיךְ וֶוער אוֹיךְ אָן גֶערוּפֶען אַיין ווילעדניקער, דֶען מַיין פָּאטֶער הָאט גֶעהַאט פַאר מִיר נַיין קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען אַלֶע נִיט אוֹיס גִילֶעבְּט זֵייעֶרֶע יָאהְרֶען, אוּנ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאר דֶער צַייט, אֵיידֶער אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעבּוֹירֶען גֶעוָואהְרֶען, אַזוֹ אִיז מַיין פָּאטֶער גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק, אוּנ אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זללה"ה, אוּנ מִיט אַיין בִּיטֶערֶען גֶעוויין הָאט עֶר אִיהְם דֶער צֵיילְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ, דֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט נַיין קִינְדֶער אוּנ זֵייא זֶענֶען אַלֶע אוֹיס גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאר דֶער צַייט, ע"כ בֶּעט עֶר פוּנ'ם רבי'ן אוֹיף קִינְדֶער אַז זֵייא זָאלֶען שׁוֹין זַיין מִיט אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, וִויא עֶר הָאט דָאס דֶער צֵיילְט פַארְ'ן רבי'ן זלה"ה אַזוֹ הָאט אִיהְם דֶער רבי גִיעֶנְטְפֶערְט, שְׁרֶעק זִיךְ נִיט

אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבֶּען אַיין זוּהְן וֶועלְכֶער עֶר וֶועט דִיר מַאֲרִיךְ יָמִים וְשָׁנִים זַיין, אוּנ דוּ זָאלְסְט אִיהְם אַיין נָאמֶען גֶעבֶּען „זאב״ דָאס אִיז דִיא טַייטְשׁ „וָואלְף״, דֶען בַּא אִיהְם וֶועט זַיין אַיין גְרוֹיסֶער אוֹיעֶר ווִי בַּא אַיין וָואלְף אוּנ דָאס קִינְד וֶועט דִיר מְמַלֵא זַיין פַאר אַלֶע דַיינֶע נַיין קִינְדֶער, דֶען עֶר וֶועט דִיר גֶעבּוֹירֶען נַיין אֵיינִיקְלַאךְ, אוּנ דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען, ווִיא דֶער אָרוּמֶער אוֹרַח הָאט אִיהְם דֶער צֵיילְט דִי מעשה, אוּנ הָאט אִיהְם גֶעווִיזֶען זַיין גְרוֹיסֶען אוֹיעֶר פַאר אַיין סִימָן אַז דֶעם רבינ׳ם רֵייד אִיז מְקוּיָם גֶעוָואהְרֶען אוּנ וָואס עֶר הָאט צוּ גֶעזָאגְט אִיז גֶעוֶועזֶען הֵיילִיג אוּנ עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָואהְרֶען. אַזוֹ ווִיא דֶער רבי זלה״ה הָאט גֶעזָאגְט.

## יד.

מעשה אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט פוּן ר׳ אשר מסטאפאניוּוקע אַז זַיין טָאכְטֶער לאה חוה פוּן איסקאריסט וֶוען זִיא הָאט זִיךְ זַייעֶר אַיין גֶעמִידְט פוּן צוּ רַאטֶעוֶוען אִיהְרֶע זַאכֶען פוּן דֶער גְרוֹיסֶער שְׂרֵפָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין איסקארוסט אִיז זִיא גֶעבְּלִיבֶּען אִין חֲלָשׁוּת פוּן דֵער שְׁרֶעק, הָאט מֶען זִיא אָפּ גֶערַאטֶעוֶועט נָאהְר זִיא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטוּם ר״ל עֶס אִיז בַּא אִיהְר אָפּ גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען דָאס לָשׁוֹן אוּנ הָאט נִיט גֶעקֶענְט רֵיידֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן, הָאט מֶען דָאס גֶעלָאזְט ווִיסֶען צוּ אִיהְרֶע עֶלְטֶערְן, זֶענֶען זֵייא בַּאלְד גֶעקוּמֶען, אוּנ וָואס פַאר סְגוּלוֹת אוּנ רְפוּאוֹת מֶען הָאט גֶעטְהוּן אוּנ עֶס הָאט גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ אַז אִיהְר פָאטֶער ר׳ אשר הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶס הֶעלְפְט אִיהְר נִיט קֵיין שׁוּם רְפוּאוֹת, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דִי עֶלְטֶערֶע טָאכְטֶער קֵיין ווילעדניק צוּם רבי׳ן זלה״ה אוֹיפְ׳ן ציון הקדוש אוּנ זִיא הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיס גֶעוַויינְט ווִיא עֶס אִיז אִיהְר גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן הַארְצֶען, אוּנ ווִיא זִיא אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים, הָאט זִיךְ זַיין טָאכְטֶער גֶעלֵייגְט שְׁלָאפֶען מִיט אִיהְר מוּטֶער אִין אֵיין בֶּעט, אַזוֹ הָאט דִי מוּטֶער דֶער הֶערְט ווִיא זִיא רֶעדְט פוּנ׳ם שְׁלָאף, אוּנ הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט, וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפֶען אַז אִיךְ קֶען פָארְט נִיט רֵיידֶען, אַזוֹ הָאט זִיךְ דִי מוּטֶער זֵייעֶר דֶער פְרֵייט דֶען זִיא הָאט זִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז זִיא וֶועט אִי״ה מָארְגֶען גֶעווִיס אָן הוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען, נָאהְר עֶס אִיז אָבֶּער נִיט אַזוֹ גֶעוֶוען ווִיא זִיא הָאט גֶעמֵיינְט, דֶען אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיא אִיז זִיא אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אַיין שְׁטוּמֶע ווִיא פְרִיעֶר, אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעקֶענְט רֵיידֶען אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט נִיט, אַזוֹ הָאבֶּען גוּטֶע פְרַיינְד זֵייא גִיגֶעבֶּען אַיין עֵצָה אַז מֶען זָאהְל שִׁיקֶען נָאךְ דֶעם אישאמערער טָאטֶער, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר אִיהְר גֶעבֶּען עֶפֶּעס אַיין גוּטֶע עֵצָה, ווִיא דִיא שְׁטוּמֶע טָאכְטֶער הָאט דֶער הֶערְט אַז מֶען וִויל שִׁיקֶען נָאךְ אַיין טאטער, אַזוֹ הָאט זִיא אַיין שָׁאקֶעל גֶעטְהוּן מִיטְ׳ן קָאפּ אַז מֶען זָאהְל

ניט

ניט שיקען נאך דעם מאטער, אויך זיא האט אוואונק געטהון מען זאל ברייגגען איין פענע מיט טינט אונ פאפיר, אונ וויא מען האט איהר אלעס געבראכט אזו האט זיא אן געשריבען אויף דעם פאפיר איהר חלום וואס איהר האט זיך געחלומ'ט, אין דער פריערינער נאכט, אז דער גבאי ר' שלמה ניסן ע"ה איז צו איהר געקומען צו חלום, אונ האט צו איהם אזו געזאגט. חאטש מיר איז געווען זייער איין גרויסע טרחה קומען צו דיר, נאהר דער רבי האט מיך געשיקט זאגען דיר אז עס איז נגזר געווארען דו זאלסט זיין שטום אכט יאהר, נאהר ער האט פערביטען איין טאג פאר איין יאהר, אזו וויא עס וועט אוועק גיין אכט טאג וועסטו אן הויבען צו ריידען וויא דו האסט פריער גערעדט, נאהר דו זאלסט זעהן אפ היטען יערען טאג זאגען דאס קאפיטיל תהלים ק"ל, „שיר המעלות ממעמקים קראתיך" וכו', דאס אלעס האט זיא אויף געשריבען אויף דעם פאפיר, אונ אזו איז באמת געווען, דען אין אכט טאג ארום האט מען איהר איין געמינקט א שטיקעל צוקער אינ'ם בוימאייל פון די לאמפען פון דעם ציון מהרב זלה"ה פון ווילעדניק, אזו האט זיא דאס אויף גיגעסען האט זיא זיך פאר הוסט, אונ פון דעם הוסט האט זיא באלד אן געהויבען צו ריידען וויא אלע מענטשען.

## טו.

מעשה. איין מאהל איז געקומען קיין ווילעדניק איין סוחר פון גאנץ ווייט, אונ אז ער איז דורך געפאהרען דורך דער גרויסער חייטשע האט ער באגעגענט איין ארומאן וועלכער ער האט פון איהם גיבעטען ער זאהל זיך צו שטעלען, דען ער דארף איהם עפעס פרעגען האט ער זיך צו געשטעלט אונ אזו פרעגט איהם דער ארומאן וואוהין פאהרט ער, אזו האט ער איהם גע-ענטפערט אז ער פארט קיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה, האט דער ארומאהן איהם געזאגט, זייער רעכט וואס איך האב אייך באגעגענט וועל איך שוין פאר שפארען אליין גיין קיין ווילעדניק נאט אייך איין קוויטעלע אונ איהר זאלט מוחל זיין איבער געבען דעם רבי'ן זלה"ה, אזו האט ער גענומען בא איהם דאס קוויטעלע וועלכער עס איז גיוועזן פאר וויקעלט מיט עטליכע פאדעס, אונ ער האט נאך ניט פאספיעט זיך ארום קוקען אזו איז דער ארומאן ניט געבליבען, אזו האט דער סוחר זיך זייער פערוואונדערט אויף דעם, דען זייא זענעז געשטאנען אין איין פעלד, וואו עס איז גאר ניט געוועזן קיין ארט זיך באהאלטען, דער נאך איז ער געקומען קיין ווילעדניק אונ האט געבראכט צום רבי'ן דאס קוויטעלע עס איז נאך געוועזן פארוויקעלט, דען ער האט

מורא

מוֹרָא גֶעהַאט צוּ עֶפֶענֶען, נָאהְר דֶער רבי הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט צוּ אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען רֶעבֶּען אִיהְם, אוּנ הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט אִיךְ ווייס פוּן דֶעם. אוּנ עֶר הָאט אוֹיף גִיעֶפֶענְט פַּאר אִיטְלִיכֶען דָאס קְוִויטֶעלֶע. אוּנ מַיין פָּאטֶער הָאט אוֹיךְ אִיבֶּער גֶעלֵייעֶנְט אַז אִין דֶעם קְוִויטֶעלֶע אִיז גִיוֶוען אָן גֶעשְׁרִיבֶּען אַיינְצִיגֶע אוֹתִיוֹת מִיט ספרות כְּתַב אוֹיךְ מִיט תַּגִין.

## טז.

מעשה, אִין ברדיטשוב הָאט גֶעוואוֹהְנְט אַיין רַייכֶער מֶענְטְשׁ ר׳ יעקב פעכטענ-האליץ, וֶועלְכֶער עֶר הָאט גָאהְר נִיט גֶעווּאוּסְט פוּנ׳ם רבי׳ן זללה״ה אוּנ הָאט קֵיינְמָאהְל נִיט גִיהֶערְט פוּן זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען, אֵיין מָאהְל אִיז בַּא דֶעם גְבִיר שְׁלַאף גֶעוָואהְרֶען אַיין טָאכְטֶער, אוּנ זִיא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִין אַיין גְרוֹיסֶער סַכָּנָה, דֶען אַלֶע רוֹפְאִים אוּנ דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען זִיךְ פוּן אִיהְר אָפּ גֶעזָאגְט, אוּנ זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גֶעוָואלְט שְׁרַייבֶּען קֵיין רֶעצֶעפְּטֶען, הָאט דֶער פָּאטֶער אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שִׁיקֶען פִּדְיוֹנוֹת צוּ אַלֶע גוּטֶע אִידֶען טָאמֶער וֶועט דָאס הֶעלְפֶען, נָאהְר עֶס הָאט אָבֶּער דָאס אוֹיךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען, אַזוֹ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַלֶע זַיינֶע בֶּעסְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד, אוֹיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאהְל שִׁיקֶען אַיין פִּדְיוֹן צוּם רבי׳ן זלה״ה פוּן זווילעדניק, דֶען זֵייא הָאבֶּען פוּן אִיהְם גִיהֶערְט זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען, הָאט דֶער גְבִיר זֵייא אוֹיךְ גֶעפָאלְגְט, אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען אַיין שְׁפַּאנֶען אַקַארֶעטֶע אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען צוּם רבי׳ן זלה״ה, אוֹיךְ עֶר הָאט אִיהְם אָן גֶעזָאגְט למע״ה קוּמֶען צוּרִיק אוֹיף שַׁבָּת, אָן אַ שׁוּם תִּירוּץ אַזוֹ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפָאהְרֶען קֵיין ווילעדניק, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה הָאט דֶער רבי אִיהְם נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט עֶר הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען הַאלְטֶען שַׁבָּת, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעמוּזְט שַׁבָּת הַאלְטֶען אִין ווילעדניק, עֶס אִיז אַוֶועק אַ גַאנְץ שַׁבָּת אוּנ דֶער רבי רֶעדְט מִיט אִיהְם גָאהְר נִיט, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שַׁבָּת צוּ נַאכְט׳ס, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה״ה גֶענוּמֶען דֶעם כּוֹס פוּן הַבְדָלָה אִין הַאנְט, אַזוֹ פְרֶעגְט עֶר זַיינֶע גַבָּאִים צוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן ברדיטשוב אִיז דָא פַארַאן, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז דָא, הָאט דֶער רבי זלה״ה אִיהְם צוּ גֶערוּפֶען, אוּנ זָאגְט אִיהְם פָאהְר אַהֵיים אוּנ דוּ זאלְסְט אָן זָאגֶען דַיין בעה״ב אַז עֶר זָאהְל נִיט מַאכֶען דִי בְּרָכָה בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים במוש״ק דֶען עֶר הָאט נִיט קֵיין חוּשׁ הָרֵיחַ, אַזוֹ מַאכְט עֶר אַיין בְּרָכָה לְבַטָלָה, אוּנ אִיבֶּער דֶעם אִיז זַיין טָאכְטֶער שְׁלַאף גֶעוָואהְרֶען, אַזוֹ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט דֶער צֵיילְט זַיין בעה״ב אַלֶעס וָואס דֶער רבי זלה״ה הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט, אַזוֹ

האט

הָאט דֶער בעה"ב זִיךְ זַייעֶר פֶּערְוואוּנְדֶערְט דֶען עֶס אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת, אוּנ הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען נִיט מַאכֶען דִי בְּרָכָה, אוּנ דִי טָאכְטֶער אִיז אִין אַ קוּרְצֶער צַייט גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען.

## יז.

מעשה, אִין אַשְׁטֶעדְטִיל לֶעבֶּען זיטאמיר, אִיז גִיוֶוען אַיין אִשָׁה וָואס זִיא הָאט נִיט גֶעהַאט פִּיעֶל יָאהְר אִיהְר צַייט, אוּנ אִיבֶּער דֶעם הָאט זִיא נִיט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אַזוֹ אִיז זִיא גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ אַזוֹ וִויא זִיא אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן אַזוֹ הָאט זִיא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וַויינֶען פַאר אִיהְם, אוּנ הָאט אִיהְם גִיבֶּעטֶען אַז זִיא זָאהְל גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, הָאט אִיהְר דֶער רבי גִיעֶנְטְפֶערְט, בַּא אַייךְ אִין שְׁטֶעדְטִיל אִיז דָא אַרַב מֶען רוּפְט אִיהְם וָואלְף זָאלְסְטוּ זֶעהְן בַּאקוּמֶען דִי זַאמְד פוּן אִינְטֶער דִי פַּאנְטֶעפֶעל אַז עֶר וֶועט אוֹיס שְׁטֵיין שמונה עשרה זָאלְסְטוּ דִי זַאמְד צוּ מִישֶׁען מִיט וַואסֶער אוּנ אוֹיס טְרִינְקֶען וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, אַזוֹ אִיז זִיא אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט דָאס גֶעטְהוּן, אוּנ דֶער רַב הָאט נִיט גֶעוואוּסְט דֶער פוּן, אוּנ דִי אִשָׁה אִיז גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אִיהְר צַייט אוּנ אִיז פַאר גַאנְגֶען אִין טְרָאגֶען, אוּנ אִין פִיהְר חֳדָשִׁים אַרוּם הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע גֶעוואוּסְט אַז זִיא טְרָאגְט, אַזוֹ אִיז מֶען גֶעוָואהְר גֶעוָוארֶען, אוּנ דִי רבי'צִין אִיז אוֹיךְ גֶעוָואהְר גֶעוָוארֶען פוּן דֶער מעשה אַז דִי זַאמְד הָאט אִיהְר גֶעהָאלְפֶען, הָאט זִיא דֶער צֵיילְט אִיהְר מַאן דֶעם רב אִיז עֶר גֶעוָוארֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן ווילעדניקער רבי'ן אוּנ אִין אַקוּרְצֶער צַייט אַרוּם הָאט זִיא גֶעהַאט אַ בֵּן זָכָר אַזוֹ הָאט מֶען דֶעם רב פוּנ'ם שְׁטָאדְט אוֹיךְ גִיבֶּעטֶען אוֹיף דֶעם בְּרִית מִילָה, אוּנ מֶען הָאט אִיהְם מְכַבֵּד גִיוֶוען מִיט סַנְדָק, אוּנ פַאר דֶער מִילָה הָאט דֶער רב צוּ גֶערוּפֶען דִי יוֹלֶדֶת זִיא זָאהְל אִיהְם דֶער צֵיילֶען דִי מעשה, הָאט זִיא אִיהְם דֶער צֵיילְט אַז דֶער ווילעדניקער רבי הָאט אִיהְר גֶעהֵייסֶען אַזוֹ טְהוּן, הָאט דָאס דֶעם רב זֵייעֶר פַאר דְרָאסֶען, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַכִּשׁוּף חָלִילָה, אַלְזָא דָאס קִינְד הָאט מֶען מַל גֶעוֶוען צוּ מזל, אוּנ דֶער רב הָאט זִיךְ גִיזֶעגֶענְט מִיט יֶעדֶען אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק מִיט גְרוֹיס רוֹגֶז אוֹיפְ'ן רבי'ן זלה"ה וִויא דֶער רב אִיז גֶעקוּמֶען קַיין ווילעדניק אוּנ אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן מְקַבֵּל שָׁלוֹם זַיין, זָאגְט דֶער רבי זלה"ה צוּם רב, רב אִיהְר זֶענְט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז עֶנְטְפֶערְט דֶער רב, אֱמֶת אִיךְ בִּין מַאקֶע בְּרוֹגֶז וָואס הָאט אִיהְר צוּ מִי"ר, עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה, פַאר שְׁטֵייט אִיהְר, דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אִיז דֶער עִיקָר פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ דֶער רב אִיז דֶער עִיקָר פוּן דֶער שְׁטָאט, אוּנ דֶער פָּסוּק זָאגְט

„חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַיִם, עַל כֵּן לְנִדָּה הָיָתָה, אַז דֶער רב אִיז אַיין חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ אוּנ הָאט גֶעטְהוּן פִיעֶל עֲבֵרוֹת אִיז דִי אִשָּׁה גֶעוָואָרֶען אַיין נִדָּה אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט פַאר גֵיין אִין טְרָאגֶען, אַזוֹ אִיז דֶער רב גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין פַאר וואוּנְדֶערְט אוּנ הָאט שׁוֹין גִיזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנְ'ם רבי'ן זלה"ה אַז עֶר זֶעהְט מִסּוֹף עוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אַזוֹ הָאט דֶער רב גִיבֶּעטֶען פוּן דֶעם רבי'ן אַ תְּשׁוּבָה הָאט עֶר אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַתְּשׁוּבָה, אוּנ נָאכְדֶעם אִיז דֶער רב גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ אִיז גֶעוָואָרֶען אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

# יח.

מעשה, אִין אַיין דָארְף לֶעבֶּען נאראדיטש הָאט גֶעוואֹהְנְט אַיין מוֹכסן אוּנ עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַךְ חָאדָאבֶּע, אוּנ דֶעם פָּרִיץ'ס הוֹיף אִיז גֶעוֶוען אַקֶעגֶען דֶעם מוֹכסענס דִירָה, אַזוֹ אִיז גֶעוָואָרֶען בַּיים פריץ אַיין נְפִילָה אוֹיף דֶער חָאדָאבֶּע עֶס אִיז אוֹיס גֶעפֶּגְר'ט אַסַךְ, הָאט דֶער מוֹכסן מוֹרָא גֶעהַאט עֶס זָאהְל נִיט שַׁאדֶען זַיין הָאדָאבֶּע, אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אַיין מְקוֹרָב צוּם טשערנאבילער מגיד זלה"ה, אַזוֹ אִיז דֶער מוֹכס; גֶעפָאהְרֶען צוּם מגיד, אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם הָאט עֶר אִיהְם גֶעטְרָאפֶען לֶערְנֶען מִיטְ'ן ווילעדניקער רבי'ן זללה"ה וָוארוּם דֶער ווילעדניקער רבי אִיז גֶעוֶועֶן דֶעם מגיד'ס תלמיד, אַזוֹ אִיז דֶער מוֹכסן בַּאלְד צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייא בֵּיידֶע אוּנ הָאט מְקַבֵּל שָׁלוֹם גֶעוֶועֶן, אוּנ דֶער צֵיילְט דֶעם מגיד וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אוּנ בֶּעט בַּא אִיהְם עֶס זָאהְל נִיט שַׁאדֶען זַיין חָאדָאבֶּע זָאגְט דֶער מגיד צוּם רבי'ן זלה"ה ישראל בער עֶנְטְפֶער דֶעם מוכסן אוֹיף זַיין בַּקָשָׁה הָאט הרב ר' ישראל דוב זלה"ה גִיעֶנְטְפֶערְט דֶעם מוכסן, פָאהְר אַהֵיים עֶס וֶועט דִיר גָאהְר נִיט שַׁאדֶען, „אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה'", אַזוֹ אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָארֶען אַהֵיים, אוּנ עֶס אִיז אַזוֹ גִיוֶועֶן וויא דֶער רבי הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט עֶס הָאט גָאהְר נִיט גֶעשַׁאדְט זַיין חָאדָאבֶּע.

# יט.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גִיוֶועֶן אַיין אִשָּׁה וָואס זִיא פְלֶעגְט תָּמִיד מַפִּיל זַיין אִיהְרֶע קִינְדֶער, אִיז זִיא גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה: אוּנ הָאט בַּאצָאלְט דִי גַבָּאִים מֶען זָאהְל זִיא אַרַיין לָאזֶען אַלֵיין זִיא זָאהְל זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיס וֵוייְנֶען פַארְ'ן רבי'ן זלה"ה אַז זִיא אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן הָאט זִיא אִיהְם גֶעטְרָאפֶען אַז עֶר אִיז גִיזֶעסֶען מִיטְ'ן פָּנִים צוּם פֶענְסְטֶער, אִיז זִיא גֶעשְׁטַאנֶען בַּא דֶער טְהִיר, אוּנ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין, אוּנ אִין אַקְלֵיינֶער ווַיילֶע אַרוּם הָאט דֶער רבי זלה"ה אַקוּק גֶעטְהוּן אַז זִיא שְׁטֵייט, פְרֶעגְט עֶר זִיא וָואס

דארפסטו, איז זיא צו געגאנגען און הייבט אן צו וויינען און דער ציילט איהם איהר בקשה נעמט דער רבי און פאר קאטשעט דעם ארבעל פון זיין היילעגער האנט און זאגט צו איהר, „לא הפילה אשה מריח בשר הקודש", דאס איז דער טייטש, איין אשה האט קיין מאהל ניט מפיל געווען פון דעם ריח פון דעם היילעגען פלייש, אז דו הערסט דעם ריח פון מיין האנט, וועסטו קיין מאהל ניט מפיל זיין, אזו איז זיא געהאלפען געווארען זיא האט שוין געהאט קינדער מיט לאנגע יאהרען.

# ב.

מעשה. אין דארף האשיב נאהינט לעבען אוורוטש איז געווען איין מלמד מען האט איהם גערופען חיים, אז וועו זיין ווייב פלעגט האבען אקינד איז דאס באלד געשטארבען, און דער חיים איז געווען אגרויסער מקורב צום רבי'ן זלה"ה, אזו פלעגט ער דער קוטשען דעם רבי'ן, און ער פלעגט איהם גאהר ניט ענטפערען דער נאך האט זיין ווייב גאהר אויף געהערט צו טראגען, אצייט יאהרען איז אוועק געגאנגען און זיא האט ניט געטראגען, זאגט זיא ווידער צו איהר מאן, חיים דו ביסט דאך אגרויסער מקורב צום רבי'ן זלה"ה און גייסט כמעט אויף אלע שבת צו פיס צום רבי'ן קענסטו ניט דער קוטשען דעם רבי'ן ער זאהל אונז צו זאגען אקינד מיט לאנגע יאהר, איין מאהל איז ער געגאנגען אויף שבת און האט איהם שטארק דער קוטשעט, און זאגט צום רבי'ן איך וועל ניט אוועק גיין פון אייך ביז איהר וועט מיר צו זאגען אקינד מיט לאנגע יאהר, האט איהם דער רבי גאהר ניט געענטפערט, אויך אגאנץ שבת ער בעט דעם רבי'ן נאך אמאהל און ער ענטפערט איהם ניט, וויא עס איז געקומען מוצש"ק איז דער מלמד אריין געגאנגען צום רבי'ן זלה"ה און וויל זיך געזעגענען און האט אן געהויבען גוט צו וויינען פאר'ן רבי'ן זלה"ה, ענטפערט איהם דער רבי גייא אהיים, דארט בא דיר אין שטוב איז דא אווענטיל וואס איז איבער געצאמט וויא דער שכן וואהנט, איז בא דעם וועגטיל וואקסט דארט גראז מיט בלעטלאך, זאלסטו אפ רייסען די בלעטלאך און אפ קאכען און אפ זייען די וואסער, און צו דער ליל טבילה זאהל זיא אוים טרינקען די וואסער, וועט זיא אי"ה נפקד ווערען מיט איין בן זכר מיט לאנגע יאהר, אזו האט דער מלמד זיך זייער פאר וואונדערט אויף דעם ענטפער פונ'ם רבי'ן, ווייל ער ווייסט געוויס אז עס איז ניטא קיין גראז מיט קיין בלעטלאך, נאהר די אמונה איז בא איהם געווען אזו גרויס אז דער רבי זאגט מסתמא איז אמת, און ער האט זיך געזעגענט מיט דעם רבי'ן און איז אוועק געגאנגען אהיים, און שבת אין דער פריא זענען ארויס

געגאנגען

געגאנגען זיינע תלמידים פונ'ם שטוב, זעהן זיי ווי ארום דעם ווענטיל וואקסט גראז מיט בלעטלאך, אזוי איז זיי געווען אגרוים חדוש ווי קומט דא צו וואקסען גראז, אזוי גייט צו א קליין יונגעל פונ'ם שכן און וויל אפ רייסען דאס גראז האט דער פאטער אן געשריגען אויף איהם, אום שבת טאהר מען ניט רייסען, ווי דער מלמד איז געקומען זונטאג גאנץ פריא אהיים און גייט אריין אין שטוב און טוט אקוק אויפ'ן ווענטיל עס וואקסט גראז מיט בלעטלאך, אזוי איז ער זייער פריילין געווארען, נאר דער רבי זלה"ה האט איהם אן געזאגט עס זאהל קיינער ניט וויסען דער פון, אזוי פרעגט איהם דאס ווייב, נא וואס האט דיר דער רבי זלה"ה געזאגט, האט ער איהר דער ציילט אלעס, אזוי האבען זיי אפ געריסען די בלעטלאך און עס האט קיינער ניט גיזעהן, און גראדע אין דעם טאג איז געווען בא איהר איין ל"ט, אזוי האט זיא אפ געקאכט די בלעטלאך און און פאר'ן שלאף האט זיא אויס געטרונקען די וואסער, און פון דער צייט אן איז זיא פערגאנגען אין טראגען און האט געווינען צו מז"ט איין בן זכר און ער איז שוין געווען מיט לאנגע יאהר.

## כא.

מעשה, איין מאל שבת אין דער פריא עפענט אויף דער רבי זלה"ה די טהיר פון זיין חדר און זאגט שלמה ניסל גייא דו צום עמוד דאווענען, אזוי איז געווארען אפליאה דעם גאנצען עולם ווייל עס איז געווען צוויא חזנים איינער אויף שבת און שלמה ניסל אויף דער וואך, נאהר ווער קען איהם פרעגען, אזוי איז שלמה ניסל צו געגאנגען צום עמוד און האט אפ געדאווענט, נאך שבת פרעגט יענער חזן שלמה ניסל'ען פאר וואס האט ער געדאווענט שבת פאר'ן עמוד ענטפערט איהם שלמה ניסל אז דער רבי הייסט אזוי, אויף דעם אנדערען שבת האט ווידער דער רבי זלה"ה גיעפענט די טהיר און הייסט אז שלמה ניסל זאהל גיין צום עמוד דאווענען, אזוי איז יענער חזן שטארק ברוגז געווארען אויפ'ן רבי'ן זלה"ה, און ער איז קראנק געווארען פאר עגמת נפש, און דאס איז גיוועןן אוואך פאר פורים, און ווי עס איז געקומען פורים האט דער חזן געשיקט צום רבי'ן זלה"ה אז דאס מגילה געלט גיהער צו איהם, ענטפערט דער רבי דאס מגילה געלט וועט שלמה ניסל נעמען, אזוי איז דער חזן נאך מעהר ברוגז געווארען, און שיקט נאך אמאהל אמענטשען צום רבי'ן זלה"ה אז מען זאהל זאגען דעם רבי'ן אז דער חזן איז אויף איהם שטארק ברוגז ער איז איהם ניט מוחל, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט, ענטפערט דער רבי זלה"ה איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, דעם עולם איז געווען אפליאה וואס דער רבי

איז

אִיז אַזוֹ בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן חַזָן נָאהְר דֶער רבי זָאגְט נִיט ַקיינֶעם וָואס פַאר אַיין חֵטְא הָאט עֶר אוֹיפְ'ן חַזָן גֶעפוּנֶען, אוּנ דֶער חַזָן וֶוערְט וָואס אַטָאג עֶרְגֶער קְרַאנְק, אוּנ עֶרֶב פֶּסַח אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַטָאג נָאךְ ל"ג בעומר שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צוּ גַאנְגֶען פוּנְ'ם רבי'ן זללה"ה זי"ע אַהֵיים, נָאהְר ר' אלטער דֶעם רבי'נס אַפְרַיינְד אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מִיטְ'ן רבי'ן אוּנ הָאט גֶעקוּקְט אִין אַ סֵפֶר אַרַיין, פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעוָוארֶען אַקְלַאפֶּעַרַיי אִין דִי לָאדִין זָאגְט דֶער רבי צוּ ר' אלטער'ן גֵייא נָאהְר זֶעה וֶוער קְלַאפְּט דָארְט, וִויא ר' אלטער הָאט גִיעֶפֶענְט דִי טְהִיר, אַזוֹ לוֹיפְט אַרַיין דֶער גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער חַזָן גְלַייךְ צוּם רבי'ן אִין חֵדֶר, דֶער ר' אלטער אִיז זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאט מוֹרָא אַרַיין צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, אוּנ אִין אַקְלֵיינֶער וַויילֶע אַרוּם זָאגְט דֶער רבי צוּ ר' אלטער'ן לָאז אִיהְם אַרוֹיס דֶעם נפטר, הָאט עֶר גִיעֶפֶענְט דִי טְהִיר אִיז עֶר אַרוֹיס גֶע-לָאפֶען גֶעשְׁווִינְד, וִויא דֶער רבי זֶעהְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען חַלָשׁוּת, הָאט אִיהְם דֶער רבי אַשְׁמִיר גֶעטְהוּן אִיבֶּערֶען פָּנִים אוּנ זָאגְט צוּ אִיהְם הָאבּ ַקיין מוֹרָא נִיט עֶס וֶועט דִיר גָאר נִיט שַאדֶען, אוּנ ר' אלטער אִיז טַאקֶע שְׁלַאף גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶעם שְׁרֶעק, אוּנ אִיז אַלֶע מָאהְל עֶרְגֶער גֶעוָוארֶען, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועןן גוֹסֵס, דַאמָאלְס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת ערב שבועות, אוּנ דֶער רבי אִיז גִיזֶעסֶען בַּיים שלש סעודות, טוּט עֶר אַפְרֶעג דֶעם עוֹלָם, וָואס מַאכְט אלטער, עֶנְטְפֶערֶען זֵייא אִיהְם עֶר אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, זָאגְט דֶער רבי זלה"ה עֶר וֶועט נָאךְ אי"ה זַיין גֶעזוּנְד, אוּנ אִין אַקְלֵיינֶער וַויילֶע אַרוּם פְרֶעגְט ווִידֶער דֶער רבי וָואס מַאכְט אלטער, עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהְם עֶר אִיז שׁוֹין גוֹסֵס, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי זלה"ה נָאךְ אַמָאהְל עֶר וֶועט אי"ה זַיין גֶעזוּנְד, אוּנ זָאגְט צוּם עוֹלָם וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען, אִיהְר זָאלְט עֶנְטְפֶערֶען אָמֵן אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל זָאגֶען, אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּנ זָאגְט, אִיךְ זָאג אַז אלטער בן פלונית זָאהְל הָאבֶּען אַ רְפוּאָה, הָאבֶּען זֵייא אַלֶע גִיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן אוֹיפְ'ן קוֹל, אוּנ בְּזוֹ הָרֶגַע הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען בֶּעסֶער צוּ וֶוערֶען, אוּנ בִּיז דִינְסְטָאג אִיז עֶר שׁוֹין אַלֵיין גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין מִיט אַשְׁטֶעקֶעל צוּם רבי'ן זלה"ה.

## כב.

מעשה, אִין קאטערנע, אִיז גֶעוֶוען אַיין רב ר' משה, אוּנ אִיז גִיוֶוען אַ מלמד אוֹיךְ, אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַשְׁטַארְקֶער מְקוֹרָב צוּם רבי'ן זלה"ה פוּן ווילעדניק, אִיז זַיין הַנְהָגָה גִיוֶוען עֶר פְלֶעגְט אַלֶע יָאהְר פָארֶען ַקיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה אוֹיף ראש השנה אוּנ יום כפור, אוּנ אוֹיף סוכות פְלֶעגְט עֶר

פָאהְרֶען אַהֵיים, אַיין מָאהְל הָאט עֶר אָפּ גִירֶעט מִיט זַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים פוּן דִי תַּלְמִידִים אַז זַייא זָאלֶען גֵייְן צוּ אִיהְם אוֹיף וַוייטֶער, אוּנ דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים הָאבֶּען בַּא אִיהְם גֶענוּמֶען אַיין מַשְׁכּוֹן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּרִיק, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּנ אַגוּטֶער מְלַמֵּד וַוייל זַייא הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט טָאמֶער וֶועט מֶען אִיהְם עֶרְגֶעץ דוּנְגֶען פַאר אַמְלַמֵּד, אוּנ דֶער ר׳ משה אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי׳ן זלה״ה נָאךְ יום כפור, אוּנ אִיז גִיוֶוען צְוֵוייא טָאג, נָאכְדֶעם וִויל עֶר זִיךְ גִיזֶעגֶענֶען מִיט׳ן רבי׳ן, זָאגְט דֶער רבי הַאלְט דָא סוּכּוֹת בַּא מִיר, חוה״מ גֵייט צוּ דֶער ר׳ משה אוּנ וִויל זִיךְ גִיזֶעגֶענֶען מִיט׳ן רבי׳ן, עֶנְטְפֶערְט אִיהְם דֶער רבי מַאךְ דָא אַחֲדֵה, זָאגְט ר׳ משה, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעגֶעבֶּען אַמַשְׁכּוֹן אַז אִיךְ זָאהְל קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים, אוּנ אִין דֶער הֵיים הָאבּ אִיךְ מֶעהְר וִויא דָא, אוֹיךְ זוגתי עב״ב וֶועלֶען נִיט הָאבֶּען פוּן וַואנֶען צוּ לֶעבֶּען, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי זלה״ה אִיךְ וֶועל שְׁרַייבֶּען קַיין קאטעלנע וֶועט מֶען דִיר דֶעם מַשְׁכּוֹן אָפּ גֶעבֶּען, אוּנ דָאס וַוייבּ וֶועט אוֹיף דֶער הוֹצָאָה אוֹיךְ הָאבֶּען, אוּנ אַז דֶער רבי זלה״ה הָאט גֶעהֵייסֶען אִיז עֶר פַאר בְּלִיבֶּען אִין ווילעדניק קְנֶעלֶען אוּנ אִין אַקוּרְצֶער צַייט אַרוּם אִיז גֶעוָוארֶען אַיין שְׁלַאפְקֵייט ר״ל, אַזוֹ אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּם רבי׳ן זלה״ה אַז עֶר זָאהְל זֶעהְן אֶפְשַׁר אִיז דָא אַיין חֵטְא אִין שְׁטָאט, אוּנ ר׳ משה קאטעלנער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים רבי׳ן זלה״ה, אַזוֹ זָאגְט דֶער רבי זלה״ה צוּ ר׳ משה׳ן אוֹיף דִיר אִיז מוּטָל דִי זָאלְסְט חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין דִי זַאךְ, עֶנְטְפֶערְט ר׳ משה וָואס אִיז עֶפֶּעס מוּטָל אוֹיף מִיר. עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי אִיךְ הֵיים דִיר, אַזוֹ הָאט ר׳ משה אָן גֶעהוֹיבֶּען חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין, אוּנ עֶר קֶען נִיט וִויסֶען, נָאכְדֶעם הָאט ר׳ משה גֶעדוּנְגֶען אַ חֶדֶר אוֹיף קְנֶעלֶען, אוּנ אִין דֶעם חֶדֶר אִיז גִיזֶעסֶען אַ שָׁכֵן אַ שְׁנַיידֶער עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט אַוֶועק פָאהְרֶען אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט נֵייעֶן אוּנ זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט בְּלַייבֶּען אִין דֶער הֵיים, אַיין מָאהְל אִיז ר׳ משה גֶעקוּמֶען פוּנ׳ם עֶסֶען עֶר גֵייט אַרַיין אִין חֶדֶר טְרֶעפְט עֶר פִיר וַוייבֶּער, דִי שְׁכֵנָה אוּנ נָאךְ דְרַייא אַנְדֶערֶע, אוּנ דִי פִיהְר וַוייבֶּער הָאבֶּען אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ לַאכֶען, אִיז ר׳ משה זֵייעֶר פַאר שֶׁעמְט גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיז, הֶערְט עֶר אִינְטֶער דֶער טְהִיר וִויא זַייא רֵיידֶען ניבול פה וִויא דִי גְרֶעסְטֶע חֲצִיפוּת, אוּנ ר׳ משה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְטֶער דֶער טְהִיר בִּיז דִי דְרַייא וַוייבֶּער זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אִיז ר׳ משה אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ גוּט בְּרוֹגֶז, אוּנ פְרֶעגְט דִי שְׁכֵנָה וָואס הָאט אִיהְר גֶעלַאכְט, עֶנְטְפֶערְט זִי מִיט עַזוּת, וָואס הָאט דָאס צוּ אַייךְ, אוּנ הָאט זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ קְרִיגֶען מִיט אִיהְם, אַזוֹ הָאט שׁוֹין ר׳ משה גֶעוְואוּסְט אַז זִיא אִיז נִיט קַיין עֶרְלִיכֶע, אַזוֹ אִיז ר׳ משה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּם דַיין פוּנ׳ם שְׁטָאט אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם דִי מַעֲשֶׂה, הָאט דֶער מו״צ זִיא גֶעשִׁיקְט

געשיקט רופען, און זיא האט ניט געוואלט גיין, אזו זאגט ר' משה צום דין
מיר דוכט אז דורך איהר איז דער חטא אין שטאט, אזו זענען זייא ביידע אוועק
געגאנגען צום רבי'ן זללה"ה און דער ציילען איהם די גאנצע מעשה, אזו האט
דער רבי זלה"ה געשיקט נאך איהר איז זיא געקומען, האט דער רבי צו איהר
געזאגט זאג דעם אמת וואס האט איהר אזו געלאכט, האט זיא גיענטפערט אז
זיא ווייסט פון גאר ניט און האט זיך ניט געוואלט מודה זיין, אזו האט דער
רבי זלה"ה געשיקט רופען דעם בעה"ב פון דער דירה, זאגט דער רבי צו איהם
איך זאג דיר אז דו זאלסט זיך מודה זיין, און אז דו וועסט מיר זאגען דעם
אמת, זאג איך דיר אז דו וועסט ניט האבען קיין שום עבירה, אזו האט ער זיך
מודה געוועזען, און האט דער ציילט פאר'ן רבי'ן, אז די שכנה איז געגאנגען נאך
האלץ אויפ'ן בוידעם, אזו איז ער איהר נאך געגאנגען און האט מיט איהר געטהון
איין עבירה און האט באלד חרטה געהאט, אזו זאגט דער רבי זלה"ה צו איהם
דער פאר וואס דו האסט זיך מודה געוועזען האסטו שוין א כפרה, ומודה ועוזב
ירוחם, און צו דער שכנה האט ער געזאגט, דער פאר וואס דו האסט געלייקענט
וועסטו מיט דיין קינד וואס דו האלטסט אויף די הענט געהרגעט ווערען, אזו
איז געוועזען, זיא איז געגאנגען מיט'ן קינד און איז געפאלען אויף אשטיין און
זיא איז געהרגעט געווארען מיט דעם קינד, נאך דעם איז באלד געווארען
שטיל אין שטאט פונ'ם שלאפקייט.

## כג.

מעשה. איין מאהל איז געקומען איין איד צום רבי'ן זלה"ה מיט איין
בקשה, און זאגט צו איהם עס איז שוין עטליכע מאהל אז ער בויעט זיך אויס
אדירה און זיא ווערט פאר ברענט ר"ל, פרעגט איהם דער רבי זלה"ה דו ביסט
מקיים הכנסת אורחים אמאהל, ענטפערט דער איד יא איך נעם אפט איין אורח
פרעגט איהם דער רבי זלה"ה דו גיסט איהם עסען און טרינקען זאגט ער יא
פרעגט איהם דער רבי דו בעגלייסט איהם אויך פונ'ם שטוב ארויס, זאגט ער
ניין, ענטפערט דער רבי זלה"ה עס שטייט אין דער סדרה וירא בא אברהם
אבינו, "ויטע אשל בבאר שבע", אברהם האט געבויעט איין אכסניא פון אורחים
וועגען, און די ראשי תבות פון אשל מאכט אכילה, שתיה, לויה, די א' מאכט
אכילה, די ש' מאכט שתיה, דער ל' מאכט לויה, דאס מיינט מען באגלייטען
דעם אורח, און אברהם האט מקיים געוועזען אלע דריי זאכען, אבער דו ביסט
נאהר מקיים צוויא זאכען און די ל' ניט, בלייבט איבער די א' מיט'ן ש' מאכט
דאס אש, דאס איז טייטש פייער, איבער דעם ווערט פאר ברענט דיין שטוב,
ר"ל

ר"ל, אוּנ דוּ זָאלְסְט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בֶּעגְלֵייטֶען דֶעם אוֹרַח, פוּנְ'ם שְׁטוּבּ אַזוֹ הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען עֶר זָאהְל שׁוֹין מְקַיֵים זַיין אַלֶעס, אַזוֹ הָאט שׁוֹין דֶער רבי זלה"ה אִיהְם גֶעהֵייסֶען פָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ זָאהְל אוֹים בּוֹיאֶן אַשְׁטוּבּ אוּנ זִיא וֶועט שׁוֹין מֶעהְר נִיט בְּרֶענֶען, אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים אוּנ הָאט נָאךְ אַמָאל גֶעבּוֹיֶעט אַשְׁטוּבּ אוּנ עֶס הָאט שׁוֹין מֶעהְר נִיט גִיבְּרֶענְט.

# כד.

מעשה, אֵיין מָאהְל אִיז גִיוֶוען אִין אוורוטש אַיין אַלְמָנָה, אוּנ הָאט גֶעהַאט אַיין מֵיידֶעל פוּן אַכְט יָאהְר, אַזוֹ אִיז דִי יְתוֹמָה גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּנ אִיז גֶעפַאלֶען אוּנ הָאט זִיךְ צוּ בְּרָאכֶען אַפוּס ר"ל, אַזוֹ הָאט דִי אַלְמָנָה אָן גֶעהוֹיבֶּען פָאהְרֶען מִיט דֶער יְתוֹמָה צוּ דָאקְטוֹרִים אוּנ עֶס הָאט גָאהְר נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ דָאס מֵיידֶעל אִיז גֶעלִיגֶען אוֹיפְ'ן בֶּעט אוּנ דִי פוּס הָאט שׁוֹין אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ פוֹילֶען, אַזוֹ הָאבֶּען דָאקְטוֹרִים גֶעזָאגְט אַז זִיא זָאהְל פָארֶען מִיטְ'ן מֵיידֶעל קַיין קִיֶעוו, הָאט זִיא נִיט גֶעהַאט אוֹיף הוֹצָאוֹת, אַזוֹ הָאט זִיא זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אוּנ הָאט גֶענוּמֶען דָאס מֵיידֶעל אוּנ אִיז מִיט אִיהְר גֶעפָאהֶרֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה, אוּנ אַזוֹ וִויא זִיא אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן אוּנ הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען אוֹיף אִיהְר אוּמְגְלִיק וָואס עֶס הָאט זִיא גֶעטְרָאפֶען, אוּנ זָאגְט צוּם רבי'ן זלה"ה, אִיךְ וֶועל נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ בִּיז מַיין קִינְד וֶועט הָאבֶּען אַ רְפוּאָה, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי זלה"ה צוּ אִיהְר וַוארְט אוֹים אַבִּיסֶעל פַאר מִנְחָה וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיין רוּפֶען, וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר מִנְחָה הֵייסְט דֶער רבי זלה"ה מֶען זָאהְל זִיא אַרַיין רוּפֶען, אַזוֹ אִיז זִיא אַרַיין גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קִינְד, אַזוֹ הָאט דֶער רבי זלה"ה אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייֶען אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט אַגֶעוֵויין רבש"ע אַזַא בִּיטֶערֶע יְתוֹמָה, אוּנ הָאט עֶטְלִיכֶע מָאהְל אִיבֶּער גִירֶעט מִיט אַגְרוֹיס רַעַשׁ, אוּנ זָאגְט אִיךְ בֶּעט דִיךְ רבש"ע שִׁיק צוּ אַרְפוּאָה שְׁלֵמָה דֶער יְתוֹמָה, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, נָאךְ מִנְחָה הָאט עֶר אִיהְר גֶעהֵייסֶען גֵיין אוֹיף אִיהְר סְטַאנְצִיֶע, אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיא פַאר'ן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר זִיא ווִידֶער גֶעשִׁיקְט רוּפֶען, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייֶען רבש"ע שִׁיק אַרְפוּאָה שְׁלֵמָה דֶער יְתוֹמָה, אוּנ פַאר נַאכְט הָאט עֶר נָאךְ אַמָאל דָאס אֵייגֶענֶע גֶעשְׁרִיגֶען, רבש"ע שִׁיק אִיהְר צוּ אַרְפוּאָה שְׁלֵמָה, נָאךְ מִנְחָה הֵייסְט עֶר אִיהְר פָאהְרֶען אַהֵיים, אוּנ זָאגְט אִיהְר צוּ אַז אִיהְר קִינְד וֶועט הָאבֶּען אַרְפוּאָה, אוּנ דִי אַלְמָנָה הָאט אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט, אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, אוּנ זָאגְט, אִיךְ וֶועל אַצוּנְד נִיט אַוֶועק גֵיין פוּנְ'ם רבי'ן בִּיז מַיין קִינְד וֶועט הָאבֶּען דִי רְפוּאָה אוֹיפְ'ן אָרְט, אַזוֹ וִויא דִי אַלְמָנָה שְׁטֵייט אוּנ וֵויינְט, טוּט אַגֶעשְׁרֵייא דֶער

רבי

דבי זלה"ה, חיי שרה אִיךְ זָאג דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶעלֶען אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹ הָאט דִי מוּטֶער זִיא אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט, אוּנ אִין דֶער רֶגַע אִיז גֶעוָוארֶען דִי פוּס גַאנְץ, אוּנ אִיז שׁוֹין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַגֶעזוּנְטֶע פוּנ'ם רבי'ן זלה"ה זי"ע אוֹיף בֵּיידֶע פִּיס.

# כה.

מעשה. אִין אַשְׁטָאט וַוייט פוּן ווילעדניק אִיז גֶעוֶוען אַיין גְרוֹיסֶער גְבִיר אוּנ אִין אַקוּרְצֶער צַייט אַרוּם הָאט אִיהְם אָן גֶעהוֹיבֶּען גֵיין צוּרִיק, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַיין עָנִי וְאֶבְיוֹן, אַזוֹ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּא אִיהְם אִין דֶער מַחֲשָׁבָה עֶר זָאהְל זִיךְ לָאזֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה דֶער צֵיילֶען זַיין בִּיטֶער הַארְץ, אַזוֹ הָאט עֶר אָבֶער נִיט גֶעהַאט אוֹיף דֶער הוֹצָאָה, הָאט עֶר פַאר קוֹיפְט אַיין קִישֶען אוּנ אִיז גֶעפָאהְרֶען, אוּנ אַבִּיסֶעל גֶעגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין ווילעדניק אוּנ אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם זַיין בִּיטֶער הַארְץ, אוּנ וַויינְט זֵייעֶר פַאר אִיהְם, אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם וָואס זָאהְל עֶר טְהוּן, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי זלה"ה, דָא אִיז נִיט וַוייט אַשְׁטֶעדְטִיל נַארִינְסְק אִיז מָארְגֶען דָארְט יְרִיד, פָאהְר אַהִין וֶועסְטוּ דָארְט גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, זָאגְט עֶר רבי וָואס וֶועל אִיךְ פָאהְרֶען, אַז אִיךְ הָאבּ נִיט מִיט עֶפֶּעס צוּ הַאנְדְלֶען, זָאגְט דֶער רבי אִיךְ הֵייס דִיר פָאהְרֶען השי"ת וֶועט דִיר מַזְמִין זַיין דָארְט, נָאהְר דָאס זָאג אִיךְ דִיר, אַז דֶעם עֶרְשְׁטֶען מֶענְטְשֶׁען וָואס דוּ וֶועסְט בַּאגֶעגְנֶען, זָאלְסְטוּ מִיט אִיהְם מַאכֶען אַגֶעשֶׁעפְט וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, אַזוֹ אִיז עֶר אַוֶועק צוּ פִּיס קַיין נארינסק, וִויא עֶס אִיז גֶעוָוארֶען טָאג אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין, זִיצְט אַיין אָרוּמַאן אוֹיף אַפְּרִיזְבֶּע, אוּנ בֶּעט בַּא אִיהְם אַנְדָבָה, אַזוֹ אִיז אִיהְם זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארֶען אַז עֶר הָאט מֶעהְר נִיט וִויא דְרַייא גְרָאשֶׁען, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זָאגְט עֶר צוּם אָרוּמַאן נַאט אַייךְ אַדְרַייעֶר אוּנ גִיט מִיר אַרוֹיס אַקָאפִּיקֶע, עֶנְטְפֶערְט דֶער אָרוּמַאן-קַיין קָאפִּיקֶע וֶועל אִיךְ אַייךְ נִיט גֶעבֶּען, גִיט מִיר אַוֶועק דֶעם גַאנְצֶען דְרַייעֶר, אוּנ דֶער אִיד וִויל אקאפ' רֶעשְׁט, אַזוֹ אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט אִיהְם גָאהְר נִיט גִיגֶעבֶּען קַיין נְדָבָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ בַּאקְלֶערְט אַז דֶער רבי זלה"ה הָאט דָאךְ אִיהְם גֶעזָאגְט אַז מִיט דֶעם עֶרְשְׁטֶען מֶענְטְשֶׁען וָואס עֶר וֶועט רֵיידֶען, זָאהְל עֶר מִיט אִיהְם מַאכֶען אַגֶעשֶׁעפְט אֶפְשַׁר אִיז דָאס דֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּרִיק צוּם אָרוּמַאן אוּנ עֶר אִיז שׁוֹין נִיטָא אוֹיף דֶעם אָרְט, אַזוֹ אִיז עֶר אוּם גֶעלָאפֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּנ עֶר אִיז נִיטָא, פַאר נַאכְט אִיז עֶר וִוידֶער אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּיס קַיין ווילעדניק, אוּנ דֶער צֵיילְט דֶעם רבי'ן זלה"ה אַז עֶר הָאט אוֹיפְ'ן יְרִיד גָאר

ניט

ניט געפועל'ט, ענטפערט דער רבי זלה"ה ווער איז דיר שולדיג, דו האסט דאך באגעגענט איין ארומאן דאס איז געווען אליהו הנביא, איך האב געהאט געוואונג צו טהון ביז איך האב איהם ארויס געשיקט אוי'פן יריד פון דיינעמוועגען דו זאלסט איהם געוועזן אפ גיבען אלע דריי גראשען וואלסטו געוועזן געהאט עשירות אויף דיין גאנץ לעבען, אצונד איז פאר פאלען, האט זיך דער מענטש אן געהויבען צו רייסען פאר די האר, נאהר עס איז שוין פאר פאלען דער רבי האט איהם גאהר ניט גיענטפערט.

## כו.

די מעשה האט דער ציילט איין אשה חשובה וואס זיא איז געווען בא איהר פאטער אונ מוטער, אונ זייא האבען געהאט איין יונגעל איז ער ארפ געפאלען אונ האט זיך צו שלאגען דעם שארבען פונ'ם קאפ ר"ל, אונ עס איז ארויס דער מארח פונ'ם קאפ, אונ דאס יונגעל איז געווארען שטארק שלאף, אזו האבען זייא מיט איהם אן געהויבען צו פאהרען צו דאקטורים אונ צו אלע רופאים אונ עס האט ניט געהאלפען, אזו איז די מוטער געפאהרען מיט איהם קיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה, אונ האט געוויינט פאר איהם אז איהר קינד זאהל האבען א רפואה, האט איהר דער רבי גיענטפערט, פאהר אהיים השי"ת וועט דיר צו שיקען א דאקטאר א וואלוועלען, אונ ער וועט איהם אויס היילען אזו איז זיא אוועק געפאהרען אהיים קיין אוורוטש, אונ אין א פאר טאג ארום אזו וויא איהר מאהן זיצט ביים טיש אונ נייט ער איז געווען א שניידער, קומט אריין א ווייגנער מיט קאראבקעס אין שטוב אריין, אונ זאגט טאמער דארפט איהר האבען עפעס רפואות צו אלדינג, אזו האבען די ארבייטער אן געהויבען צו לאכען, א וויינגער א דאקטאר, אזו איז ער אוועק געגאנגען, אזו וויא די מוטער האט דער הערט, האט זיא זיך דער מאנט וואס דער רבי זלה"ה האט איהר געזאגט, איז זיא ארויס געגאנגען אין גאס אונ האט איהם אריין גערופען אין שטוב, אונ ווייזט איהם דעם שלאפען, זאגט דער ווייגנער איך וועל איהם מאכען געזונט, האבען זייא זיך באדונגען פאר א רובל, אזו האט דער ווייגנער באלד געהייסען מען זאהל איהם ברייגנען הארטען מארך פונ'ם קאפ פון א בהמה, אזו איז זיא געלאפען אין יאטקע, אונ האט גענומען מארך, אונ האט איהם געבראכט, האט ער גענומען אזעלכע מאטריאלען אונ האט צו מישט מיט'ן מארח, אונ האט געמאכט שיטער, אונ האט באנאסען דער מיט די וואונד, אונ האט צו געלייגט א טריאפקע צום קאפ אונ איז אוועק געגאנגען, פאר נאכט איז ער געקומען אונ האט נאך אמאהל געטהון דאס אייגענע, אונ בעט אז מען

זאהל

זָאהְל אִיהְם עֶפֶּעס גִיבֶּען גֶעלְט אוי'פְן רובל, אַזוֹ הָאט זיא אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַ גוּלְדֶען איז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוֹיף מָארְגֶען אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען מֶען זָאהְל אִיהְם בְּרֵיינְגֶען וַוייבֶען מַארְה, הָאט עֶר נָאךְ אַמָאהְל גֶעטְהוּן דָאס אֵייגֶענֶע וִויא פְרִיעֶר, אוּנ זָאגְט צוּ זַייא אִיהְר דַארְפְט שׁוֹין גָאהְר נִיט טְהוּן נָאהְר לֵייגֶען צוּם קָאפּ דִיא טְרַיאפֶּקֶעס בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ פַאר הוּילֶען, אוּנ הָאט בַּא זַייא נָאךְ גִבֶּעטִין גֶעלְט, הָאבֶּען זַיי נִיט גֶעהַאט, אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט וואוּ שְׁטֵייט עֶר אַיין הָאט עֶר זַייא גֶעזָאגְט אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּנ אִיז שׁוֹין מֶעהְר נִיט גֶעקוּמֶען, וִויא זַייא הָאבֶּען גִיזֶעהְן אַז עֶר קוּמְט נִיט, זֶענֶען זַייא גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגֶען אוֹיף דֶער סְטַאנְצִיֶע הָאט מֶען זַייא גִיעֶנְטְפֶערְט דָא אִיז נִיט גֶעשְׁטַאנֶען קַיין וֵויינְגֶער, זַייא הָאבֶּען גֶעפְרֶעגְט אִין דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט אוּנ קֵיינֶער וֵוייסְט נִיט, אוּנ דֶעם אִינְגֶעל אִיז גֶעוָוארֶען וָואס אַטָאג בֶּעסֶער, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ פַּאר הוּילְט, אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד וִויא פְרִיעֶר.

## כז.

מעשה. אֵיין מָאהְל אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל אַכְסַנְיָא אִין אוורוטש. אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין אַיין קֶעלֶער, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעבְרָאכֶען אַ פוּס ר"ל, אוּנ אִיז גִילֶעגֶען צוּם בֶּעט, אוּנ מֶען אִיז גֶעוֶוען בַּא אַסַךְ דָאקְטוֹרִים אוּנ זַיי הָאבֶּען אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט הֶעלְפֶען, אַזוֹ אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם דִי מעשה אוּנ בֶּעט בַּא אִיהְם סְגוּלוֹת, אַזוֹ נֶעמְט דֶער רבי אַ שְׁטִיקֶעל לֶעקַאךְ אוּנ הֵייסְט אִיהְם אוֹיף עֶסֶען וֶועט עֶר הָאבֶּען אַ רְפוּאָה, אוּנ אַזוֹ אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט אוֹיף גִיגֶעסֶען דָאס שְׁטִיקֶעל לֶעקַאךְ הָאט עֶר בַּאלְד אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ גֵיין אַזוֹ וִויא פְרִיעֶר.

## כח.

מעשה. אֵיין מָאהְל הָאט דֶער רבי זלה"ה גֶעהַאלְטֶען שַׁבָּת אִין זְוִויהִיל צוּ שָׁלֹש סְעוּדוֹת אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער עוֹלָם בַּיים טִישׁ, אוּנ אַלֶע נְגִידִים אוּנ אַנְשֵׁי חֲשׁוּבִים פוּנְ'ם שְׁטָאט זֶענֶען גֶעוֶוען, אוּנ אַז מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט זִינְגֶען זְמִירוֹת, הָאט מֶען אָן גֶעהוֹיבֶּען זָאגֶען חַזָן זִינְגְט זְמִירוֹת, אוּנ דֶער חַזָן אִיז גָאהְר נִיט גֶעקוּמֶען צוּם טִישׁ. דֶער וַוייל הָאט גֶעזִינְגֶען אַיין אַנְדֶערֶער, אוּנ נָאךְ הַבְדָלָה אִיז דֶער חַזָן גֶעקוּמֶען, פְרֶעגְט אִיהְם דֶער רבי חַזָן פַאר וָואס זֶענְט אִיהְר נִיט גֶעקוּמֶען צוּם שָׁלֹש סְעוּדוֹת, הָאט אִיהְם דֶער חַזָן גִיעֶנְטְפֶערְט אַתִּירוּץ, אָבֶּער דֶער רבי זלה"ה הָאט נִיט אָן גֶענוּמֶען זַיין תִּירוּץ, נָאךְ שַׁבָּת אִיז דֶער רבי אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אַהֵיים, וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוי'פְן צְוֵוייטֶען שַׁבָּת, אוּנ דֶער חַזָן

גייט

גֵייט צו צום עָמוּד מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין, עֶר קֶען קיין מויל נִיט עֶפֶענֶען עֶר הָאט אָן גֶעוואהְרֶען די שְׁטִימֶע, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאטֶערְט אוּנ הָאט אָפּ גֶעדַאוֶוענְט, אויף מָארְגֶען שַׁבָּת פְּרִיא עֶר גֵייט צו צום עָמוּד עֶר קֶען נִיט עֶפֶענֶען קיין מויל, אוּנ אויפְ'ן אַנְדֶערֶען שַׁבָּת אוּנ אויפְ'ן דְרִיטֶען שַׁבָּת עֶר קֶען נִיט דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר שוין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זַיין שְׁטְרָאף דֶער פַאר וָואס עֶר אִיז נִיט גֶעוֶוען בַּיים רבי'נס טִישׁ צום שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אַקִיצוּר דֶער חַזָן הָאט זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעפָארֶען קיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה אוּנ אִיז אָפּ גִיזֶעסֶען בַּיים רבי'ן דְרַייא חֳדָשִׁים אוּנ הָאט אִיהְם אִיבֶּער גִיבֶּעטֶען, נָאכְדֶעם הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעהֵייסֶען פָאהְרֶען אַהֵיים, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אוּנ אִיז וִוידֶער גֶעוָוארֶען חַזָן אוּנ הָאט בַּאקוּמֶען זַיין קוֹל מִיט דֶער שְׁטִימֶע אוּנ הָאט וִוידֶער גֶעדָאוֶוענְט אַזוֹ וִויא פְרִיעֶר.

## כט.

מעשה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין סלאווּעשנע אֵיינֶער וָואס מֶען הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען אברהם שואל, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזאוָואד פוּן סְמָאלֶע אִין נַאוִירַאנֶער וַואלְד, אֵיינְמָאהְל הָאט מֶען בֶּעדַארְפְט צַאפֶּען סְמָאלֶע אוּנ ס'אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶען קַיין סְמָאלֶע, אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען פְרַייטָאג, אוּנ דֶער אוּפְּרַאווְלְיַאיֶעשְׁטְשֶׁע דוד אשר הָאט שוין נִיט גֶעקֶענְט אוּסְפִּיעֶן פָארֶען קַיין סלאווּעשנע אַיְדִיעָה גֶעבֶּען דֶעם בעל הבית אברהם שואל'ן, אַזוֹ הָאט עֶר שוין גֶעמוּזְט וַוארְטֶען אִיבֶּער שַׁבָּת, אוּנ מוצ"ש"ק אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפָּאהְרֶען קַיין סלאווּעשנע אוּנ הָאט דֶער צֵיילְט דֶעם בעה"ב פוּנְ'ם זַאוָואד דִי מעשה, אַזוֹ אִיז דֶער בעה"ב בַּאלְד אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק צום רבי'ן זלה"ה, אוּנ פוּן סלאווּעשנע אִיז ס"ה צֶעהְן וֶוערְסְט קַיין ווילעדניק, אוּנ עֶר גֵייט צו צום רבי'ן אוּנ דֶער צֵיילְט אִיהְם דִי מעשה אַז עֶס גֵייט נִיט קַיין סְמָאלֶע, הָאט דֶער רבי זלה"ה אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט וַוארְט דָא אוּיס אַבִּיסֶעל אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען אַבְּרָכָה. אַזוֹ הָאט עֶר גֶעוַוארְט, פְרֶעגְט אִיהְם דֶער גבאי פִיל דַארְפְט אִיהְר אָפּ צַאפֶּען סְמָאלֶע, זָאגְט עֶר לֶערֶךְ פֶערְצִיג פַאס, זָאגְט דֶער גבאי אַז אִיהְר וֶועט נֶעמֶען אַבְּרָכָה בַּיים רבי'ן זלה"ה וֶועט אִיהְר הָאבֶּען זֶעכְצִיג פַאס, אוּנ אַז דֶער רבי זלה"ה הָאט אוּפְּרַאוֶועט דֶעם עוֹלָם, זָאגְט עֶר צום סוֹחֵר פָאהְרְט אִין זַאוָואד עֶס וֶועט שוין גֵיין סְמָאלֶע, עֶר הָאט זִיךְ גִיזֶעגֶענְט מִיטְ'ן רבי'ן זלה"ה אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען, הֶערְט עֶר וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיפְן גבאי, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסֶען זָאגֶען זֶעכְצִיג פַאס, אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעוָואלְט גֶעבֶּען אַבְּרָכָה עֶס זָאל זִיךְ צַאפֶּען אָן אַ צָאהְל, אוּנ אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַ צָאהְל קֶען שוין מֶעהְר נִיט זַיין, אוּנ דֶער סוֹחֵר אִיז אַוֶועק

געפאהרען

גֶעפָֿאהְרֶען צוּם זַאוָואד, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעצַאפְּט, אָבֶּער טַאקֶע נִיט מֶעהְר ווִיא זֶעכְצִיג פַֿאס.

# ל.

מעשה, דֶער רבי זלה"ה אִיז אֵיין מָאהְל זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁלַאף גֶעווֶען עֶר אִיז שׁוֹין גִילֶעגֶען דְרַיי טֶעג, אוּנ הָאט נִיט גִירֶעט, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקֶען, נָאךְ דִי דְרַייא טֶעג, הָאט דֶער רבי זלה"ה אוֹיף גִיעֶפֶֿענְט דִי אוֹיגֶען אוּנ זָאגְט צוּם עוֹלָם, טָאמֶער קֶען מֶען מַאכֶען אַ מִנְיָן, אִיךְ הָאבּ אַצוּנְד יָאהְר־צַייט נָאךְ מַיין מוּטֶער, אוּנ זָאגְט מַיין מוּטֶער אִיז גֶעווֶען אַגְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִשָּׁה, עֶס הָאט זִיךְ בַּא אִיהְר אֵיין מָאהְל פַֿאר לָאשֶׁען שַׁבָּת אַבֶּענְטְשׁ לִיכְט הָאט זִיא אַזוֹ לַאנְג גֶעווֵיינְט פַֿאר השי"ת בִּיז וַואנֶען דִי לִיכְט הָאט זִיךְ אַלֵיין אָן גֶעצִינְדֶען, אוּנ אַז זִיא פְֿלֶעגְט דַארְפֶֿען זָאגֶען בְּרָכָה אִין דֶער פְֿרִיא, פְֿלֶעגְט זִיא גָאהְר זָאגֶען אִין קֶעלֶער סַאי ווִינְטֶער סַאי זוּמֶער, וַוייל דָארְט אִיז אַיין רֵיין אָרְט, אוּנ אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיא מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגֶען טָאמֶער אִיז נִיט רֵיין אוּנ אֵיין מָאהְל אִיז זִיא גֶעווֶען שְׁלַאף הָאט זִיא זִיךְ אַרָאפּ גֶעקַאטְשֶׁעט פֿוּנ'ם בֶּעט, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעקַאטְשֶׁעט בִּיז צוּם טִישׁ, אוּנ אוֹיפְֿ'ן טִישׁ אִיז גִילֶעגֶען סְפָרִים, אַזוֹ הָאט זִיא אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן רבש"ע וֶועגֶען דֶעם זְכוּת פֿוּן דִי הֵיילֶעגֶע סְפָרִים, אוּנ דִי הֵיילֶעגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ מִיר בַּאלְד צוּ שִׁיקֶען אַ רְפוּאָה אוּנ אַזוֹ אִיז גִיוֶוען, זִיא אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַיין רְפוּאָה פֿוּנ'ם אָרְט, נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִיךְ וֵויים נִיט דִי אַלֶע דְרַייא טֶעג. וָואס אִיךְ בִּין גִילֶעגֶען אוּנ הָאבּ נִיט גֶערֶעדְט הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹם'ט עֶס זֶענֶען בַּא מִיר גֶעוֶוען צְוֵויי מֶענְטְשֶׁען אֵיינֶער אִין דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד אוּנ אֵיינֶער אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אוּנ זֵייא הָאבֶּען מִיךְ גֶעפִֿיהְרְט אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אוּנ אִין אַלֶע הֵיכָלוֹת, נָאךְ דֶעם הָאבֶּען זֵייא מִיךְ צוּ גֶעפִֿיהְרְט צוּ אַיין שְׁטַארְק גְרוֹיסֶען הֵיכָל, מֶען קֶען זָאגֶען אַז עֶר אִיז גְרוֹיס ווִיא גַאנְץ עוה"ז, אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַגְרוֹיס גֶעשְׁרֵיי אוּנ אַרַעשׁ, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּא מַיין רֶעכְטֶער הַאנְט, זָאגְט עֶר צוּ מִיר, אִין דֶעם הֵיכָל זִיצְט דִי פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה, אוּנ זֵייא הָאבֶּען מִיךְ אַרַיין גֶעפִֿיהְרְט אִין דֶעם הֵיכָל, שְׁטֵייט אִין מִיטֶען הֵיכָל אַפַֿייעֶרְדֶעגֶער טִישׁ, אוּנ אַיין פַֿייעֶרְדִיגֶע שְׁטוּל, אוּנ אַיין פַֿייעֶרְדֶעגֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אוֹיף דֶער שְׁטוּל, זֶעה אִיךְ ווִיא עֶס גֵייט צוּ אַיין מֶענְטְשׁ, אוּנ זָאגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשֶׁען וָואס עֶר זִיצְט אוֹיף דֶער שְׁטוּל עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייד, אוּנ אִיז בַּאלְד אַוֶועק אִין דֶער זַייט, אַזוֹ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דֶער וָואס אִיז בַּא מַיין רֶעכְטֶער הַאנְט, דָאס אִיז ר' משה מגיד דַיין עֶרְשְׁטֶער שְׁוֶוער, דֶער נָאךְ הֶער אִיךְ ווִיא מֶען

זיין האט

האט אן געהויבען צו שרייען פנו מקום, מאכט א וועג און לאזט דורך דעם סטעפעניער מגיד, איך זעה אז דער סטעפעניער מגיד איז אריין געגאנגען, איז ער הויך און שיינט כתואר פני המלך, און גייט מיט א קרוין, און אין גאלדענע מלבושים, נאהר איין חסרון האט ער, אויף א באק איז בא איהם א שטראם, און דער מגיד איז צו געגאנגען צום טיש און האט גירעט מיט דעם פייערדעגען מענטשען אליינגע צייט, און זאגט אויפ'ן קול וואס האט מען צו איהם, ער דארף נאך לעבען, ער לערונט תורה לשמה, ובפרט אז זיין נאמען איז אזו וויא מיין נאמען, מיך רופט מען ישראל בער און איהם אויך אזוי. דאס האב איך גיהערט אין חלום, און האב זיך אויף געחאפט, און אז דער רבי זלה"ה איז געזונד געווארען נאך דעם פלעגט דער רבי זלה"ה תמיד זאגען, איך וואלט זייער וועלען זעהן פון סטעפין אמענטשען, טאמער וועט מען הערען אז עס וועט זיין איינער פון סטעפין זאהל מען איהם רופען צו מיר, און וויא עס איז געקומען פאר פסח, אזו איז געקומען צו פאהרען קיין ווילעדניק דעם סטעפינער מגיד'ס איין איניקעל עפעס מאכען געלט האט דער רבי זלה"ה געהייסען אז מען זאהל איהם רופען צו איהם, איז ער געקומען צום רבי'ן זלה"ה, פרעגט איהם דער רבי, דער מגיד איז געווען אייער זיידע? זאגט ער יא, פרעגט איהם דער רבי זלה"ה איהר געדיינקט איהם אקוראט אויף דער הייליגע צורה, זאגט ער יא, ער איז געווען איין הויכער, און זייער א שיינער נאהר איין חסרון האט ער געהאט אויף איין באק האט ער געהאט א שטראם און אז דער רבי זלה"ה האט דאס דער הערט, האט ער אויף געהויבען די הענט און זאגט, געלויבט איז השי"ת וואס מיין חלום איז איין אמת, נאכדעם האט דער רבי זלה"ה געשיקט זיין גבאי צו איין נגיד ר' שלמה, און האט בא איהם אנטליגען פופצעג רו"כ, און האט גיגעבען דעם סטעפינער מגיד'ס איניקעל איין נדבה זעכס און דרייסעג רו"כ, און פערצעהן רובל האט ער זיך גענומען אויף פסח און אויף אנדערע זאכען.

# לא.

מעשה. דער רבי זלה"ה איז געווען דעם טשערנאבילער מגיד'ס אתלמוד איז די ערשטע צייט פלעגט דער רבי זלה"ה פאהרען צום מגיד מטשערנאביל, איין מאהל איז געפאהרען דער רבי מיט נאך מענטשען אויף ראש השנה קיין טשערנאביל צום מגיד, און עס איז געווען די נאכט פון זכור ברית, זענען זייא געקומען אין איין דארף קאראהאד, שוין ניט ווייט פון טשערנאביל, האבען זייא זיך אפ געשטעלט בא איין קרעטשמע, און דער רבי זלה"ה מיט זיינע מענטשען

האבען

אריין געגאנגען אין קרעטשמע, זיצט אבעטלער און שפילט אויף א לירע
וויא דער רבי זלה"ה האט דער הערט, איז איהם זייער געפעלען, ער שטעלט
זיך אנידער לעבען בעטלער און הערט זיך צו וויא ער שפילט, אזו וויא ער
האט אפ געשפילט, בעט איהם דער רבי זלה"ה אז ער זאהל שפילען נאך איין
זאך, זאגט דער בעטלער ער זאהל איהם קויפען אביסעל בראנפען, האט איהם
דער רבי זלה"ה געקויפט אביסעל בראנפען האט ער ווייטער געשפילט, נאכדעם
קויפט דער רבי איהם ווידער אביסעל בראנפען, און ער שפילט, נאכדעם
האבען די מענטשען שוין געוואלט פאהרען וואס צום גיכסטען זייא זאלען אן
קומען צו זכור ברית קיין טשערנאביל, און דער רבי זלה"ה פאר געמט זיך
נאך מיט'ן בעטלער, אזו זענען זייא שטארק ברוגז געווארען אויפ'ן רבי'ן זלה"ה,
נאהר וואס קענען זייא טהון, איבער לאזען דעם רבי'ן דארט קאנען זייא ניט,
אקיצור דער בעטלער האט שוין אויף גיהערט צו שפילען אויף דער לירע, אזו
זענען זייא אוועק געפאהרען, און זייא זענען געקומען קיין טשערנאביל פאר
טאג, און אין שטאט האט מען שוין געזאגט סליחות, נאהר ביים מגיד האט
מען שוין אן געצונדען די ליכט, און דער מגיד האט געווארט מיט די סליחות,
און דער רבי זלה"ה מיט זיינע מענטשען זענען אריין געגאנגען צום מגיד האט
דער מגיד פריער זיך אקער גיגעבען צום רבי'ן זלה"ה, און האט בא איהם
מקבל שלום געווען, אזו האבען זייא שוין געוואוסט אז דער מגיד איז ניט ברוגז
אויפ'ן רבי'ן וואס ער האט זיך פאר זאמט, נאכדעם האבען זייא מקבל שלום
געווען, נאכ'ן קבלת שלום זאגט דער מגיד ז"ע צום רבי'ן זלה"ה, ישראל בער
דו האסט שוין איבער גענומען אין גאנצען דעם סוד פונ'ם שיר השירים אין
קאראהאד ביים בעטלער, אצונד האבען זייא שוין פאר שטאנען נאך וואס האט
זיך דער רבי זלה"ה פאר זאמט אין קרעטשמע און האט געהייסען שפילען
דעם בעטלער אויף דער לירע.

## לב.

מעשה. איין מאהל האט זיך געמאכט אז דער רבי זלה"ה האט ניט גע-
געסען דרייא טאג: אזו האבען איהם די גבאים אן געהויבען צו בעטען ער זאל
עפעס עסען, אזו האבען זייא איהם געבראכט אבולקע צום טיש, האט דער רבי
זלה"ה גענומען די בולקע, און האט זיא אשמעק געטהון, און פרעגט צו מען
האט גענומען חלה פון דעם טייג, און הייסט פרעגען די רבי'צען זיא איז געווען
אויף איין חתונה וואס עס איז געווען אין שטאט, איז מען געלאפען אויף דער
חתונה און מען האט זיא געפרעגט, ענטפערט די רבי'צען אז די דינסט האט

גֶענוּמֶען חַלָה, אַזוֹ הָאט מֶען גְיפְרֶעגְט דִי דִינְסְט זָאגְט זִיא אַז דִי רבי'צִען הָאט גֶענוּמֶען חַלָה, דֶער וַוייל אִיז מֶען גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז מֶען הָאט גָא"ר נִיט גֶענוּמֶען קַיין חַלָה.

## לג.

מעשה. אַיין מָאהְל הָאבֶּען זִיךְ חַבַּדְ'נִיקֶעס צוּנוֹיף גֶעגַאנְגֶען אִין ווילעדניק אִין אַשְׁטוּבּ אוּנ הָאבֶּען אָן גֶעהוֹיבֶּען אוֹיף שְׁרַייבֶּען דִי תּוֹרוֹת פוּנְ'ם רבי'ן זי"ע הָאט דֶער רבי זלה"ה דָאס דֶער פִיהְלְט בַּא זִיךְ, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט א גבאי צוּ זֵייא אַז מֶען זָאל זֵייא זָאגֶען אַז דֶער רבי זלה"ה וויל נִיט לַיידֶען מֶען זָאל שְׁרַייבֶּען זַיינֶע תּוֹרוֹת, אוּנ מֶען זָאהְל זֵייא זָאגֶען אַז מַלְאָכִים וּשְׂרָפִים הָאבֶּען נִיט קַיין הַשָּׂגָה אִין זַיין תּוֹרָה, אוּנ עֶר אַלֵיין אֵיידֶער עֶר הֵייבְּט אָן זָאגֶען וַוייסְט עֶר אוֹיךְ נִיט וָואס עֶס וֶועט זִיךְ זָאגֶען, נָאהְר דִי שְׁכִינָה רֶעדְט בַּא אִיהְם פוּן זַיין הַאלְדְז.

## לד.

מעשה. אַיין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין ווילעדניק אַיין אִשָּׁה פוּן אַווייטֶער שְׁטָאט מִיט צְווֵייא קִינְדֶער קְלֵיינֶע אוּנ זִיא אִיז גֶעוֶוען מעוברת אוֹיךְ, אוּנ זִיא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, אַזוֹ אִיז זִיא גֶעפָארֶען אוֹיף אַ סְטַאנְצְיֶע אַזוֹ הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אִיהְר בעל עגלה פוּן וַואנֶען זֵייא זֶענֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פוּן יֶענֶער שְׁטָאט, אוּנ זָאגְט צוּ דִי מֶענְטְשֶׁען אַז דֶער רבי וֶועט וִויסֶען וֶוער דִי אִשָּׁה אִיז וֶועט מֶען וִויסֶען אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער רבי, אוּנ דִי אִשָּׁה הָאט זִיךְ אָן גֶעטְהוּן גַאנְץ שַׁיין אוּנ אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם רבי'ן זלה"ה, אוּנ אַזוֹ וִויא זִיא הָאט נָאהְר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ רֵיידֶען, אַזוֹ טוּט אַ גֶעשְׁרֵייא דֶער רבי זלה"ה אוֹיף אִיהְר, אַרוֹיס פוּן דַאנֶען, דָאס קִינְד וָואס דוּ הַאלְסְט אוֹיף דִי הֶענְט אִיז אַ מַמְזֵר, אוּנ דָאס קִינְד וָואס גֵייט נָאךְ דִיר אִיז אוֹיךְ אַ מַמְזֵר, אוּנ טְרָאגֶען טְרָאגְסְטוּ אוֹיךְ אַ מַמְזֵר, וָואס גֵייסְטוּ צוּ מִיר, אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּבּ, זִיא הָאט אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט אַרוֹיס גֵיין, זָאגְט דֶער רבי אִיךְ בִּין דֶען אַ פָּרִיץ? וָואס דוּ בִּיסְט אַהֶער גֶעקוּמֶען צוּ מִיר פַאר פוּצְט, גֵייא אוּנ טְהוּ אָן פְּרָאסְטֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹ אִיז זִיא גֶעגַאנְגֶען, אוּנ הָאט אָן גֶעטְהוּן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַמָאל צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ וִויל עֶר זָאהְל אִיהְר עֶנְטְפֶערֶען אִיהְר בַּקָּשָׁה, זָאגְט דֶער רבי זלה"ה אִיךְ וֶועל דִיר נִיט עֶנְטְפֶערֶען בִּיז דוּ וֶועסְט שִׁיקֶען נָאךְ דַיין מַאן עֶר זָאהְל קוּמֶען, אוּנ דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען בַּא אִיהְם גֵט, וָוארוּם דוּ טָארְסְט מִיט אִיהְם נִיט וואנֶען, אַזוֹ הָאט זִיא גֶעמוּזְט שִׁיקֶען נָאךְ אִיר מַאהְן אוּנ הָאבֶּען זִיךְ

געגט

גֶע׳גֶט אִין ווילעדניק, דֶער נָאךְ הָאט אִיהְר דֶער רבי זללה"ה זי"ע גֶיעֶנְטְפֶערְט דָאס וָואס זִיא הָאט פֶערְלַאנְגְט.

# לה.

מעשה, דֶער רבי זלה"ה אִיז אֵיין מָאהְל גֶעפָאהְרֶען פוּנ'ם וֶועג, אוּנ מֶען הָאט אַרָאפּ גֶעבְּלָאנְדְזֶעט זֶענֶען זַייא גֶעקוּמֶען אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּנ הָאבֶּען גֶעוָואלְט פַאר פָארֶען אַהִין אִיבֶּער נַאכְט הָאט דֶער בעה"ב נִיט גֶעוָואלְט אַרַיין לָאזֶען זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען וַוייטֶער, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין זוביוּוסצינע לֶעבֶּען איסקארוסט דֶער מוכסן פוּן זוביוּוסצינע הָאט צוּ גֶענוּמֶען דֶעם רבי'ן זללה"ה מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אִיז שׁוֹין דֶער רבי דָארְט גֶעוֶוען אַגַאנְץ חוֹדֶש צַייט עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַוֶועק פָאהְרֶען עֶס אִיז אִיהְם זַייעֶר גִיפֶעלֶען גֶעוָוארֶען זובאוּוסצינע, נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען קַיין ווילעדניק אוּנ פַאר דֶעם פָאהְרֶען הָאט עֶר גִיבֶּענְטְשְׁט דֶעם מוכסן מִיט פִיל גוּטְס, אוּנ יֶענֶער מוכסן וָואס הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַרַיין לָאזֶען דֶעם רבי'ן אִיז עֶר שְׁטַארְק שְׁלַאף גֶעוָוארֶען, אַזוֹ אִיז גֶעקוּמֶען זַיין וַוייבּ קַיין ווילעדניק צוּם רבי'ן זלה"ה אוּנ הָאט זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט פַאר'ן רבי'ן עֶר זָאהְל זַייא מוֹחֵל זַיין אוּנ אִיהְר מַאהְן זָאהְל הָאבֶּען אַיין רְפוּאָה. עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי מַיין כָּבוֹד בִּין אִיךְ מוֹחֵל נָאהְר כָּבוֹד הַתּוֹרָה קֶען אִיךְ נִיט מוֹחֵל זַיין אַז השי"ת וֶועט וֶועלֶען וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין.

# לו.

מעשה, אֵיין מָאהְל אִיז דֶער רבי זלה"ה גֶעקוּמֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען צוּם מגיד קַיין טשערנאביל אוֹיף שַׁבָּת חֲזוֹן, אוּנ דַאמָאלְס אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג ר"ח אב. דָאנֶערְשְׁטָאג אוֹיף דֶער נַאכְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער רבי זלה"ה מִיט זַיינֶע מֶענְטְשֶׁען לֶעבִּין מגיד, זָאגְט דֶער מגיד, ישראל בער דוּ וֶועסְט מַאכֶען אַ סִיוּם אוֹיף אַ גְמָרָא אוֹיף מָארְגֶען מֶען זָאהְל עֶסֶען אַפְלֵיישִׁיקֶע סְעוּדָה, עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי יָא, הֵייבְּט מֶען אָן קְלֶערֶען וֶועלְכֶע גְמָרָא זָאהְל דֶער רבי לֶערְנֶען, זָאגֶען דִי מֶענְטְשֶׁען דִי גְמָרָא שַׁבָּת אוֹיף מָארְגֶען נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער מגיד גֶעפְּרַאוֶועט דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע מֶענְטְשֶׁען בַּיים טִישׁ הָאט דֶער מגיד פַאר שְׁטַאנֶען אַז דִי מֶענְטְשֶׁען גְלוֹיבֶּען גָאר נִיט אַז עֶר הָאט אָפּ גִילֶערוּנְט דִי גַאנְצֶע גְמָרָא אִיבֶּער נַאכְט קנ"ז דַפִּים, אוּנ מֶען הָאט אִיהְם גָאהְר נִיט גִיזֶעהְן לֶערְנֶען, פְרֶעגְט דֶער מגיד דֶעם רבי'ן, ישראל בער דוּ הָאסְט אָפּ גִילֶערוּנְט דִי גַאנְצֶע גְמָרָא עֶנְטְפֶערְט דֶער רבי זלה"ה יָא, אַ סִימָן וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען אַז אִין דֶער

גמרא

גמרא גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי פִיעֶל אַבַיֵי וְרָבָא, נָאךְ דֶער סְעוּדָה הָאט מֶען גֶעצֵיילְט אִיז אַזוֹ גֶעוֶוען וִויא דֶער רבי זלה"ה הָאט גֶעזָאגְט.

## לז.

איין מָאהְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רבי'ן זלה"ה אַ מַאן מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער זָאגְט דֶער רבי אִיהְר הָאט גֶעטְהוּן עֶפֶּעס איין עֲבֵרָה, אִיבֶּער דֶעם הָאט אִיהְר נִיט קַיין קִינְדֶער, עֶנְטְפֶערֶען זַייא מִיר ווייסֶען גָאר נִיט, הָאט הָרַב גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶער מַאנֶען, דוּ הָאסְט גֶעשְׁלָאגֶען דַיין וַוייבּ, אוּנ הָאסְט אָן גֶעטְהוּן אַ בִּזָיוֹן דֶער כַּלָה, אַזוֹ הָאבֶּען זַייא זִיךְ שׁוֹין דֶער מַאנְט, אַז זַיין פָאטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִיז גֶעבְּלִיבֶּען עֶר מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער אַ מֵיידִיל, אוּנ דִי יְרוּשָׁה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פַאר אִיהְם, אוּנ עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט חֲתוּנָה מַאכֶען דִי שְׁוֶועסְטֶער, אוּנ זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט זִיךְ קְרִיגֶען מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער אַז עֶר פְלֶעגְט אַמָאהְל גֶעבֶּען דֶער שְׁוֶועסְטֶער גֶעלְט אוֹיף אַ מַלְבּוּשׁ פְלֶעגְט זִי פַאר דְרִיסֶען, זִי אִיז אִיהְר גֶעוָואהְרֶען אַ שׂוֹנֵא, אוּנ צוּ דֶער שְׁוֶועסְטֶערְס חֲתוּנָה אַז מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט פִירֶען דִי כַּלָה צוּם חָתָן, הָאט דָאס וַוייבּ נִיט גֶעוָואלְט גֵיין מִיט דֶער כַּלָה, אוּנ דִי כַּלָה הָאט נִיט גֶעוָואלְט גֵיין אָן אִיהְר, אַזוֹ אִיז גֶעוָוארֶען אַ מַחְלוֹקֶת אוּנ עֶר אִיז גֶעוָוארֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפ'ן וַוייבּ אוּנ הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אַ פַּאטְשׁ, אַזוֹ אִיז גֶעוָוארֶען אַ קְרִיג. אוּנ דִי כַּלָה הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס בִּזָיוֹן, זָאגְט דֶער רבי פָאהְרְט אַהֵיים אוּנ בֶּעט אִיבֶּער דִי שְׁוֶועסְטֶער וֶועט אִיהְר הָאבֶּען קִינְדֶער, אוּנ אַזוֹ הָאבֶּען זַייא גֶעטְהוּן אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאט קִינְדֶער.

## לח.

מעשה. אִין זיטאמיר אִיז גֶעוֶוען הר' מאיר סטירט, אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען צוּם רבי'ן קַיין ווילעדניק בֶּעטֶען אוֹיף קִינְדֶער מִיט לַיינְגֶע יָאהְר, הָאט אִיהְם דֶער רבי זלה"ה גֶעזָאגְט, בַּא דִיר אִיז דָא אַפּוֹסְטֶע מִיהְל לֶעבֶּען דָארְף, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיא זָאהְל שְׁטֵיין פּוּסְט, צוּ נֶעם זִיא בֶּעסֶער, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אוּנ הָאט זִיךְ גָאהְר פַאר גֶעסֶען אִין דֶער מִיהְל, וַיְהִי הַיּוֹם אִיז זַיין וַוייבּ גֶעגַאנְגֶען דְרַייא טָאג צוּ קִינְד, אוּנ עֶר אִיז נִיט גֶעוֶוען אִין דֶער הֵיים, דֶער וַוייל אִיז גֶעפָאהְרֶען איין עָרֵל פוּנ'ם דָארְף רַייטֶענְדִיג אוֹיף אַ פֶערְד אַהִין דָארְט וִויא עֶר אִיז גֶעוֶוען זָאגְט דֶער עָרֵל צוּ אִיהְם מֵאִיר דוּ בִּיסְט גָאהְר דָא ? אוּנ דַיין וַוייבּ וֶועט בַּאלְד שְׁטַארְבֶּען, זִי קֶען נִיט הָאבֶּען דָאס קִינְד, אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ דֶער שְׁרָאקֶען, אוּנ אוּנ הָאט גֶענוּמֶען דָאס פֶערְד בַּיים עָרֵל אוּנ לוֹיפְט אַהֵיים, פָארֶענְדֶעג דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אַז הרב הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאהְל צוּנֶעמֶען דִי פּוּסְטֶע מִיהְל אִיז

ער צו געפאהרען צו דער מיהל און האט אן געהויבען צו נעמען די מיהל, אזו האט דאס ווייב דארט געהאט דאס קינד.

## לט.

איין מאהל איז געוועזען דער רבי זלה"ה בזיטאמיר, און דאמאלס איז געוועזען א שלאפקייט ר"ל, איז געוועזען באלעגערט דער מויער פונ'ם רבי'ן זלה"ה מיט מענטשען און הרב פלעגט געבען סגולות דער צו, נאהר מחמת ער האט ניט געקענט פאר נעמען די גרויסע געשרייען איז הרב אפ געפאהרען אין א דארף נעבען זיטאמיר סאקאלע-וואגירע בא דעם מוכסן איז געוועזען איין איינגעל פון פיהר יאהר האט ער געהאט אין זיך איין שלאפקייט ר"ל, ער האט ניט געקענט שלאפען. און ער פלעגט נאהר שרייען, האט דער מוכסן געבעטען ביים רבי'ן א סגולה, זאגט הרב צו איהם נעהם ריינע וואטע און טונק איין אין גוטען בוימ-אייל, און לייג איהם אריין אין אויער האט מען אזו געטהון, איז דאס איינגעל אנשלאפען געווארען און איז געשלאפען צוויי און דרייסיג שעה, און נאכדעם איז ארויס געפאלען פונ'ם אויער אקנויל מיט ווערים, האט ער זיך אויף געהאפט און שרייט שוין ניט, דער מוכסן איז געווארען זייער פריידיך, און דער ציילט דעם רבי'ן, זאגט דער רבי צו איהם נאך וואס האסטו דער ציילט, איך האב מורא פאר א עין הרע, דער רבי איז אוועק געפאהרען פון דארט, און אין א קורצער צייט ארום האט זיך ווייטער אן גערופען דאס שלאפקייט אזו וויא פריער, מען טוט ווייטער די סגולה און עס העלפט אבער ניט, דער וויל איז דורך געפאהרען דארט דער טשערנאבילער מגיד האט דער מוכסן דער ציילט דעם מגיד די מעשה אז דער ווילעדניקער האט איהם געזאגט די סגולה און עס העלפט ניט, ענטפערט דער מגיד, דער ווילעדניקער רבי האט דאך דיר געזאגט די סגולה היים איך דיר ווייטער טהון, אזו האבען זייא געטהון האט שוין ווידער געהאלפען דאס איינגעל איז שוין געווארען געזונד.

## מ.

די מעשה האב איך געהערט פון ר' יהושע יעקב כ"ץ פון זיטאמיר, אז עס איז געוועזען אפאטער מיט א זוהן, האבען זייא איינמאהל גירעט אויפ'ן רבי'ן שלעכטס, איז דער זוהן געווארען בלינד, זענען זייא געפארען צום רבי'ן זלה"ה אבער דער רבי האט זייא ניט געוואלט ענטפערען, האבען זייא זיך געשטעלט דארט וויא דער רבי דארף גיין, און אז דער רבי איז געגאנגען האבען זייא איהם ניט געלאזט גיין, און האבען אן געהויבען צו וויינען, רבי ראטעוועט מיין זוהן

דער

האט דער רבי אויף געהויבען די פאטשיילע פונ'ם בלינדענס אויגען האט דער בלינדער אן געהויבען צו זעהן, זאגט איהם הרב דו זאלסט זיך צו היטען, אונ דער בלינדער האט זיך ניט געהיט, איז ער ווייטער בלינד געווארען, איז ער געקומען צום רבי'ן האט דער רבי גיגעבען סגולות, נאהר ער האט אבער געהאט יסורים ביז וואנען ער איז געהאלפען געווארען.

מא צווייא מענטשען פון ווילעדניק זענען געפאהרען קיין ברדיטשוב אויפ'ן יריד, זענען זייא געגאנגען צום רבי'ן זלה"ה זיך גיזעגענען האט זיי דער רבי געזאגט אז זייא וועלען קאנטשען דעם יריד זאלען זייא אריין גיין צום רבי'ן ר' לוי יצחק זלה"ה מברדיטשוב, זענען זייא אוועק געפאהרען, נאכ'ן יריד זענען זיי געגאנגען צום ברדיטשובער רבי'ן זלה"ה, אונ וויא זיי זענען נאהר אריין געגאנגען אויף דער טהיר, הויבט אן הרב צו שרייען אוי ווייא וואס וועט היינט דער מלאך מיכאל זאגען אונ שרייט נאך אמאהל די אייגענע ווערטער, אונ וויל מיט זיי גאהר ניט ריידען, נאהר ער שרייעט וואס וועט דער מלאך „מיכאל" זאגען, זייא זעהן אז מען קען מיט איהם ניט ריידען, זענען זייא אוועק געגאנגען, אונ זענען געפאהרען אהיים, וויא זייא זענען געקומען קיין ווילעדניק אונ זענען אריין גע-גאנגען צום רבי'ן זלה"ה אונ דער ציילען איהם די מעשה, ענטפערט דער רבי ער איז דאך מאקע גערעכט, אז איהר האט יא געהאט אגוטען יריד, נאך וואס האט איהר נאך אוועק גע'גנב'עט א שטיק געוואנט, היינט וויא אזו קען דער מלאך מיכאל זיין אמליץ פאר אייך.

מב אין זיטאמיר איז געוועזן איינער א מקורב, האט ער געהאט אבתולה וויפיעל שדוכים מ'האט איהר גירעט, איז פאר'ן גמר צו שלאגען געווארען, איין מאהל האט מען איהר גירעט אשידוך האט דער פאטער מורא געהאט טאמער וועט זיך ווידער צו גיין, איז ער געפאהרען להרב, אונ אז ער איז אריין געגאנגען צום רבי'ן, זאגט דער רבי, וואס זאגט איהר אויף דעם מחותן, דארט איז תנאים בא דער טאכטער אונ ער איז דא, האט הרב געהייסען געבען אטעלער אונ האט צו בראכען, אונ זאגט צו איהם מזל טוב! פאהר אהיים עס איז שוין געוועזן דארט תנאים, אונ אין דער רגע איז מאקע געוועזן דארט תנאים.

מג מעשה אין קארעץ איז געוועזן איין עושר אחשובי בנים, אזו איז ער ניין יאהר געפאהרען צום רבי'ן, אונ אויפ'ן צעהנטען יאהר זאגט דער רבי זלה"ה דיין ווייב וועט האבען א קינד היינטיגעס יאהר, אונ נעהם אויף זיך אז דו זאלסט געבען אלע חודש בוימאייל אויף א ציון פון א רבי'ן, וואס פאר א רבי'ן האט ער איהם ניט געזאגט, אונ אין דעם יאהר איז הרב זלה"ה נפטר געווארען.

ענדע

# מודעה רבה לאורייתא

בשבטי ישראל אודיע כי עשיתי שותפות במלאכת הדפוס עם המדפיס דפה זיטאמיר הג' הר' **יוסף קעסעלמאן** בדפוס המשיבח שלו ואוכל להדפיס אי"ה בנייר לבן ויפה ואותיות חדשות ויפות ובכל מיני פארי צעצועים המיפים את הידור ההדפסה ובהגה"ה מדויקת מאד אפי' מכ"י ובלי השגחת המחבר. והנני מקבל הדפסת ספרים בכל לשון עברית, וע"ט, (זשארגאן) ורוסיש, ופוליש, וגם כלם יחד מעורב ולעשות עליהם מאטריצין ופלאטין טובים ונאים מאד והכל בהידור בשקידה ובזריזות, ובמקח השוה ובהרחבת זמן התשלומין כראוי.

## אלה הספרים שיצאו מבית הדפוס ונמצאים אצלנו למכירה.

ספר **זכרון יהושע** בשלשה חלקים, הראשון כולל חדושים ובאורים על ש"ס, מן מסכת ברכות עד סנהדרין, השני מסנהדרין עד גמירא. השלישי נקרא **פרי יהושע** כולל דרשות ופלפולים גם מילי דאגדתא חדושים ובאורים על אגדות ומדרשים ובסופו חדושים על ש"ע או"ח יו"ד וחו"מ.

מאת א"א ז"ל הרה"ג **יהושע פיינבערג** זללה"ה מאוורוטש.

מחירו א' רו"כ עם המשלות.

ספר **מנחת ברוך** והוא על שמות אנשים ונשים איך נכתבים בגטין כתובות ועליו באור ארוך תקוני תשובה, הערות על פ"ת שבחלק אהע"ז מגאוני קדמאי ובתראי מחזיק ס"ו דפים מאת הרב הר"ר **ברוך** מו"צ דפה זיטאמיר. מחירו 50 קאפ' בלי משלוח.

ספר **מקור ברוך** שמות אנשים ונשים בפרוטרוט כסדר הקב נקי ועליו באור רחב נטע שעשועים. נצרך מאד לרבנים מסדרי גטין, ולחזנים כותבי כתובות לנשואין. מאת הרב הנ"ל, מחירו 40 קאפ' בלי משלוח הקונה שניהם ויחד מחירם רק 75 קאפ' בלי משלוח.

ספר **ציוני שלום** אספת מאמרי חז"ל מירושלמי ומדרשות וזוהר ע"פ א"ב בסדרו של הקארקאדענציע, עם הערות „דברי שלום" ו„מאמר שלום", מאת הרה"ג **שלום נאטאנזאהן** (משדה לבן פלך קיוב). יכיל 360 עמודים. מחירו 1-50 ועם המשלוח 1-75

**כן הולך ונדפס** ספר שאלות ותשובות **„ברכה מציון"** ובקרב יופיע לאור. כולל שו"ת בארבע חלקי שו"ע, בכמה הוראות נחוצות מיוסדים על אדני הפלפול והעיון ע"פ יסודות הש"ס והפוסקים, וכללי הוראה.

מאת **ברוך בן ציון הכהן ראפפורט** אבד"ק **טשאפאוויטש.**

כל אשר דבר לו בענין הדפסה יוכל לפנות אלי על האדרעססע דלמטה וישיג מענה **תו"מ**.

אדרעססע אלי: Э. Файнбергу. Житоміръ, Тип. І. Кесельмана.